STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06341

# BRIV FUN TOYTN-HOYZ

Ethel Rosenberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עטל און יוליוס ראָזענבערג

# בריוו פון טויטן-הויז

אַרויסגעגעבן פון דער
געזעלשאַפט פריינט פון „טריבונע"

★

בוענאָס אײַרעס
1954

JULIUS y ETHEL ROSENBERG

# CARTAS DE LA CAMARA DE MUERTE

EDICION TRIBUNA

Este libro terminóse de imprimir
el día 15 de junio de 1954, en los
Talleres Gráficos "Kalifón" S.R.L.
Miró 747, Buenos Aires.

עטל ראָזענבערג

# אויב מיר וועלן שטאַרבן

דאָס ליד האָט עטל ראָזענבערג אָנגעשריבן סאָף מײַ 1953, אין איר טויט־קאַמער, אין סינג־סינג.

איר וועט וויסן מײַנע זין, איר וועט וויסן
פֿאַרוואָס ניט־דערזונגען איז אונדזער ניגון,
דאָס בוך ניט־דערלייענט, די אַרבעט ניט־פֿאַרענדיקט,
און אונטער אַ בערגל ערד מיר ליגן.

אָ, קלאָגט ניט מער, מײַנע זין, ניט מער געקלאָגט,
עס פּלאַצן די בילבולים אין ליכט פֿון טאָג;
די גאַנצע וועלט וועט אונדזער וויי דערהערן
און דערזען אונדזערע טרערן.

שמייכלען וועט די ערד, מײַנע זין, שמייכלען אין פֿרייד —
און איבער אונדזער פּלאַץ פֿון רו, דער סאָף פֿון לייד,
וועט גרין זײַן אויסגעשפּרייט, אַ גרינער באַלעם,
און שטראַלן וועט וועלט אין ברידערלעכקייט און שאָלעם.

אַרבעט און בויט, מײַנע זין, און בויט
אַ מאָנומענט צו ליבשאַפֿט און צו גליק דערהייבן,
צו ווירדע פֿון מענטש, און צו אונדזער העלן גלויבן
אין אײַך, מײַנע זין, אין אײַך!

יידיש: בער גרין

אַ דאָקומענט און אַ מאָנומענט פון זייער אומשולד, פון זייער נעשאָמע־ריינקייט און הויכער מענטשלעכקייט, פון זייער אַכראַיעס פאַר דער גערעכטיקייט, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט באַפלעקן מיט פאַלשן מוידע זײַן, פון זייער טיפער ליבע און זײער זאָרג פאַר דער דערציִונג פון זייערע קינדער, פון זייער אייגענער דערציִונג וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער פּראָגרעסיווער ייִדישער שול און אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג...

איינציַיִטיק דערמיט אַ שאַנד־סלופּ פאַר זייערע מערדער. אַ דאָקומענט פון אַ יוסטיץ־מאָרד, פון אַ ציניש און בייזן בילבל און אינסצעניזירטן פאַלשן מישפּעט, מיט אונטערגעשטעלטע איידעס און אינקוויזיטאָרישער אויספּרעסונג פון פאַלשע דערקלערונגען, מיט דער פאַרברעכערישער אויסרעכענונג צו באַרעכטיקן אין די אויגן פון דעם אייגענעם פאָלק און פון דער וועלט אַ נײַע וועלט־שכיטע מיט דער הילף פון מאַסן־מערדערישן אַטאָמישן וואָפן...

אָט דאָס זײַנען די בריוו פון עטל און יוליוס ראָזענבערג, געשריבן אין דער סינג־סינג־טפּיסע, ווו זיי זײַנען געזעסן פאַרמישפּעטע צום טויט זינט דעם 5טן אַפּריל 1951, ביז דעם 19טן יוני 1953, ווען זיי זײַנען פאַרברענט געוואָרן אַפן עלעקטרישן שטול, צו דער אייביקער שאַנד פון זייערע מערדער און צום אייביקן ליכטיקן אָנדענק פון די צוויי מאַרטירער פאַרן עמעס.

דער דאָזיקער יוסטיץ־מאָרד, די אָפן, ציניש און בייזוויליק געטראָטענע גערעכטיקייט מיצאַד דעם העכסטן געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט אויפגערודערט און אויפגעשוידערט די וועלט, יעדן מענטשן מיט געוויסן און האָט דערמאָנט דעם אַנטי־סעמיטישן בילבל און פּראָצעס פון דער פראַנצויזישער רעאַקציע אַף דעם ייִדישן קאַפּיטאַן דרייפוס אין יאָר 1894, דעם צאַרישן בלוט־בילבל און פּראָצעס אַף דעם ייִדן ביילים אין 1912 און דעם פּראָצעס פון אַן ענלעכן יענקישן הויכן געריכט קעגן די צוויי איטאַליענישע

פֿאָלקס-מענטשן סאַקאָ און וואַנצעטי, אין 1927, וואָס האָבן אויפֿ-
גערודערט דעם וועלט-געוויסן.

עס האָבן פּראָטעסטירט און אַפּעלירט צו באַגנאַדיקונג די העכסטע אינסטאַנצן פֿון דער געוויסן-וועלט, פֿון די גלויבנס און פֿון דער וויסנשאַפֿט, פֿון דער קונסט און פֿון דער פּאָליטיק, די וועלט האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם באַם ראַדיאָ אָפּוואַרטנדיק דאָס וואָרט פֿון גערעכטיקייט, וואָס האָט באַדאַרפֿט קומען פֿונעם ווײַסן הויז אין וואַשינגטאָן. נאָר אַנשטאָט דער בשורה פֿון גערעכטיקייט, האָט דער ראַדיאָ אָנגעזאָגט דעם מאָרד.

די וועלט האָט דעם אָנזאָג אויפֿגענומען ווי אַן אַרויסרוף דער גאַנצער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, דער רעליגיעזער ווי דער וועלטלעכער, אַלע פּרינציפּן פֿון דער מענטשלעכקייט, ווי אַ גראָבן אָפּשטויס פֿון אַן אָנגעפּרעסענעם טאַקיף, אָדער ווי דעם אויסדרוק פֿון אַ גענגסטער-באַנעם וועגן וועלט און מענטש, וואָס אימפּאָנירט זיך איבער אַלץ וואָס איז גײַסטיק העכער. — אַ צווילינג-באַנעם צום היטלעריסטישן.

„טריבונע" גיט אַרויס דאָס בוך מיט די בריוו פֿון עטל און יוליוס ראָזענבערג ווי אַ דאָקומענט און ווי אַ מאָנומענט די צוויי מאַרטירער פֿון דער גערעכטיקייט און זייער פּאַרטיידיקער עמאַ-נועל בלאָך, וואָס איז גענגסטעריש דערמאָרדעט געוואָרן דורך די זעלבע יוסטיץ-מערדער, קעדיי צו שטערן דער רעוויזיע פֿון דעם פּראָצעס, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן פֿון אַן אינטערנאַציאָ-נאַלן געריכט מיט זײַן מיטאַרבעט, און אַזוי אַרום צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון זייער פֿאַרברעכן.

וויי צו די וואָס הויפּענען אָן פֿאַרברעכן אַף פֿאַרברעכן! — האָט געזאָגט דער נאָווי.

וויי צו זיי, זיי נאָגלען זיך אַליין צו צום שאַנד-סלופּ!

זייער שטראָף וועט זײַן דער ניצאָכן פֿון דעם שאָלעם, וואָס וועט אויך זײַן דער ניצאָכן פֿון דער מענטשלעכער גערעכטיקייט, פֿון דעם עמעס, פֿון דער אומשולד.

„ט ר י ב ו נ ע"

# כראָנאָלאָגישער איבערזיכט איבער דער ראָזענבערג־אַפּערע

די בריוו, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, זײַנען אויסגעקליבן צווישן הונדערטער בריוו, וועלכע די ראָזענבערגס האָבן צווישן זיך געשריבן אין פאַרלויף פון די דרײַ יאָר, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין טויטן־הויז פון סינג־סינג. דער לייענער וועט אין די דאָזיקע בריוו געפינען די אָפּשפּיגלונג פון עטל און יוליוס ראָזענבערג אין זייער גאַנצער עטישער און מאָראַלישער דערהויבנקייט. אָבער די דאָזיקע געציילטע בריוו זײַנען ווײַט ניט גענוג צו געבן דעם לייענער אַ געשיכטלעכן איבערבליק איבער דער גאַנצער ראָזענבערג־אַפּערע און איבערהויפּט פאַר די, וועלכע האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן דעם גאַנג פון פּראָצעס. מיר גיבן דאָ דעריבער אַ קורצן כראָנאָלאָגישן איבערזיכט פון די וויכטיקסטע פאַקטן און געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר און נאָך דעם טויט־אורטייל און ווי אַזוי עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער מאָרד פון 19טן יוני 1953.

עטל ראָזענבערג איז אַלט געווען 37 יאָר און יוליוס 35 ווען זיי זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן אויף דעם עלעקטרישן שטול. קינדער פון ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען זיי ביידע דערצויגן געוואָרן אין ייִדישן קוואַרטאַל איסט־סײַד פון ניו־יאָרק, וווּ זיי האָבן צוזאַמען מיט דער אַמעריקאַנער קולטור דערהאַלטן די פעדעם מיט דער אַלטער ייִדישער קולטור און טראַדיציעס. לעבנדיק אין אַ סוויווע פון ייִדישע האָרעפּאַשניקעס, וווּ דאַכקעס און נויט זײַנען אַ טאָג־טעגלעכע דערשײַנונג, האָט זיך אין זיי אַנטוויקלט דאָס נאַטירלעכע געפיל און ווילן פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און מענטשלעכן יושער.

עטל און יוליוס זײַנען אויסגעוואַקסן און זיך דערצויגן ווי צוויי איינפאַכע ייִדישע פאָלקס־מענטשן מיטן טיפן גלויבן אין דער צוקונפט פון דער מענטשהייט און אין זייער אייגענער צוקונפט. זיי האָבן פאַר זיך ניט געהאַט קיין גרויסע אַמביציעס, געשטרעבט צו אַ שטיל, רויִק, גליקלעך פאַמיליע־לעבן פאַר זיך און זייערע קינדער. אָבער דער גורל האָט אַנדערש באַשטימט. אין מיטן בליִענדיקן לעבן, זײַנען זיי שענדלעך דערמאָרדעט געוואָרן און זייערע קינדער זײַנען געבליבן יתומים.

1939. — נאָכדעם ווי יוליוס האָט באַקומען זײַן דיפּלאָם פון אוניווערזיטעט אין ניו־יאָרק, אַלס אינזשעניער, איז פאַרגעקומען זײַן חתונה מיט עטל, וועלכע ער האָט געקענט זײַט 1936. אין דער ערשטער צײַט האָבן זיי געוווינט אין וואַשינגטאָן, וווּ עטל האָט געאַרבעט אַלס דאַקטילאָ. נאָכדעם ווי יוליוס האָט באַקומען אַ פּאָסטן אין ניו־יאָרק אויף אַ רעגירונגס־אַמט, ציִען זיי זיך איבער קיין ניו־יאָרק, וווּ זיי וווינען צוזאַמען מיט דער מוטער פון עטל.

1942. — די ראָזענבערגס באַקומען ענדלעך פאַר זיך אַ דירע אין אַ ביליקן וווינונגס־קוואַרטאַל, וווּ זיי וווינען קעסיידער ביז זייער אַרעסט.

1943. — דאַוויד גרינגלאַס, עטלס ברודער, נאָר וואָס פאַרהייראַט, טרעט אַרײַן אין דער אַרמיי.

1945. — יוליוס פאַרלירט זײַן פּאָסטן. ער ווערט אָפּגעזאָגט אונטער דער באַשולדיקונג, אַז שום באַווײַזן, אַז ער זאָל זײַן אַ קאָמוניסט. דאַוויד גרינגלאַס געפינט זיך אין דער צײַט אין לאָס אַלמאָס, וווּ ער אַרבעט אַלס מעכאַניקער אין אַטאָמישן צענטער. ער געפינט זיך דאָרט אַלס סאָלדאַט און זײַן פרוי, רות, קומט אים דאָרט אָפט באַזוכן.

1946. — יוליוס מיט עטלס ברודער, בערנאַרד, עפענען אַ געשעפט פון אַלטע מאַשינען. דאַוויד, וועלכער ווערט דורך דער צײַט דעמאָביליזירט, טרעט אַרײַן אַלס דריטער שותּף.

1947. — די פירמע ווערט איבעראָרגאַניזירט אונטער אַ נײַעם נאָמען. עס דאַרף אַרײַנטרעטן אַ פערטער שותּף און אַרײַנלייגן נײַעם קאַפּיטאַל.

1949. — דאָס געשעפט גייט שלעכט. דאַוויד און בערנאַרד טרעטן אַרויס פון דער פירמע. יוליוס האַלט, אַז דאָס געשעפט קען ווײַטער עקזיסטירן און באַשליסט עס אַליין צו פירן.

## יאַנואַר 1950 —

יוליוס פאַרהאַנדלט מיט זײַן שוואָגער דאַוויד אָפּצוקויפן זײַן טייל. די פאַרהאַנדלונגען ציִען זיך ביז מײַ: מען קומט דורך פאַרן פרײַז פון טויזנט דאָלער. אָבער יוליוס קען ניט אָפּן מאָמענט באַצאָלן די טויזנט דאָלער. דאָס דערפירט צו אַרומרײַסענישן צווישן דער פאַמיליע. און די פאַמיליע גרינגלאַס האָט זאָגאָר אין אַ געוויסן מאָמענט איבערגעגעבן אַן אַדוואָקאַט ער זאָל פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן די ראָזענבערגס.

## פעברואַר 1950 —

אַן אַגענט פון דער פ.ב.י. (אַמעריקאַנער אויספאָרשונגס־פּאָליציי) קומט צו דאַוויד גרינגלאַס און פרעגט אים אויס וועגן די פּערזאָנען מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט אין דער צײַט פון זײַן דינסט אין אַטאָמישן צענטער אין לאָס אַלמאָס. עס האַנדלט זיך אין אַ געוויסן קוואַנטיטעט אוראַניום, וועלכער זאָל האָבן פאַרשווונדן פון צענטער אין דער דאָזיקער צײַט. דער נאָמען פון די ראָזענבערגס ווערט בײַ דעם פאַרהער ניט דערמאָנט.

## 15טער יוני 1950 —

דאַוויד גרינגלאַס ווערט אַרעסטירט בײַ זיך אין שטוב דורך פיר אַגענטן פון דער פ.ב.י. פינף שעה האָט געדויערט די רעוויזיע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן בײַ אים אין הויז. צווישן אַלטע פּאַפּירן געפינט מען אַ בויגן פּאַפּיר מיט מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען געשריבן דורך יוליוס ראָזענבערג. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז דאָס געווען אַן איינפאַכע לעקציע פון מאַטעמאַטיק נאָך פון דער שול, ווו ראָזענבערג האָט שטודירט. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, ווען דער נאָמען ראָזענבערג איז געוואָרן דערמאָנט.

## 16טער יוני 1950 —

יוליוס ראָזענבערג ווערט אײַנגעלאַדן אין פ.ב.י. אויף אַן אויספאָרשונג, ווו מען גיט אים איבער, אַז דאַוויד גרינגלאַס האָט זיך מודיע געווען, אַז ער האָט אַרויסגעגאַנוועט אַטאָמישע סודות און זיי איבערגעגעבן דעם סאָוועטישן פאַרבאַנד און אַז ער האָט דאָס געטאָן לויט די אָנווײַזונגען פון יוליוסן. יוליוס ווערט ניט פאַרהאַלטן דורך דער פ.ב.י. רות, די פרוי פון דאַוויד גרינגלאַס, באַשטימט אַלס פּאַרטיידיקער פאַר איר מאַן דעם אַדוואָקאַט זשאַן ראָדזשי.

## אָנפאַנג יולי 1950 —

דאַוויד גרינגלאַס ווערט אָפיציעל אָנגעקלאָגט אין שפּיאָנאַזש אין פיר בײַ־

שולדיקונגען. אבער זיין פראצעס ווערט עטלעכע מאל אפגעלייגט נאך א פארשטענדיקונג פון זיין אדוואקאט מיטן פראקוראר ארווינג סייפאל. רוט גרינגלאס ווערט אין פארלויף פון דריי טעג קעסיידער געפארשט אין דער פ.ב.י. אין דער אנוועזנהייט פון איר מאן דאוויד, זיין אדוואקאט און דעם פראקוראר. נאך דער ענדע פון די אויספארשונגען שרייבן זיי אונטער בײדע, דאס הייסט רוט און דאוויד, א דעקלאראציע, אין וועלכער זיי זײנען זיך מודה אין זייערע פארברעכנס און ציען אריין די ראזענבערגס.

## 17טער יולי 1950 —

יוליוס ראזענבערג ווערט ארעסטירט.

## 20טער יולי 1950 —

מאקס עליטשער, א געוועזענער כאווער פון יוליוס, ווערט געפארשט דורך דער פאליציי. ער איז באשולדיקט אין האבן אפגעגעבן א פאלשע שווּע. נאך צוועלף שא פארהער שרייבט ער אונטער א דעקלאראציע, אז אין פארלויף פון צוויי וויזיטן, וואס יוליוס האט אפגעשטאט, האט ער אים קעסיידער צוגערעדט, אז ער זאל זיך פארנעמען מיט שפיאנאזש לטובת ראטנפארבאנד. וועגן דער באשולדיקונג קעגן אים איבער זיין פאלשער שווּע איז קיינמאל מער נישט גערעדט געווארן.

## 12טער אויגוסט 1950 —

עטל ראזענבערג ווערט ארעסטירט אין מאמענט, ווען זי פארלאזט דאס געריכט־הויז, וווּ זי איז צום צווייטן מאל ארויסגערופן געווארן איידעס זאגן איבער איר מאן.

## 16טער אויגוסט 1950

מארטין סאבאל ווערט ארעסטירט אין מעקסיקע. מען שיקט אים אריבער די אמעריקאנער גרענעץ, וווּ עס ווארטן שוין אויף אים אגענטן פון דער פ.ב.י. ער ווערט ארעסטירט אונטער דער באשולדיקונג, אז ער האט געהאט געשפרעכן מיט יוליוס ראזענבערג יעדע זעקס מאנאטן אין פארלויף פון 2 מיט א האלב יאר.

## 17טער אויגוסט 1950

די ערשטע אפיציעלע באשולדיקונגס־אקציע ווערט אונטערגענומען קעגן די ראזענבערגס. זיי ווערן באשולדיקט אין איבערגעבן אטאמישע סודעס דעם אנגעשטעלטן פון דער סאוועטישער אמבאסאדע, אנאטאלי יאקאוולעוו, (וועלכער האט דורך דער צײַט שוין געהאט פארלאזט אמעריקע). אלס מיטהעלפער ווערן אנגעגעבן דאוויד און רוט גרינגלאס ווי אויך הארי גאלד, וועלכער איז ארעסטירט געווארן אין מאנאט מיי אין פילאדעלפיע. אלס קויציע פאר די ראזענבערגס איז געווארן באשטימט די קאלאסאלע סומע פון הונדערט טויזנט דאלער.

## 10טער אקטאבער 1950 —

צווייטע באשולדיקונגס־אקציע, וווּ מארטין סאבאל ווערט אפיציעל צוגעגעבן צו דער ליסטע פון די באשולדיקטע.

## 19טער אקטאבער 1950 —

דאוויד גרינגלאס דערקלערט זיך שולדיק פארן געריכט.

## 31טער יאנואר 1951 —

דריטע באשולדיקונגס־אקציע, וועלכע שטעלט פעסט די דאטע פון ווען דאס פארברעכן האט זיך אנגעהויבן אויף דעם 6טן יולי 1944. צום ערשטן מאל ווערט פארגעלייענט די דעקלאראציע פון מאקס עליטשער, וועלכער באשולדיקט די ראזענבערגס.

## 6טער מאַרץ 1951 —

דער פראצעס פון עטל און יוליוס ראזענבערג מיט מארטין סאבאל הייבט זיך

אַז פּאַר אַ געריכט פון געשוווירענע אונטער דעם פאָרזיץ פון ריכטער קויפמאַן. אַלס באַשולדיקער טרעטן אַרויס דער פּראָקוראָר סייפאל און דער געהילף מילעם לאַנע. די אַדוואָקאַטן פון די ראָזענבערגס זײַנען עמאַנועל בלאָך און זײַן פאָטער אַלעקסאַנדער.

דער איניען גרינגלאַס איז געוואָרן אָפּגעטיילט פון פּראָצעס, ווײַל נאָך אין אָקטאָבער האָט ער זיך אָנערקענט אַלס שולדיק, טראָץ דעם, וואָס ער איז נאָך ניט געוואָרן געמישפּעט. זײַן פרוי רות, וועלכע האָט זיך אויך מודה געווען און האָט פיגורירט אין דער דאָסיע אַלס מיטבאַטייליקטע אין שפּיאָנאַזש־קאָמפּלאָט, טראָץ דעם אַלעם, איז זי קיינמאָל ניט געווען אַרעסטירט און קעגן איר איז ביכלאַל ניט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן קיין באַשולדיקונגס־אַקט.

## 6—29טן מאַרץ 1951 —

אין פאַרלויף פון איבער דרײַ וואָכן האָט געדויערט דער פּראָצעס. די באַשולדיקונג, וועלכע האָט געזאָלט צושטעלן 112 עדות, דערונטער אַטאָמישע עקספּערטן ווי דער גענעראַל ליסיל גראַוועס און דעם פּראָפעסאָר האַראָלד אורע, האָט בלויז אַרויסגערופן 23 פּערזאָן און קיין איינעם ניט פון די עקספּערטן.

די ראָזענבערגס און מאַרטין סאָבאָל האָבן זיך דערקלערט אומשולדיק און האָבן, ווי באַוווּסט, קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו פּראָקלאַמירן זייער אומשולד. קיין שום דאָקומענט אָדער באַווײַז איז ניט געבראַכט געוואָרן פאַרן געריכט, וועלכער זאָל באַשטעטיקן די באַשולדיקונג קעגן די ראָזענבערגס. די זאַכלעכע באַווײַזן, וואָס די אַגענטן פון פ.ב.י. האָבן געברענגט פאַרן געריכט זײַנען געווען: אַ זאַמל־פּושקע מיט וועלכע די ראָזענבערגס האָבן זיך באַנוצט באַם זאַמלען געלט פאַר די שפּאַנישע פליכטלינגען, אַ זאַמלונג, וועלכע איז אָפיציעל דערלויבט געוואָרן דורך דעם שטאַט פון ניו־יאָרק. אַ פּעטיציע־ליסטע פאַרן קאָמוניסטישן ראַטמאַן פון ניו־יאָרק, פּעטער קאַשיאַנע, אַ ליסטע מיט 50.000 אונטערשריפטן פון ניו־יאָרקער אײַנוווינער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען די אונטערשריפט פון עטל ראָזענבערג. אַ צייכענונג, געמאַכט דורך דאַוויד גרינגלאַס, וועלכער האָט דערקלערט, אַז דאָס איז די צייכענונג פון דער אַטאָמישער באָמבע, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן יוליוס ראָזענבערג צוזאַמען מיט צוועלף זײַטלעך אויפקלערונגען, וועלכע ער האָט צוזאַמענגעשטעלט פון די געשפּרעכן וועלכע ער האָט געפירט מיט פאַרשיידענע פּערזאָנען אין לאָס־אַלאַמאָס. אַ שטיקל טאָוול פון אַ שאַכטל אין וועלכן דאַוויד גרינגלאַס האָט דערקענט די צווייטע טייל פון אָפּגעריסענעם שטיקל טאָוול, וואָס האַרי גאָלד האָט אים געוויזן אַלס צייכן, אַז ראָזענבערג האָט אים געשיקט. אַ צערריסענער פּאַפּירענער בײַטל, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען — לויט דער דערקלערונג פון דאַוויד גרינגלאַס — די 4.000 דאָלער, וואָס די רוסן האָבן אים געזאָלט געבן צו פאַרן קיין מעקסיקע. און צום סאָף די דערקלערונג פון רות גרינגלאַס, אַז עטל האָט איר דערציילט, אַז די רוסן האָבן איר געגעבן אַ מאַטאָנע אַ טיש מיט אַ ספּעציעלן פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט צו פאָטאָקאָפּירן דאָקומענטן. די ראָזענבערגס האָבן אויפגעגעבן די פירמע, ווו זיי האָבן געקויפט דעם טיש פאַרן פרײַז פון 21 דאָלער (ווי באַוווּסט איז שפּעטער דער טיש אָפּגעפונען געוואָרן און די פירמע ווו ער איז געקויפט געוואָרן האָט דאָס באַשטעטיקט).

אין פאַרלויף פון פּראָצעס זײַנען די ראָזענבערגס לאַנג געפּאַרשט געוואָרן איבער זייערע פּאָליטישע איבערצײַגונגען. דער ריכטער קויפמאַן האָט זיי קעסיידער באַצייכנט מיטן נאָמען קאָמוניסטן. ריידנדיק צו די געשוווירענע האָט ער זיי געזאָגט: „איר וועט דאַרפן דעצידירן ווען איר גלייבט”!

## 29טער מאַרץ 1951 —

נאָך שעה־לאַנגער באַראַטונג האָבן די געשוווירענע ריכטער דערקלערט יוליוס, עטל און מאַרטין סאָבאָל, אַלס שולדיקע אין שפּיאָנאַזש־פאַרברעכן.

**5טער אפריל 1951 —**

ריכטער קויפמאן ניט ארויס דעם אורטייל. עטל און יוליוס ווערן פארמישפּעט צום טויט. מארטין סאבאל אף דרייסיק יאר טורמע.

אף צומארגנס ווערט דאוויד גרינגלאס פארמישפּעט אף 15 יאר טורמע מיט דער מעגלעכקייט באדינגונגסווייז באפרייט צו ווערן נאכן אפּזיצן 5 יאר.

די פארשיידענע אינטערוועצן, וואס די פארטיידיקער פון די ראזענבערגס האבן געמאכט נאכאמאל צו רעווידירן דעם פראצעס, ווערן קעסיידער אפגעווארפן.

**פרילינג 1952 —**

נאכדעם ווי דאס אפּעלאציע־געריכט האט אפגעווארפן אלע ביטעס פון די פאר־טיידיקער, טראגן זיי ארײַן אן אפּעלאציע צום העכסטן אמעריקאנישן געריכט. אין דער זעלבער צײַט ווערט דורך דעם ראזענבערג־קאמיטעט ארויסגעלאזט א פעטיציע־ליסטע פאר די ראזענבערגס. איבער פּופציק טויזנט אונטערשריפטן זײַנען אין א קורצער צײַט געזאמלט געווארן אין אמעריקע, דערונטער פון די אנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן, ווו עס זײַנען פארגעקומען א גאנצע ריי מי־טינגען און מאניפעסטאציעס. עס זײַנען געשאפן געווארן ראזענבערג־קאמיטעטן אין אייראפּע און אין א סאך אנדערע לענדער.

**13טער אקטאבער 1952 —**

דאס העכסטע געריכט ווארפט אפ די ביטע פון רעווידירן דעם פראצעס, ניט געבנדיק דערבײַ קיין שום קאמענטארן איבער דעם פראצעס גופא און דעם אורטייל.

**נאוועמבער—דעצעמבער 1952 —**

א ביטע וועגן באגנאדיקונג ווערט איבערגעשיקט צום פרעזידענט טרומאן. די ביטע ווערט אונטערגעשטיצט דורך די אנגעזעענסטע אמעריקאנער פערזענלעכ־קייטן ווי פּראפעסאר אײַנשטיין, פּראפעסאר האראלד אורע א״א. די ביטע איז אויך אונטערגעשטיצט געווארן פון איבער 3.000 גײַסטלעכע פון 26 רעליגיעס און רעליגיעזע סעקטעס. די באגנאדיקונגס־ביטע איז איבערגעזעצט געווארן אין פארשיידענע שפּראכן און פארעפנטלעכט אין אייראפּע. מענטשן, געקומענע פון פארשיידענע עקן פון אמעריקע, האבן טאג און נאכט דעפּילירט אין וואשינגטאן פארן ווײַסן הויז באאײַנפלוסן דעם פרעזידענט, ער זאל באגנאדיקן די ראַ־זענבערגס. די גרעסטע צײַטונגען פון אייראפּע האבן אונטערשטיצט די באגנאַ־דיקונגס־ביטע.

**11טער פעברואר 1953 —**

נאכדעם, ווי דער פרעזידענט טרומאן האט אויסגעמיטן צו נעמען א שטעלונג אין דער פראגע און דאס איבערגעלאזט צו דעצידירן פארן נײַעם פרעזידענט, האט דער נײַ־אויסגעוויילטער פרעזידענט אײַזנהאוער אפגעווארפן די באגנאַ־דיקונגס־ביטע פון די ראזענבערגס. א נײַע דאטע איז באשטימט געווארן פאר דער עקזעקוציע.

**מארץ 1953 —**

די עקזעקוציע ווערט אפגעלייגט. דאס העכסטע געריכט דארף נאכאמאל בא־טראכטן די נײַע ביטע, וועלכע איז ארײַנגעטראגן געווארן דורך די אדוואקאטן, עמאנועל בלאך און יאן פינערטי, דער געוועזענער פארטיידיקער פון סאקא־וואנצעטי.

**אפריל—מײַ 1953 —**

דאס העכסטע געריכט האט נאכאמאל אפגעווארפן די ביטע פון די פארטיידי־קער. דער ריכטער קויפמאן האט באשטימט א נײַע דאטע פאר דער עקזעקוציע, דעם 18טן יוני.

### 15טער יוני 1953 —

אַף דער נײַער ביטע פון די פּאַרטײדיקער אָפּצולײגן די עקזעקוציע, איז דאָס העכסטע געריכט זיך נאָכאַמאָל צונויפגעקומען און זיך אָפּגעזאָגט אָפּצולײגן די עקזעקוציע.

### 17טער יוני 1953 —

נאָכדעם ווי דאָס העכסטע געריכט איז אָפיציעל זיך צעגאַנגען אַף וואַקאַציעס, האָט דער ריכטער דוגלאַס, מיטגליד פון דעם זעלבן געריכט, באַשלאָסן אַף אײגענער האַנט אָפּצולײגן די עקזעקוציע. דעם זעלבן טאָג האָט דאָס אַמעריקאַנער יוסטיץ־מיניסטעריום צונויפגערופן דאָס העכסטע געריכט, קעדײ מעוואַטל צו מאַכן דעם באַשלוס פון ריכטער דוגלאַס.

### 18טער יוני 1953 —

דאָס העכסטע געריכט איז זיך צונויפגעקומען צו באַטראַכטן דאָס אָפּלײגן די עקזעקוציע דורכן ריכטער דוגלאַס. דאָס געריכט האָט נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג אָפּגעלײגט דעם באַשלוס אַף צומאָרגנס. די עקזעקוציע, וועלכע האָט געזאָלט פּאַרקומען דעם זעלבן טאָג, איז אַזוי אַרום אויטאָמאַטיש אָפּגעלײגט געוואָרן. דער ריכטער קויפמאַן האָט אָבער גלײַך באַשטימט אַ צווייטע דאַטע אַף איין טאָג שפּעטער, דאָס הייסט אַף צומאָרגנס דעם 19טן.

### 19טער יוני 1953 —

5אַזייגער נאָכמיטאָג (אַמעריקאַנער צײַט) האָט דאָס העכסטע געריכט מיט 6 שטימען קעגן 3, מעוואַטל געמאַכט דעם באַשלוס פון ריכטער דוגלאַס אָפּצולײגן די עקזעקוציע. דער אַדוואָקאַט בלאָך איז גלײַך אַוועק צום פּרעזידענט אײַזענהאַוער און אים איבערגעגעבן אַ נײַע באַגנאַדיקונגס־ביטע. 7 אַזייגער מיט 15 מינוט האָט דער פּרעזידענט אָפּגעוואָרפן די ביטע. די עקזעקוציע איז באַשטימט געוואָרן אַף 11 בײַנאַכט. שפּעטער איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די רעגירונג האָט באַשטימט צוצואײַלן די עקזעקוציע מיט אַ פּאָר שאָ פריִער, ווײַל אַזוי ווי דער ייִדישער שאַבעס הייבט זיך אָן אַזייגער 8.31, מוזן די ראָזענבערגס עקזעקוטירט ווערן פאַר ליכט־צינדן.

4 מינוט נאָך 8 אָוונט, פרײַטיק דעם 19טן יוני 1953, האָט יוליוס ראָזענבערג אויסגעהויכט זײַן יונג לעבן אַף דעם עלעקטרישן שטול און מיט 7 מינוט שפּעטער האָט זײַן געטרײַע באַגלייטערין געטיילט דעם זעלבן גוירל.





יוליוס צו עטל.

10טער אפריל 1951.

עטל, מיין ליבסטע:

דו ביסט בעעמעס א פרוי מיט א גרויסן כאראקטער, ווירדיק און וואונדערבאר. כ'האב טרערן אין די אויגן, וועלנדיק דיר אויסדריקן מיינע געפילן אפן פאפיר. כ'קען בלויז זאגן, אז ס'האט געלוינט צו לעבן, ווייל דו ביסט געווען בא מיין זייט. כ'בין פעסט איבערצייגט, אז מיר זיינען געווארן בעסערע מענטשן, ווייל מיר האבן מוטיק דורכגעהאלטן אזא שרעקלעך־פארמאטערנדיקן פראצעס און בארבארישן אורטייל. און דאס אלץ ווייל מיר זיינען אומשולדיק. ס'איז זייער שווער פאר ניט־איינפארמירטע לייט צו פארשטיין אונדזער קויעך. אונדזער דערציונג, די טיפע ווערטן פון אונדזערע לעבנס, באזירט אף א רעאלער פארשמעלצונג צווישן אונדזער אמעריקאנער ירושה און אונדזער יידישער ירושה, וועלכע באדייטן פאר אונדז פרייהייט, קולטור און מענטשלעכע ווירדע, האבן געמאכט פון אונדז דאס, וואס מיר זיינען. דער גאנצער שמוץ, די שקארים און די רעכילעס פון אט דער גראטעסקער מאכינאציע וועלן אונדז ניט אנטמוטיקן. פארקערט, זיי וועלן אונדז סטימולירן ביז דעם טאג, ווען אונדזער רעכט וועט ווערן פולשטענדיק אנערקענט.

מיר האבן ניט געשטרעבט צו דעם. מיר האבן בלויז געוואלט מען זאל אונדז לאזן רויק. אבער מיר זיינען קארבאנעס פון א מאכינאציע — און ביז צו די סאמע לעצטע לעבנס־קויכעס, וואס בלייבן אין אונדזערע גופים, וועלן מיר קעמפן, ביז מיר וועלן זיין פריי.

כ'טראכט שטענדיק וועגן דיר. כ'בין דורשטיק נאך דיר. כ'וויל זיין מיט דיר. דאס איז אזוי שרעקלעך, אזא פייניקונג, וועלכע מען קען נאר דערקלערן דורך דעם, וואס איך ליב דיך מיט יעדן הויך פון מיין נעשאמע. כ'קען נאר קעסיידער און ווידער איבערכאזערן, אז דאס טראכטן וועגן דיר, וועגן גאנצן גליק, וועלכן דו האסט מיר געבראכט אלס מיין פרוי, איז מיר ווי א באלוינונג פאר אט דער גאנצער פיין. מיין ליבסטע,

כ׳קען זיך ניט דערוויַיטערן פֿון דיר; דו ביסט מיר אַזוי טיַיער, אויב דו קענסט באַ מיר געפֿינען כאָטש אַ טייל פֿון אָט דעם גיַיסטיקן אָנשפּאַר, וועלכן דו רופֿסט אַרויס באַ מיר, בין איך זיכער, אַז דו וועסט האָבן דעם קויעד אַריבערצוטראָגן אונדזער אומגליק.

כ׳האָב באַקומען אַ וווּנדערבאַרן בריוו פֿון מיכאעל. ער האָט מיך זייער טיף גערירט. כ׳האָב טייקעף געשריבן און אים פֿאַרזיכערט אַפּסניַי אין אונדזער ליבע און געענטפֿערט אָף זיַינע פֿראַגן, צופּאַסנדיק זיך צו זיַין פֿאַרשטאַנד. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מיר זיַינען דערקלערט געוואָרן פֿאַר שולדיק און האָב אים באַשריבן די פּראָצעדור פֿון אַפּעלאַציע. כ׳האָב אים פֿאַרזיכערט, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט זיך אַלץ גוט ענדיקן. כ׳האָב אים געזאָגט, ווי שטאַרק ער פֿעלט אונדז און אַז מיר מאַכן אַלע מעגלעכע אָנשטרענגונגען, קעדיי צו באַקומען פֿון טריבונאַל די דערלויבעניש צו זען אונדזערע קינדער. כ׳גליב, אַז מיכאעל וועט זיַין פֿעיִק צו פֿאַרשטיין.

כ׳האָב אים ניט געזאָגט, וואָס פֿאַר אַן אורטייל עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מיר וועלן וועגן דעם מיט אים ריידן, ווען מיר וועלן אים זען. דאָס אַלץ דערשיַינט אַזוי אומווירקלעך — אָפּגעשיידט צו זיַין פֿון אונדזערע קינדער — אָבער די שטאָלענע קראַטעס זיַינען ביז גאָר רעאַל. איך עס, איך שלאָף, איך לייען, איך שפּריַיז אַרום אין מיַין קאַמער, 4 טריט פֿאָרויס און 4 טריט צוריק. איך טראַכט אַ סאַך וועגן דיר און די קינדער.

מיַין פֿאַמיליע איז הונדערט פּראָצענט מיט אונדז און דאָס דערמוטיקט מיך. כ׳ווייס, מיט דער ציַיט וועלן די מענטשן אַלץ מער און מער זיך איַינשטעלן פֿאַר אונדז און אונדז העלפֿן צו באַפֿריַיען זיך פֿון אָט דעם קאָשמאַר. איך קוש דיך צערטלעך. גליב אין מיַין ליבע, דיַין מאַן

יוליוס.

עטל צו יוליוס.

17טער אַפּריל 1951.

טיַיערער, ליבער מאַן:

ס׳איז מיר אַזוי שווער דיר צו שריַיבן ווי נאָך קיינמאָל ניט. מיַין מויעד, דוכט זיך מיר, איז פֿולשטענדיק באַטויבט אונטער דער לאַסט פֿון מיליאַרדן איַינדרוקן, וועלכע האָבן זיך דאָרט איַינגעקריצט פֿון איין מינוט צו דער אַנדערער, זינט מען האָט מיך אַריבערגעפֿירט אין דער צעלע פֿון די פֿאַרמישפּעטע צום טויט. כ׳פֿיל אַז אומבאַצווינגלעך שטרעבן צו טיילן מיט דיר אַלץ, וואָס באַשווערט מיַין גיַיסט און מיַין האַרץ און

צו פֿאַרניכטן אַזוי אַרום די ביטערע פֿיזישע רעאַליטעט פֿון אונדזער צע־שיידונג.

ווי דו זעסט, מײַן הייס־געליבטער, אַט בין איך שוין אַפֿן וועג צום ווײַטערדיקן עטאַפּ פֿון אונדזער היסטאָרישער רײַזע.

שוין דערשײַנען די צייכנס פֿון מײַן וואַקסנדיקן רײַפֿער ווערן. די ביכער זײַנען שוין אויסגעשטעלט צווישן די קראַטעס פֿון מײַן קאַמער. די אילוסטרירטע קאַרטלעך, וועלכע כ׳האָב געזאַמלט אין דער טפֿיסע (ווי אויך דײַן שיינע געבורטסטאָג־מאַטאָנע) זײַנען אויסגעשטעלט אַף דער פּאָליצע איבער מײַן טיש, קעדיי צו געפֿעלן דעם אויג און צו באַלעבן דעם גײַסט. די בילדער פֿון די קינדער זײַנען אויפֿגעקלעפּט אַף אַ שטיק קאַרטאָן, וואָס דינט אײנציַיִטיק אַלס רעמל און זיי שיקן מיר אַ ליבן שמייכל יעדער מאָל, ווען איך קוק אַף זיי. ס׳וועט מיר געלינגען צו געפֿי־נען אַט דעם מוט, דעם צוטרוי, די אַנטשלאָסנקייט, וואָס כ׳וועל דאַרפֿן קעדיי אויסצוהאַלטן ביזן סאָף פֿון אַט די טעג, פֿון אַט די נעכט מיט זייער טעהוימעסדיקער איימע, מיט די יעלאָלעס, וואָס איך טאָר ניט אויס־שטויסן, מיט זייערע צאַפּלדיקע באַגערן, וואָס איך דאַרף זיי צוריקשטויסן! יוליוס, מײַן טײַערער, ווי איך וואַרט אַף דעם סאָף פֿון דער רײַזע און אַף אונדזער צוריקקער דעם טריִומפֿאַלן צו אונדזער לעבן וואָס איז אַזוי שיין, כ׳ליב דיך, מײַן טײַערער.

ע ט ל.

יוליוס צו עטל

18טער אַפּריל 1951.

מײַן טײַערסטע עטל:

הײַנט נאָכמיטאָג האָב איך באַקומען דײַנע וווּנדערבאַרע בריוו פֿון אָסינינג. אָפֿן געזאָגט, כ׳האָב געוואַרט מיט אומגעדולד אַף נײַעס פֿון דיר. מײַן ליבסטע, דאָס אַריבערפֿירן דיך קיין סינג־סינג איז אַ גרויזאַמע און בייזע טאַט. מיר ווייסן אָבער, אַז דעם יוסטיץ־מיניסטעריום וועט ניט גע־לינגען זײַן קאַמפּאַניע, וואָס באַשטייט אינעם אויסאיבן אַף אונדז אַזאַ פֿיזישן און מאָראַלישן דרוק, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן אויסנוצן ווי פּעשיקעס אַפֿן פּאָליטישן שאַכברעט.

טראָץ דעם עמאָציאָנעלן שאָק און טראָץ דײַן ערשטן געפֿיל צו זײַן צעשמעטערט דורך דער אַטמאָספֿער, ווײַזט דײַן בריוו אַ בעפֿירעשע קלאָר־קייט און אַ גרויסע אַנטשלאָסנקייט. ס׳איז זייער באַצייכענענדיק אַז דו

האָסט גלײַך אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן. דײַן לײַדנשאַפט פאַר דער פּער־פעקציע אין יעדן פּראָט וועט דיר דערבײַ אַ סאַך העלפן.

איצט, ווען דו האָסט זיך פיזיש אײַנגעאָרדנט, אַף וויפל דאָס איז ביכלאַל מעגלעך, ראָט איך דיר, דו זאָלסט דורכפירן די גענויע צײַט־אײַנ־טיילונג: לייענען, שרײַבן און וועלכן ניט איז שטודיום, מוזיק אָדער אַן אַנדערע זאַך. דאָס איז דער איינציקער מיטל גיוווער צו זײַן אָט דעם שווערן ניסאָיען און איינצײַטיק אויפצוהאַלטן די אייגענע גלײַכגעוויכט.

אויב אונדזערע אַדוואָקאַטן וועט ניט געלינגען צו לאָזן צוריקברענ־גען דיך אין דער פּרויען־טפיסע אַף דער 10טער גאַס, וועל איך איבער־דרייען דעם הימל און ערד, מען זאָל מיך שוין שיקן קיין סינג־סינג, קעדיי צו זײַן נאָענטער צו דיר. כ'בעט זיך בײַ דיר, דו זאָלסט ניט פּרוּוון צו ענדערן מײַן מיינונג, ווײַל ס'איז דאָס ריכטיקע, וואָס איך דאַרף טאָן.

שוין דײַן דאַזיקער בריוו אַליין באַווײַזט בעפּירעש, אַז דו ביסט אַ גרויסאַרטיקע פּערזאָן. אַז דו האָסט דעם נייטיקן מוט און אַנטשלאָסנ־קייט, קעדיי אַרויסצוגיין פון אָט דעם געגנעם מי אַז אויפגעהויבענעם קאָפּ. פּרוי מײַנע, כ'בין לעבן דיר באַשיידן און שטאָלץ און דערמוטיקט.

ס'איז אוממעגלעך צו באַהאַלטן פאַר דער עפנטלעכקייט דעם עמעס און די פאַקטן וועגן אונדזער איניען. פריִער אָדער שפּעטער וועט מען וויסן דעם עמעס. אַ סאַך מענטשן האָבן שוין אויסגעדריקט אונדזערע אַד־וואָקאַטן און מײַן פאַמיליע דעם ווונטש אונדז צו העלפן. מוט און זײַ וויסן, אַז מיר זײַנען ניט אַליין.

דער מאָנסטעריעזער אורטייל, וואָס האָט צוערשט פאַרפּלעפט די מענטשן, וועט אַרויסרופן מיט דער צײַט אַ לאַווינע פון פּראָטעסטן. און אָט דאָס — צוזאַמען מיט אונדזער קאַמף פאַר די טריבונאַלן — וועט אונדז צוריקגעבן די פרײַהייט.

מײַן ליבסטע, איך זוך ניט צו פאַרמינערן אַלע שווועריקייטן קעגן וועלכע דו האָסט צו קעמפן. גלייב מיר: כ'האָב אַ פולשטענדיקע פאַר־שטעלונג פון די קאַשמאַרן, פון דײַן פּײַן, פון דײַנע לײַדן. כ'וויל דיך באַ־שיצן, זײַן מיט דיר און דיך האַלטן אין מײַנע אָרעמס. אָבער איך בין זיכער און די דאַזיקע זיכערקייט איז אַ גאַראַנטיע, אַז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן געפינען צוריק אונדזער לעבן, וואָס איז געווען אַזוי שיין, און אונדזער ווונדערבאַרע פאַמיליע.

אין צוויי טעג אַרום איז פּייסעך. דער יאָנטעוו וואָס דערמאָנט, ווי אונדזער פאָלק האָט געזוכט די פרײַהייט. אָט די דאַזיקע קולטורעלע יערו־שע האָט פאַר אונדז אַ נאָך גרעסערע באַדײַטונג. פאַר אונדז, וואָס מיר

ווערן געהאלטן געפאנגענע, וויַט איינער פון אַנדערן און פון אונדזערע קינדער, דורך די היַנטיקע פּאַרעס.

באַמי זיך ניט צופיל זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ בענקענדיק אונדזערע קינדער. אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך איז געמאַכט געוואָרן, ס׳זאָל זיי גאָר ניט פעלן.

עטל, דו ביסט מיַין פרוי און קיין זאַך אויף דער וועלט קען דאָס ניט ענדערן. טאָמיד דיַינער.

יוליוס.

## „ווען אַלע וועלן וויסן דעם עמעס, וועלן מיר זיגן"

יוליוס צו עטל.

19טער אַפּריל 1951.

מיַין טיַיערע עטל,

אַ גוט מאָרגן דיר. ס׳איז אַ פערטל 9 אינדערפרי פריַיטיק. אין ערעד צוויי שאָ נאָכדעם, ווי די הילכער האָבן פונאַנדערגעטראָגן די באַטויבנ־דיקע קלינגעריַי פון וועקן. ווילסט כ׳זאָל דיר באַשריַיבן מיַין טפיסע־קאַמער?

זי איז דריַי טריט די ברייט, פיר טריט די לענג און 7 פוס די הייך. דער באַלקן איז אַ געפלעכט פון שטאָלענע דראָטן. אַן עלעקטריש לעמפּל שטרענגט זיך אַן אומזיסט אַדורכצודרינגען מיט זיַין נעבעכדיקן ליכט דורכן שטויב, וועלכער האָט זיך אָנגעזאַמלט אויפן גלאָז, וואָס באַדעקט דעם דראָט־געפלעכט. דעריבער הערשט אין דער קאַמער אַ טרויעריקע, קאַלטע אַטמאָספער. מיַינע אויגן פאַרטראָגן באַ אַזאַ ליכט ניט מער ווי איין שאָ לייענען אָן איבעררייַס.

צוויי זיַיטנווענט זיַינען פון פעסטע שטאָלענע פּלאַטעס. אַ דריטע וויַ־דער פון אַ דראָט־געפלעכט, וואָס באַדעקט די שטאָלענע קראַטעס און די פערטע נאָך פאַרנט באַשטייט פון שטאָלענע קראַטעס, 10 סענטימעטער איינע פון דער אַנדערער און דורכגעקרייצט אַלע 25 סענטימעטער מיט פלאַכע קראַטעס. וואָס זאָגסטו? כ׳קען אַדורכשטעקן מיַין אָרעם ביז צום עלנבויגן. אַזוי באַמי איך זיך צו טרעפן, וואָס עס קומט פאָר אין קאָרי־דאָר. אין דער קאַמער גופע זיַינען פאַראַן 2 בעטן, צוגעשמידט צו דער וואַנט איינע איבער דער אַנדערער. אויף דער אייבערשטער בעט האַלט איך מיַינע ביכער, מיַין ביסל פּראָוויזיע און מיַינע פערזענלעכע זאַכן. אויף דער אונטערשטער ליגט דער מאַטראַץ, דאָס קישן, די לאַקן און קאָלדרעס. פונ־

ד'עסטוועגן האָב איך זיך צוגעוווינט צו שלאָפן די נייטיקע צײַט, האָגאָם קיינמאָל ניט אָן איבעררײַס.

פונקט פאַר מײַן קאַמער איז דאָ אַ רוים פון 30 פוס די לענג און 20 די ברייט. ווײַטער גייט דורך דער צענטראַלער קאָרידאָר פון טפּיסע. דאָס איז דער סאַמע באַלעבעטער אָרט. ווי דו זעסט, בין איך קעסיידער באַוואַכט און מײַן שטײַג געפינט זיך אויך אונטער די בליקן פון די אַנדערע געפאַנגענע.

האָגאָם די לעצטע טאָרן ניט צוגיין צו מיר, זאָגן זיי מיר קימאַט אַלע אַ גוט־מאָרגן אין פאַרבײַגיין, פאָכען מיט די הענט און שמייכלען צו מיר. זייערע פּנעמער דריקן נאָך מער אויס זייער סימפּאַטיע און דערמוטיקונג. אַף אַ סאַך אויפנים, אָפּענע צי באַהאַלטענע, דריקן זיי אויס זייערע עמעסע געפילן לעגאַבע מיר. זיי רעספּעקטירן אונדז פאַר דאָס, וואָס מיר זײַנען. זיי באַוווּנדערן אונדזער מוט און ווינטשן אונדז, מיר זאָלן האָבן מאַזל.

כ'בין זיכער, אַז דו האָסט געמאַכט די זעלבע דערפאַרונג מיט דײַנע מיטגעפאַנגענע. און געדענק: דאָס טוען זיי, ניט ווייסנדיק די פאַקטן וועגן אונדזער איניען. וואָס־זשע וועט ערשט זײַן און וויפל מענטשן וועלן אונדז אונטערשטיצן, ווען די עמעסע פאַקטן, וואָס באַווײַזן אונדזער אומשולד, וועלן ווערן באַקאַנט און די פּאָליטישע מאַכינאַציע וועט זיך אַרויסווײַזן אין איר גאַנצער נאַקעטקייט! ווען דאָס פּובליקום וועט זײַן איבערצײַגט און וועט אויסדריקן זײַן איבערצײַגונג אין אַ קאָנקרעטער פאָרעם, דאַן, מײַן ליבסטע, וועט אונדזער ענדגילטיקער זיג זײַן פאַרזיכערט.

זיי האָבן אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ שטײַג, אָבער אונדזערע הערצער און אונדזער גײַסט קענען קיינמאָל ניט, סײַדן אין טויט, ווערן געפּענטעט. מיר וועלן פאָרזעצן דעם קאַמף, אַזוי ווי מיר האָבן עס ביז איצט געטאָן, פאַרן שאָלעם, פאַר דער פרײַהייט און דער עמעסער גערעכטיקייט.

לאָמיך פאָרזעצן די פּראָגראַם פון מײַן טאָג (אָט אַזוי ווי עלעאַנאָרע רוזוועלט, אָבער אַ ביסל אַנדערש). דרײַ פערטל אַכט ברענגט מען פרישטיק. 10 אַזייגער — די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס". 11 אַזייגער — לונטש. איך עס ווייניק, אָבער גענוג צו בלײַבן באַ די קויכעס. אַכוץ דעם האָט דײַן מאַן זיך גענומען צו די ציגאַרעטן גאָר אַף אַ ווילדן אויפן. שטעל זיך פאָר, מער ווי אַ פּעקל יעדן טאָג. נאָכן עסן — 2 שאָ סיעסטאַ, 1 שאָ לייענען; דערנאָך ווידער אַרומשפּרײַזן אין דער קאַמער. מען וואָלט געקענט מיינען, איך טרעניר זיך אַף צו ווערן אַ וואַכפּאָסטן. 4 אַזייגער — מיטאָג. דערנאָך ווידער אַ שאָ לייענען.

דער וועכטער האָט דערלויבט אַ געפאַנגענעם, וואָס דאַרף באַלד באַ־

פרייט ווערן, אריינצוקומען אין מיין קאמער, ריידן מיט מיר און שפילן מיט מיר קארטן און שאך 2 שא א טאג, פון האלב זיבן ביז האלב ניין. פון 9 אזייגער אן שפריי איך ארום בעערעד א שא און זינג, מייסטנס פאלקס־לידער, ארבעטער־לידער, מעלאדיעס פון אפערעטעס און סימפא־ניעס. כ׳מוז דיר זאגן, אז כ׳פיל זיך זייער גוט און שטארק, ווען איך זינג.

דעם רעשט פון אוונט לייען איך, ביז איך שלאף איין. איך לייען איצט „דעם אויצער פון יידישן פאלקלאר" פון נאטאן אסובעל. א, כ׳האב שיר ניט פארגעסן מיין פארוויילונג יעדן אוונט: די יאגד. איך הארגע אויס די טאראקאנעס.

נעכטן נאכמיטאג האט מאני (דער אדוואקאט ע. ה. בלאך — רעד.) מיר פארגעלייענט דעם בריוו, וואס דו האסט אים צוגעשיקט, ווי כ׳האב עס דיר געבעטן. מיין ליבסטע, דו ביסט א וואנדערבארע פרוי און איך פארגעטער דיך. איך מאך מיר זארגן וועגן די קינדער און וועגן זייער באזוך, אבער כ׳בין זיכער, אז ווען דער באזוך וועט פארקומען, וועלן מיר ביידע זיך ארויסווייזן אף דער געהעריקער הייך פון דער סיטואציע און זיי אויסמיידן יעדן געפילמעסיקן שאק.

עטל, ס׳איז עפעס דא א זאך, וואס פארבינדט מיך אזוי שטארק מיט מאני. ער איז בעעמעס אן אויסערגעוויינלעכער טיפ, באשיידן, אינ־טעליגענט, א טיפער דענקער. כ׳קען רעזומירן מיינע געפילן צו אים נאר אין יידיש: איך שעפ נאכעס און קוועל פון אים (אין יידיש אינעם טעקסט — רעד.). וואס שייעד אלעקסאנדער בלאך, פארער איך אים ווי א פאטער.*

היינט אוונט איז פייסעך. בעייסן סיידער, ווען כ׳וועל זינגען די טראדיציאנעלע געזאנגען, וואס פארהערלעכן דעם סאף פון דער קנעכט־שאפט פון אונדזער פאלק, וועל איך טראכטן וועגן דיר, ליבע מיינע, און וועגן אונדזער באפרייונג פון טויט און פון טפיסע און וועגן א בעסערן געבן.

בלייב וואס דו ביסט, ווייל איך ליב דיך אט אזוי, ווי דו ביסט.
יוליוס.

עטל צו יוליוס.

19טער מיי 1951.
מיין היים־געליבטער:
ווי איך בין געווען טרויעריק דיך צו פארלאזן און מיט וואס פארא

* אלעקסאנדער בלאך, דער פאטער פון מאנועל בלאך, און צוזאמען מיט זיין זון דער אדוואקאט פון די ראזענבערגס אפן פראצעס.

ווידערווילן בין איך צוריקגעגאַנגען אין מײַן טפּיסע־קאַמער. זי האָט גע־וואָרט אַף מיר אַ שטומע, אַן אומבעראַכמאַנעסדיקע, אַ גלײַכגילטיקע, ווי זי וואָלט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, אַז איך באַוווינערן איז אַרויס, אָבער זיכער, אַזוי זיכער, אַז זי וועט צוריקקומען.

לויטן קאַלענדאַר זײַנען בלויז דרײַ טעג פאַרבײַ זינט כ׳האָב געזען אַט דעם אַזוי לאַנג געליבטן מענטש, אַזאַ מאָדנע קרוווועשן, אַזאַ מאָדנע פרעמדן, באַ וועמענס זײַט כ׳האָב געדרוט אַזויפיל נעכט — נאָר כ׳בין זיכער: יאָרהונדערטער זײַנען זײַט דעם פאַרבײַ און איך האָב נאָר געכאַ־לעמט, אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט. איך זע דײַן בלייך, אײַנגעפאַלן פּאָנעם, דײַנע אויגן מיטן בעטנדיקן בליק, דײַן יונגן דארן קערפּער און די סימאָ־נים פון דײַנע לײַדן. מײַן ליבער מאַן, וואָס פאַר אַ טײַנעג און וואָס פאַר אַ געגעם איז עס דיך אויפצונעמען אין סינג־סינג, וואָס קען דיר בלויז אָנבאָטן מאָנאָטאָנע טעג און פרײדלאָזע נעכט — אַן אומענדלעכן באַגער און אַן אומענדלעכן אַפּזאָג. און פאַרט אָט דאָ, צונויפגעשמידט אין די ציגל, דעם צעמענט און שטאָל, וועט אונדזער ליבע לאָזן אַרויסשפּראָצן פעסטע וואָרצלען און צאַרטע בליונגען. פון דאָ אויך וועלן מיר וואָרפן אונדזערע סאָנים אונדזער פאַראַכטונג און וועלן פירן די שלאַכט.

ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז דו האָסט ניט געקענט לאָזן פרײַ זיך אויס־דריקן אַלע געדאַנקען, אַלע געפילן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אין דיר. איך האָב עס אויך ניט געקענט. האָסטו דען דערוואַרט, אַז ס׳וועט זײַן לײַכט צו עפענען אונדזערע הערצער איינער פאַרן אַנדערן אין די דאָזיקע באַדינגונגען? כ׳מוז זיך אָבער מודע זײַן, אַז איך האָב דערוואַרט אַן אומגעהײַערע דערלײַכטערונג. און ווען זי איז ניט געקומען, איז מיר גע־בליבן עפּעס אַ מאָדנע געפיל, אַז עפּעס וואָס פעלט. איך בין געווען, פּונקט ווי דו, באַפאַלן פון אַ געפיל, אַז מען האָט מיר אַוועקגענומען דאָס, וואָס מיר האָט געקומט. ביז צום דערהאַלטן פון דײַן בריוו האָב איך אַפילע ניט געקענט אָנהייבן מיך אויסצודריקן שריפטלעך. דײַן פרוי, וואָס פילט זיך זייער איינזאַם.

עטל.

יוליוס צו עטל

24סטער מײַ 1951.

מײַן ליבסטע:

פאַמעלעך באַרויִקן זיך מײַנע נערוון און איך פּאַס זיך צו צו דער מאָנאָטאָנער רוטינע, וואָס איז די קאַנווע פון מײַן איצטיקן לעבן. איך

לעב אויף אין מײַן זיקאָרן די געשעענישן פון אונדזער לעבן. ניט ווײַל כ'וויל לעבן אין אָוואר, נאָר ווײַל כ'וויל פון אים שעפּן אַ צוגאָבלעכן קויעד, וועלכער וועט מיך שטיצן אין אָט דער עקזיסטענץ.

אַ זון פון טראַדיציאָנעלע יידישע עלטערן, אויפגעוואַקסן אין די עלנט־קוואַרטאַלן פון איסט־סאַיד, זײַנען מײַנע קינדער־זיכרוינעס פול מיט קאַמפן, וואָס מײַנע עלטערן האָבן געפירט, קעדיי צו דערנערן אונז צו קלײדן 5 קינדער. איך דערמאָן זיך, ווען מײַן פאָטער, אַ שנײַדער־געזעל, האָט זיך באַטייליקט אין אַ לאַנגן שטרײַק, ווײַל מען האָט אַזוי עקספּלואַטירט די אַרבעטער אין די שאַפּן. אַזוי ווי מײַן טאַטע איז געווען אַ פאַרזיצער פון אַ סינדיקאַט און אַ סינדיקאַלער טוער, האָט מען אים אַרויפגעשטעלט אַף אַ שוואַרצער ליסטע און יעדער ביסן ברויט איז אים ביטער אָנגעקומען.

דער קעסיידערדיקער קאַמף קעגן די שטשורעס און די וואַנצן איז נאָך ביז הײַנט לעבעדיק אין מײַן זיקאָרן. אין דער יידישער שול האָב איך געהאַלטן די אַרויסלאָז־רעדע. כ'בין געווען אַ גוטער שילער. איבעריקנס האָב איך אַף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן מיר פאַראייגנט די קולטור פון מײַן פאָלק, זײַן קאַמף פאַר באַפרײַען זיך פון דער קנעכטשאַפט אין מיצראַים. איך האָב געפונען די זעלבע גרויסע טראַדיציעס אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. און אַז ווי אַן אַמעריקאַנער ייִד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַזאַ סוויווע, איז עס געווען פאַר מיר נאַטירלעך צו גיין אַפן וועג, אָנגעצייכנט דורך מײַן גײַסטיקער ירושע און צו באַמיִען זיך צו פאַרבעסערן דעם גורל פון פאָלקס־מענטש.

כ'האָב געפונען אין דיר אַ וווּנדערבאַרן מענטש מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש. דו ביסט געווען באַשטימט פאַר מיר. צוזאַמען איז אונדזער צוקונפט געווען קלאָר און אונדזער לעבן האָט געהאַט זײַן פולן אינהאַלט.

ביז מאָרגן. כ'שיק דיר מײַן גאַנצע ליבע, האַרץ מײַנס.

יוליוס.

עטל צו יוליוס.

27סטער מײַ 1951.

מײַן טײַערער יוליוס:

איך באַוווּנדער דײַן בריוו. צי קענען מיר דען פאַרגעסן די אומרו און דעם קאַמף, די פרייד און די שיינקייט פון די ערשטע יאָרן, ווען דו האָסט גענומען אַרויסווײַזן מיר דײַן צונייגונג. צוזאַמען האָבן מיר געזוכט אַן ענטפער אַף אָט די אַלע קלוימערשט ניט צו לייזנדיקע רעטענישן, וועל-

כע עס רוקט אַרוים אַ קאָמפּלעקסע און האַרצלאָזע געזעלשאַפט. אַט די ענטפּערס האָבן אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דער צײַט און די פּאַרענדע־רונגען און זײַנען געבליבן גילטיק פאַר אַלע די, וואָס האָבן ניט קיין מוירע צו עפענען די אויגן צו בליקן ווײַט, ווי מיר האָבן עס געטאָן. אַט דער־פאַר, ווײַל מיר האָבן זיך ניט געוואַקלט צו פּראָקלאַמירן די דאָזיקע ענט־פּערס, זײַנען מיר אין סינג־סינג.

און דאַווקע צוליב אַט די ענטפּערס, צוליב די אינטערעסן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, פון דר גערעכטיקייט און דער ברידערלעכקייט, צוליב די אינטערעסן פון שאַלעם, און פון ברויט, און פון רויזן, און פון קינדערישן לאַכן, וועלן מיר אויך ווײַטער בלײַבן דאָ, ווירדיקע און שטאָל־צע — אין טיפן באַוווסטזײַן פון אונדזער אומשולד פאַר גאָט און פאַר מענטשן — ביז דער עמעס וועט ווערן פּראָקלאַמירט, אונטער דעם שאַלן פון טראָמפּייטן, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ס'איז אַמאָל געווען אַ כאַכעם, כ'געדענק ניט זײַן נאָמען, וואָס האָט אויסגעדריקט זײַן היספּײַלעס איבער דער „ניט־צעשטערבאַרקייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט". מײַן ליבער, מיר וועלן באַווײַזן, אַז ער איז געווען גערעכט. עפּשער וועלן דעמאָלט אַנדערע מענטשן אויך גלייבן אין זייער ניט־צעשטערבאַרקייט און וועלן קומען צו פאַרטיידיקן אונדז און זיך. דײַן פרוי

ע ט ל.

עטל צו יוליוס.

29סטער מײַ 1951.

מײַן ליבסטער:

ווענסט זיך דערמאָנען, מײַן טײַערער, מיר צו שיקן אין דײַן קומענ־דיקן בריוו דאָס ליד, וואָס מיכאַעל האָט פּאַרפּאַסט צו דײַן געבוירנטאָג? כ'בין קיינמאָל ניט געווען אַזוי גערירט דורך אַ וועלכער ניט איז זאַך.

וואָס פאַרא טרייסט צו הערן דײַן שטים בעיסן דאַווענען. און דײַן אינטערווענץ אין דער אַלגעמיינער דיסקוסיע נאָך דער דראָשע איז זיכער געווען ריכטיק. ביסטו מאַסקים מיט מײַנע באַאָבאַכטונגען? כ'האַלט, אַז דער ראַבינער איז אַן אינטעליגענטער, אויפריכטיקער און אַנשטענדיקער יונגערמאַן. ווי האָבן רעאַגירט די אַנדערע? כ'האָב געפילט אַ וואַרעמקייט און אַ גוטן ווילן לעגאַבע אים און אַגעוו אויך לעגאַבע מיר. הײַנט האָב איך געפילט אַט די סימפּאַטיע, וועלכע האָט אויך געשטראַלט צו דיר. מיר דוכט זיך, אַז דו, מײַן טײַערער, ביסט איצט געוויס אַן עמעסער זײַן פון דער געזעלשאַפט „צ—3" (די צעלן פון די פאַרמישפּעטע).

איך קען ניט טראַכטן וועגן די אַרטיקלען אין די צײַטונגען און וועגן זייער אויפן צו אינסינויִרן, אַז מיר ווילן ניט האָבן קיין באַזוכן פון אונדזערע קרוווים און אַז די באַזוכן אינטערעסירן אונדז ניט. איך האָב בלויז פאַראַכטונג פאַר אַזעלכע זאַכן.

ליבסטער, דאָס איז אַ פּײַניקונג צו זײַן אָן דיר. מײַן גאַנצע ליבע צו דיר.

ע ט ל.

## „מען האָט עקזעקוטירט מאַק־גי..."

יוליוס צו עטל נאָכן דערוויסן זיך וועגן דער עקזעקוציע פון מאַק־גי, וועלכן די אַמעריקאַנער ראַסיסטן האָבן אומגעבראַכט אַפן עלעקטרישן שטול.

29טער מײַ 1951.

עטל,

דאָס האָט מיר געגעבן אַ שרעקלעכן קלאַפּ, ווען כ'האָב דורכגעלייענט, אַז מען האָט עקזעקוטירט מאַק־גי. מײַן האַרץ איז טרויעריק און מײַנע אויגן זײַנען פול טרערן. מיר דוכט זיך, אַז די פעדעראַלע טריבונאַלן האָבן איבערגענומען די מיטלאַלטערלעכע פּראַקטיק פון די רעאַקציאָנערן פון די דאָרעם־שטאַטן, דעם לעגאַלן לינטשן פון נעגערס און אַז זיי פּרובירן איצט, ווי אין אונדזער פאַל, אָנווענדן דעם דאָזיקן מעטאָד אויף די פּאָליטישע געפאַנגענע. מען דאַרף זיי ענטפערן מיט פאַקטן און מיט באַווײַזן.

כ'בין איבערצײַגט, אַז אַ טאָמיד גרעסערע צאָל מענטשן וועלן נעמען פאַרשטיין אונדזער קאַמף און וועלן זיך אָנשליסן אין אונדז, קעדיי עס זאָל טריומפירן אַזאַ גערעכטע זאַך.

דו פעלסט מיר, עטל. איך ליב דיך.

יוליוס.

## „ווי וווּנדערבאַר איז די וועלט..."

יוליוס צו עטל.

19טער יוני 1951.

מײַן טײַערע,

ס'איז האַלב אַכט אָוונט. כ'האָב פאַרבראַכט מײַן גאַנצן טאָג מיט

ליִיענען אַ בוך פון טאָמאַס וואָלף. אַ וווּנדערבאַרע פּראָזע. האָסטו שוין אַמאָל באַמערקט, ווי אָנגענעם ס'איז צו ליִיענען בעיִס אין דרויסן רעגנט? כ'האָב געטראַכט, וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע וועלט איז די, אין וועלכער מיר לעבן, און וואָס פאַרא זאַכן דער מענטש וואָלט געקענט רעאַליזירן, אויסנוצנדיק פולשטענדיק זיין שאַפערישן קויער. כ'בין געווען אויפגע־בראַכט ווען כ'האָב געליִיענט, אַז אונדזער רעגירונג קליִיבט זיך אָפּצו־שליסן אַ העסקעם מיט שפּאַניע. דער פאַשיסט פראַנקאָ וועט, הייסט עס, העלפן צו פאַרמיידיקן די „דעמאָקראַטיע". פאַר אַ סאַך מענטשן מוז עס זיין מאָדנע, אַז די גאַנצע צײַט זאָלן מיר זיך מוזן פאַראייניקן מיט די כאַמע רעאַקציאָנערסטע, סאַמע פעאָדאַלע עלעמענטן, קעדיי צו פאַרטיי־דיקן די דעמאָקראַטיע. „עפּעס וואָס איז פאַרפוילט אין דער מעלוכע פון דענעמאַרק"!

איך קוק איצט אָף די שמייכלענדיקע פּנעמער פון אונדזערע צוויי זין. מען טאָר ניט צולאָזן, אַז די ווערלאָזע קינדערלעך זאָלן האָבן צו ליידן פון אָט דער פינצטערער מעשוגאַס און פון אָט דער ברוטאַליטעט. זיי האָבן ניט קיין רעכט עס צו טאָן. מיר טאָרן ניט צולאָזן, אַז די געשעע־נישן זאָלן אַרויפליִיגן אָף אונדזערע קינדער אַ שטענדיקן כויסעם...

אָט איז שוין מער ווי אַ יאָר, זינט מיר זיינען צעשיידט. כ'האָב גע־קענט איבערטראָגן די צעשיידונג און אַפילע די מעגלעכקייט פון טויט, דערפאַר, ווייל אונדזער צוזאַמענזיין איז געווען אַזאַ פולשטענדיקער. יאָ, די פאַקטן, דער עמעס און דאָס רעכט זיינען אָף אונדזער זייט און די אַפּעלאַציע מוז זיך ענדיקן מיט אַ טריומף. כ'בין זיכער, אַז אונדזער אַדוואָקאַט וועט טאָן דאָס מענטשן־מעגלעכע, קעדיי ניט צוצולאָזן, ס'זאָל אַרויסגעגעבן ווערן נאָך אַ צווייטער פּאָליטישער פּסאַק־דין און קעדיי צו דערגרייכן אַן אורטייל, באַזירט אָף יורידישע עלעמענטן. דו בליִבסט מיין האָפענונג. בין טאָמיד שטאָלץ צו זיין דיין מאַן.

יוליוס.

## יוליוס צו עטל

20טער יוני 1951.

עטל טייערע:

ווען דו וועסט באַקומען די דאָזיקע פּאַר ווערטער, וועט דער פרילינג שוין זיין אָפיציעל פאַרענדיקט. ניט נאָר דער גייסט פון יוגנטלעכע שטרעבט צו ליבע אין פרילינג. וואָס שייַעך אָט דעם אַלטן פאַרהייראַטן מאַן, האָט דער פרילינג ביינגעטראָגן צו צעפלאַקערן נאָך מער זיין ליידנ־

שאפט. וואס פארא וווּנדערבארע זומערס האבן מיר פארבראכט צוזאמען. ספרינג־גלען 1939. דערמאנסט זיך די פאטאס פון אונדזער כאסענע־רייזע? אין א סאך הינזיכטן ביסטו היינט נאך שענער און ליבנסווערטער ווי דעמאלט. טראץ דיין צייטווייליקן באגראבן זיין אין אט דעם קייווער, האט גארניט פארמינערט דיין גלאנץ. מיין טייערע, זינט איך האב דיך היינט אינדערפרי געזען, פיל איך זיך געשטארקט. א, וויפל קאסטבארע זאכן האסטו מיר געגעבן, וואס פארא אינטעליגענץ אין דעם אויפן ווי דו האסט דערצויגן אונדזערע קינדער...

אין געוויסע מאמענטן פיל איך זיך גענוג מעכטיק, קעדיי ארונטערצורייסן פון אונדזערע לעבנס אט די מעגוימעדיקע מאסקע. אבער איך מאך זיך ניט קיין אילוזיעס. כ׳ווייס, אז מיר דארפן זיין שטארק ווי שטאל, קעדיי ווידערצושטיין אט דער עקזיסטענץ אן אויסגעלייזדיקטע פון אלע די שיינקייטן און פון דער פרייהייט פון ציוויליזירטן לעבן. שלאגן זיך קעגן ווינטמילן, דארשענען אין א מידבער — ניין, ניט דאס האבן מיר צו טאן. דער עמעס און די גערעכטיקייט זיינען פונקט אזוי מעכטיק ווי דער דונער. פרי צי שפעט וועט מען זיך דערוויסן דעם עמעס, אז מיר זיינען פולשטענדיק אומשולדיק, קארבאנעס פון אט דער צוגעגרייטער אבזאריעסדיקער פאליטישער מאכינאציע. מיין גאנצע צערטלעכקייט פאר דיר.

יוליוס.

עטל צו יוליוס.

21טער יוני 1951.

מיין היים־געליבטער מאן:

כ׳פיל זיך אזוי אנטמוטיקט דורך אט דעם אומבארעכטיקטן אנגריף קעגן א לעגאל־קאנסטיטוּוירטער אמעריקאנער פאליטישער פארטיי! דאס געשפענסט פון פאשיזם דערשיינט אן אומגעהייערער און דראענדיקער. עס גרייטן זיך קאנצענטראציע־לאגערס. א, מיינע ברידער און שוועסטער, וויפל צווישן אייך פארשטייען וועלכע שרעקלעכע סאקאנע עס הענגט איצט איבער אייער לעבן?

ע ט ל.

יוליוס צו עטל

22טער יוני 1951.

מיין ליבע עטל:

כ׳בין אויך עמפערט איבער דער טענדענץ, וואס דערשיינט אין די

האַנדלונגען פון יוסטיץ־מיניסטעריום. צי איז ניט איצטער קלאָר, אַז אונ־דזער איניען איז אויסגענוצט געוואָרן קעדיי אַרייַנצוקלאַפּן אין מויעד פון פאָלק די אידעע, אַז די אַנהענגער פון אַ געוויסער פּאָליטישער פילאָזאָפיע פאַרנעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש? די וואַקסנדיקע כוואַליע פון אַרעסטן, די הויכע קויציע־סומעס, די פאַראורטיילונגען צו לאַנגע טפיסע־שטראָפן און אַפילע צו טויט דינען, קעדיי צוצוגעוווינען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק צו אַזאַ מין לאַגע, אַז עס זאָל זיך אים אויסדוכטן, אַז דאָס זיינען גאַנץ נאָר־מאַלע געשעענישן. די זעלבע קונץ האָבן אָנגעוואַנדן די נאַציס. און איצט געפינט זיך אונדזער אַפּעלאַציע, וואָס דאַרף ראַטעווען אונדזערע לעבנס, פאַר די זעלבע ריכטער, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק, צוליב פּאָ־ליטישע צילן, צו זוכן טירוצים, קעדיי צו לאָזן פאַרשווינדן די ערשטע אויסבעסערונג (פון געזעץ).

לאָמיר האָפן, אַז ס'וועט זיי ניט געלונגען צו פּאַראַליזירן דאָס פאָלק דורך טעראָר. אויב אונדזער אַפּעלאַציע וועט אויסגעהערט ווערן אויף אַ יוי־שערדיקן אויפן און די אַנטשיידונג אָנגענומען ווערן אָפּן סמאָך פון גע־זעץ, וועלן מיר דערגרייכן אַן אַנולירונג פון אורטייל. טראַץ די אַלע אומ־אָנגענעמלעכקייטן, בין איך אויך ווייטער, מיין טייַערע, פול מיט קעמפּע־רישן ברען. צערטלעכקייטן פאַר דיר.

יוליוס.

## „מיר ווייסן, אַז מיר זיינען ניט שולדיק..."

עטל צו יוליוס ערעוו אַ זעונג מיט זייערע קינדער.

25טער יולי 1951.

מיין יוליוס, מיין טייַערער.

הייַנט פרי, בין איך געווען צו אויפגערעגט, כ'זאָל באַרירן געוויסע פראַגן, וועלכע מיר וועלן דאַרפן לייזן בעייסן וויזיט פון די קינדער קו־מענדיקע וואָך.

דאָס וויכטיקסטע וועט זיין, זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז מיר קענען ניט געבן אויף זייערע פראַגן קיין ענדגילטיקן ענטפער, און אַז דער דאָזי־קער באַזוך איז בלויז דער ערשטער פון אַ גאַנצער ריי. אויב ס'וועט אונדז געלינגען צו שאַפן באַ זיי דעם איינדרוק, אַז מיר זיינען ניט צו דערשי־טערט, וועלן מיר דורך דעם צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ פּאַסיקער רעאַקציע.

אַט ווי כ'האָב מיר עס פאַרגעשטעלט, ווי אַ מין מוסטער פונעם קומענדיקן געשפּרעך. כ'שרייַב עס דיר אין פאָרעם פון אַ מאָנאָלאָג:

— ס'איז נאַטירלעך ניט לײַכט צו וויסן, אַז מען איז פאַרמישפּעט צום טויט און דער דאָזיקער געדאַנק זאָל ניט פון צײַט צו צײַט אונדז אויפרודערן. אָבער לאָמיר באַטראַכטן דעם איניען אָף פאָלגנדיקן אויפן: מיר וויסן, אַז אַן אויטאָ קען אונדז איבערפאָרן און טויטן. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז יעדע מינוט פון אונדזער לעבן זאָלן מיר ציטערן, ווען מיר זעען אַן אויטאָ.

איר זעט, מיר זײַנען פּונקט די זעלבע ווי פריִער, בלויז וואָס מיר געפינען זיך, קערפּערלעך, אונטער אַן אַנדערן דאַך ווי איר. מיר זײַנען טרויעריק, וואָס מיר זײַנען ניט צוזאַמען מיט אײַך. אָבער מיר וויסן, אַז מיר זײַנען ניט שולדיק און אַז מיר זײַנען קאָרבאָנעס פון אַן אומגערעכטיקייט מיצאַד מענטשן, וועלכע האָבן געלייזט זייערע אייגענע פּראָבלעמען, דערציילנדיק וועגן אונדז שקאָרים. וועגן אָט די מענטשן קענט איר טראַכטן, וואָס איר ווילט, אַבי נאָר אײַערע געפילן זאָלן אײַך ניט לאָזן לײַדן און אויך ניט מאַכן אומגליקלעך.

פאַרשטייט זיך, אַז כ'וועל מיסטאַמע ניט באַנוצן פּונקט די זעלבע ווערטער, ווען זיי וועלן זײַן דאָ. ס'איז אָבער געווען אומבאַדינגט נייטיק, כ'זאָל טיילן מיט דיר מײַנע געדאַנקען.

ע ט ל.

## „מיר האָבן צוטרוי אין דער צוקונפט"

יוליוס צו עטל.

25טער יולי 1951.

האַלאָ, מײַן שיינהייט, די צײַט בלײַבט קיינמאָל ניט שטיין. אין אָט דעם מאָמענט פריי איך זיך צו זען מײַנע זין, וועלכע כ'האָב שוין אַ יאָר ניט געזען. האָגאָם מען דאַרף נאָך וואַרטן אַ גאַנצע וואָך, שטײַגט די שפּאַנונג און כ'מוז זיך באַהערשן מיט אַלע קויכעס, קעדיי צו אונטערדריקן מײַנע אַנגסטן.

כ'בין צופרידן, וואָס דו וועסט זײַן די ערשטע זיי צו זען און מיט זיי צו ריידן. ווײַל כ'בין זיכער, אַז דו וועסט עס טאָן אַפּן וווּנדערבאַרסטן אויפן און וועסט צוגרייטן דעם באָדן פאַרן באַזוך, וואָס זיי וועלן מאַכן בײַ מיר. דו ווייסט, ס'איז מיר אײַנגעפאַלן אַ ווּנדערבאַרער געדאַנק. די קינדער וועלן זײַן פון דעם אַנטציקט. כ'וועל מאַכן צייכענונגען פון באַנען, שיפן און אויטאָבוסן און כ'בין זיכער, אַז מיכאַעלן און באַזונדערס ראָבין וועט עס זייער געפעלן.

היינט באַנאַכט, ליבע מיינע, קענסטו רויק שלאָפן... עס איז דאָ פאַרשריט. מיר האָבן צוטרוי אין אַ ליכטיקער צוקונפט, ווען מיר וועלן זיין פאַראייניקט אַלע צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער.

מיטן גאַנצן האַרצן בין איך באַ דיר.

יוליוס.

## „לאָמיר ניט מוירע האָבן און אונדזערע קינדער וועלן אויך ניט מוירע האָבן"

עטל צו יוליוס באַם צוגרייטן זיך צו דער זעוונג מיט די קינדער

29טער יולי 1951.

האַלאָ, ליבסטער.

כ'וועל טאָן אַלץ וואָס כ'וועל קענען, קעדיי די קינדער זאָלן זיך גוט פילן און קעדיי זיי צוצוגרייטן צום באַזוך באַ דיר. באַמי זיך אין דער צווישנצייט אַ ביסל צו באַפרייען זיך פון די אַנגסטן. גלייב מיר, כ'באַמי זיך איינצייטיק מיך גופע צו איבערצייגן.

דו וועסט מיך ניט איבערראַשן מאַכן מיט דיינע שיפן און אייזנבאַנען. כ'האָב אַ קאַנווערט פול מיט זעלטענע מינים, אויפגעזאַמלט מיט דער גרעסטער זאָרג דורך אַט דער דרייסטער יעגערן אַף ווילדע שמעטערלינגען, וועלכע איז דיין פרוי.

דיין מאַמאַנע וועט זיין פּונקט דאָס, וואָס מען דאַרף, באַזונדערס פאַר ראָבין, וועלכער וועט עפשער זיין אַ ביסל שעמעוודיק און פרעמדלעך מיט אונדז.

יאָ, אויב מיכאַל וועט מיך ניט פרעגן, וויאַזוי ווערן עקזעקוטירט די פאַרמישפּעטע צום טויט, דאַן וועט די דאַזיקע אויפגאַבע פאַלן אַף דיר. אין אַזאַ פאַל, ענטפער גאָר קורץ, אַז דאָס ווערט געמאַכט דורך עלעקטרישן שטראָם, אַז ווייטיקן, אָבער מיר גלייבן ניט, אַז ס'וועט צו דעם דערגיין.

אויב מיר קענען אויפנעמען דעם געדאַנק וועגן אונדזער עקזעקוציע אָן שרעק, וועלן זיי אויך טאָן ווי מיר. נאַטירלעך וועלן מיר איבערן דאָזיקן איניען ניט ברייט ריידן. אָבער לאָמיר ניט מוירע האָבן און דעמאָלט וועלן זיי אויך ניט מוירע האָבן. מיין גאַנצע ליבע פאַר דיר.

ע. ט. ל.

# „כ'וועל זאָגן קאַדיש נאָך מײַן פּאָטער"

יוליוס צו עטל.

29טער יולי 1951.
מײַן ליבע, טײַערע פרוי.

דאָס, וואָס דו זאָגסט און די ווערטער, וואָס דו באַנוצט, זײַנען אַזוי טרעפלעך, אַז כ'קען זיי ניט בעסער לויבן ווי מיט אונדזער ייִדישן ווערטל: פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. דײַנע פאָרשלאָגן בענעגייע דער זעונג מיט די קינדער זײַנען ריכטיקע.

מיטוואָך וועט זײַן די פינפטע יאָרצײַט נאָך מײַן פאָטער. דער טויט פון אַזאַ אינטעליגענטן, פײַנעם, עמפינדלעכן און ליבן פאָטער איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסע אַווײדע. כ'וועל בעטן דעם ראַבינער אַנצוצינדן אַ ליכט און כ'וועל באַם דאַווענען זאָגן קאַדיש.

מיר דאַרפן באַטראַכטן אין אַלע פּראָטים אַלע פאַלגן בענעגייע דער שול, דער סאָציאַלער לאַגע און די גײַסטיקע באַדערפענישן פון אונדזערע ייִנגלעך. מען דאַרף אַ סאַך צוגרייטן פאַרן אָנהייב פון זייערע זומער־וואַקאַציעס.

זע, היט אָפּ דעם גאַנצן גלאַנץ פון דײַן אַנטציקנדיקן פּנים. צערט־לעכקייט פאַר דיר.

יוליוס.

# „די קינדער דאַרפן אונדז האָבן"

יוליוס צו עטל נאָך דער ערשטער זעונג מיט די קינדער.

1טער אויגוסט 1951.
ליבסטע.

נאָר אַ קורצן רעזומען פון די געשעענישן פון הײַנט. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט הײַנט פרי אַן אויפגערעגטער, געשפּאַנטער און פול מיט אַנגסטן. ווען דער קלאַנג פון זייערע שטימען איז דערגאַנגען צו מײַן קאָ־רידאָר, האָט מײַן אַנגסט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. די געשרייען פון ראָבערט זײַנען געווען אַ מוזיק פאַר מײַנע אויערן.

נאָכן פרישטיק בין איך אַריבער אין זאַל פון די אַדוואָקאַטן. די קינדערלעך הינטער דער טיר. ווען כ'האָב זיי אַרומגעאָרעמט, האָבן זיי זיך מיר אויסגעוויזן אַזעלכע קליינינקע און אַזוי אין דער ווײַט. כ'בין

געווען אַ ביסל צעטומלט. כ׳האָב געפילט, ווי עפּעס ווערגט מיך און מײַנע אויגן זײַנען געווען פײַכט. מיכאַל האָט קעסיידער איבערגעכאַזערט: „טאַטע, דײַן שטימע איז ניט די זעלבע".

נאָך אַ פּאָר מינוט האָב איך זיך באַהערשט. מיר האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט און דערנאָך האָט ראָבי זיך געזעצט אַף מײַנע קני. זײַן מאָגער בלאַס פּענעמל און זײַנע גרויסע אויגן זײַנען געווען געוואָנדן צו מיר און ער האָט געפרעגט: „טאַטע, פאַרוואָס קומסטו ניט אַהיים?" כ׳האָב אים דערקלערט. „פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען זונטיק אין צענטער?" כ׳האָב אים ווידער דערקלערט. נאַטירלעך האָט דאָס קינד עס ניט געקענט פאַרשטיין. ער איז אַרומגעשפּרונגען אין צימער און האָט זיך געשפּילט מיט די שטולן.

כ׳האָב געגעבן די קינדער אַ פּעקל צוקערלעך און זיי געוויזן די צייכענונגען פון די באַנען, שיפן און אויטאָבוסן. מיכאַל האָט די מיינסטע צײַט געצייכנט קאַמיאָנען מיט אַ בלײַפעדער. דאָס גרויסע יִנגל איז געווען רעזערווירט און שעמעוודיק. ווי דו האָסט מיר געהאַט פאַרגעלייגט, האָב איך זיי געפרעגט, וועגן וואָס איר האָט גערעדט. צום סאָף האָט מיכאַל מיר אַ ביסל דערציילט וועגן דעיוו, וועגן דײַן מוטער און וועגן רוט.

דער איינציקער מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך בעעמעס געפילט פאַראייניקט, איז געווען נאָך דעם ווי מען האָט גערעדט וועגן דײַן פאַמיליע. אָט דאָ איז ער ווי ארויסגעשפּרונגען פון זײַן רעזערוו: „צי איז געווען אַ פרײַנט אַף דײַן פּראָצעס? און ווער האָט נאָך, אַ חוץ מיסטער בלאָך, געזאָגט אײדעם פאַר דיר?" מען זעט, די בײדע קינדער זײַנען צערודערט.

איין זאַך, וואָס מיכאעל האָט געזאָגט איז דערשטוינענדיק: ס׳וואָלט געווען בעסער, ווען ער וואָלט געווען דאָ און ניט איך. כ׳האָב נאַטירלעך ניט געקענט קיין סאַך דערקלערן באַ אָט דער ערשטער זעונג. עטלעכע לידער און אַ שמועס איבער שפּילן האָט באַרויִקט די קינדער.

דו האָסט געגעבן דעם ריכטיקן טאָן פאַר דער זעונג און דאָס איז דורכגעגאַנגען בעסער ווי כ׳האָב דערוואַרט. ווייסטו, אַז די יִנגלעך האָבן פאַרלאַנגט, אַז די וועכטער זאָלן זיי באַזוכן? די קינדער האָבן געזאָגט, אַז דו זעסט אויס קלענער. כ׳האָב זיי געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז כ׳בין אַז וואָנצעס און דער קלענערער האָט מיך געפרעגט: „ווּהין זײַנען זיי אַוועק?"

לויט זייערע רייד קומט אויס, אַז זיי שפּילן ניט מער מיט זייערע קוביקעס, זייער אײַזנבאַן, זייער בוי־קאַסטן. עפּשער איז דאָס פאַרלאָרן געגאַנגען?

מיר דאַרפן דורכטראַכטן די פּראָבלעם. די קינדער דאַרפן אונדז



מיכאעל און ראָבי

האבן און כ'האף, אז אונדזער צעשיידונג וועט מער ניט לאנג דויערן. מיכאעל האט מיר דערציילט וועגן דיין צימער, וואס איז אינגאנצן גרייט פאר דיר. די באבע איז אריבער אין סאלאן.

ווען זיי זיינען אוועק, איז עס געווען, ווי מען וואלט מיר ארויסגע־ריסן א שטיק הארץ. צערטלעכקייטן פאר דיר.

יוליוס.

## „מיכאעל האט מיך געפרעגט, וויאזוי מען שטארבט...״

יוליוס צו עטל נאך א ווייטערדיקער זעונג מיט די קינדער.

9טער סעפטעמבער 1951.

מיין ליבסטע.

דער באזוך פון די קינדער איז געווען אויסגעצייכנט. זיי זיינען פון אנהייב אן געווען זייער לעבעדיק און האבן זיך אזוי פארווילט, אז זיי זיינען געווען זייער אומצופרידן, ווען זיי האבן געמוזט אוועקגיין. מיכאעל האט געזאגט, אז ער וויל צוריקקומען. א דאנק דעם גוטן איינפלוס, וואס דו האסט אף זיי, איז די אטמאספער געווען ווי אף א ווארעמען פאמיליע־צונויפטרעף.

די קינדער האבן זיך באהאלטן אונטערן שרייבטיש, דאס קינדישע לאכן פון ראבי האט זיי ארויסגעגעבן. זיי האבן זיך א ווארף געטאן צו מיר, מיר האבן זיך צעקושט. „א, וואונדערבאר!״ האט מיכאעל געזאגט, ווען כ'האב אים געגעבן א בלייפעדער מיט א בלאקנאט און ער האט גע־נומען צייכענען. כ'האב זיי געוויזן מיין קאלעקציע פון אינזעקטן און אוועקגעלייגט אפן טיש צוויי באנאנעס און צוויי טאבלעטקעס שאקאלאד. דער עלטערער האט געזאגט: „פאפא, ביטע שטאף אונדז ניט מיט עסן״. ראבי האט זיך גענומען צו ביידע טאבלעטקעס און צו א באנאנע. ער איז ארומגעשפרונגען און האט געשריען. כ'האב אים גענומען אף די הענט, קעדיי כ'זאל קענען ריידן מיט מיכאעל.

דער גרעסטער טייל פון דער שאַ איז אוועק אין א דיסקוסיע. אנגע־הויבן האט עס זיך מיט דער פאראורטיילונג צו טויט, וועגן וועלכער מיכאעל האט געלייענט אין א צייטונג. כ'האב אים געזאגט, אז דאס באומ־רויקט אונדז ניט. מיר זיינען אומשולדיק, מיר האבן א סאך אפעלאציע־מעגלעכקייטן און אז ער דארף זיך ניט באומרויקן. זיין אויפגאבע איז אויסצוּוואקסן א גרויסער און א שטארקער.

ער האָט מיך געפרעגט, וויאַזוי מען שטאַרבט און כ׳האָב אים געזאָגט. ער האָט מיך געפרעגט, צי איז דאָ פאַראַן אַן עלעקטרישע שטול און כ׳האָב אים געענטפערט: יאָ. ער האָט מיר געשטעלט מערערע פראַגן וועגן אַפּעלאַציעס און וואָס ס׳וועט זיין, אויב מיר וועלן צום סאָף פאַרלירן און וועלן מוזן אַנטקעגנגיין דעם טויט. כ׳האָב אים נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל קעסיידער בארויקט, אָבער כ׳האָב געזען, אַז ער איז געווען שרעקלעך צערודערט.

ער האָט מיר געשטעלט אַ מאַסע פראַגן וועגן געלייענטע אין ציי־טונגען באַריכטן בנוגע דער אַקציע פון „פ.ב.איי.״* און די געשוווי־רענע ריכטער. כ׳האָב זיך באַמיט אים צו דערקלערן וואָס בעסער און מאַני** האָט מיר געהאָלפן און אים געזאָגט, אַז אין דער היים וועט ער אים געבן נאָך אויספירלעכערע דערקלערונגען.

דער באָכער האָט געזאָגט: „פּאַפּאַ, עפשער וועל איך אַרבעטן, קעדיי צו ווערן אַן אַדוואָקאַט און דיר העלפן״. כ׳האָב געענטפערט: „מיר ווילן ניט וואַרטן אַזוי לאַנג, ווייל מיר ווילן זיין מיט דיר און זען, ווי דו וואַקסט״. ער וויל אַזוי שטאַרק אונדז העלפן עפּעס טאָן און זיין זיכער, אַז אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן.

אַ, ליבסטע מיינע, ער ליידט אַזוי שטאַרק אונטער דער לאַסט פון אָט די אַלע פּראָבלעמען פאַר דערוואַקסענע. ער איז אַזוי עמפינדלעך. כ׳האָב אים געפרעגט, וואָס מאַכט זיין באָבע סאָפיע, האָט ער געזאָגט: „ניט אַזוי גוט״, ווייל ער טוט איר אַן פאַרדרוס. דו פאַרשטייסט, ער מאַכט אַ טומל, די שכיינים באַקלאָגן זיך און ער פילט זיך שולדיק.

אַ קליינער אינצידענט האָט געגעבן אַ באַגריף וועגן פּראָבלעם אויך ראָבין. אין זיין אַרומשפּרינגען האָט ער איבערגעדרייט אַ טאַץ און אַ גלאָז אייז אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך צעבראָכן. טייקעף איז ער אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן הינטער מאַני. מיכאל האָט אים געזאָגט: „זע, וואָס דו האָסט געטאָן!״ אָבער כ׳האָב אים באַרויקט״.

דאָס קינד און ביכאל זיינען ביידע צעשראָקן און נאָר אונדזער גי־בער צוריקקער וועט היילן דאָס גאַנצע בייז, וואָס מען האָט זיי געטאָן. ווען כ׳וועל דיך זען, וועל איך נאָך האָבן אַ מאַסע אַנדערע זאַכן צו זאָגן. דו פעלסט מיר שרעקלעך. מיין גאַנצע ליבע פאַר דיר.

יוליוס.

---

* אַמעריקאַנער געהיים־פּאָליציי.

** דער פּאַרטיידיקער פון די ראָזענבערגס אַדוואָקאַט מאַנועל בלאָך.

# „אויך מיר וועלן ווייטער וואַקסן"

יוליוס צו עטל נאָך אַ זעונג מיט די קינדער

16טער סעפּטעמבער 1951.

מײַן טײַערע,

כ'האָב פאַרגעסן דיר צו דערציילן אַן אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען באַם לעצטן באַזוך פון די קינדער. בעיִם מיר האָבן דיסקוטירט דעם אַרטיקל פון „גאַרדיען",* האָט מיכאל אונדז פלוצלינג אָנגעקוקט מיט אַזאַ מאָדנע מינע און אַ זאָג געטאָן, פאַרטראַכט און טרויעריק: „פּאַפּאַ, כ'האָב קיינמאָל ניט געזען דיך און די מאַמע זיך קושן". כ'נעם אָן, אַז ער האָט געזען אַ בילד אין אַ צײַטונג, וואָס ווײַזט אונדז, ווי מיר האָבן זיך צעקושט אין פּאָליציי־קעטשל.

אינעם אויפן ווי ער האָט עס געזאָגט, אין פאַרבענקטן בליק פון זײַנע אויגן, אין אַלץ האָט מען געקענט שפּירן דעם רוף: „כ'דאַרף האָבן מײַן פּאַפּאַ און מאַמע. מען האָט מיר צוגערויבט זייער ליבע, די זיכערקייט, זייער טרייסט".

מיסטאָמע אַט צוליב דעם, וואָס דאָס אַלץ פעלט אים איצט, באַזונדערס זינט אַ יאָר, האָט ער פאַרגעסן, ווי צערטלעך מיר זײַנען טאָמיד געווען איינער מיטן צווייטן. דאָס בייז, וואָס מען האָט געטאָן אונדזערע קינדער, קוועלט מיך אָממייסטן.

מיט אַ דרײַ כאָדאָשים צוריק האָט אַ געפאַנגענער אײַנגעפלאַנצט אַ קערנדל פון אַ מאַראַנץ אין אַ ביסל ערד צווישן דער צעמענט־פּליטע. אַזוי ווי אַלץ, וואָס לעבט, אינטערעסירט אונדז אין אָט דעם טרויעריקן אָרט, האָבן מיר עס באַגאָסן, געפלעגט אַזוי, אַז עס האָט זיך פעסט פאַרוואָרצלט און גענומען וואַקסן. איצט איז דער געוויקס הויך, בליט און טראָגט קליינטשיקע מאַראַנצן אויף די צווײַגן. קענסטו דיר פאָרשטעלן אָט דעם קאָנטראַסט? קראַטעס, בעטאָן, מויער און אַ מאַראַנצן־בוים, וואָס וואַקסט אין אַ שפּאַלט צווישן צעמענט. פרישקייט, שיינקייט און לעבן בלײַען אין דאָזיקן קייווער.

אויך מיר וועלן ווײַטער וואַקסן אין אָט דער נעגאַטיווער אַטמאָספער. איך קלער וועגן דער צײַט, ווען מיר וועלן געניסן אַפּסניִ פון אונדזער היים און פון דער ליבלעכקייט פון אונדזערע קינדער.

כ'שיק דיר מײַן גאַנץ האַרץ.

יוליוס.

---

* „נעשאָנעל גאַרדיען", ניו־יאָרקער וואָכנצײַטונג, וועלכע האָט פון אויגוסט 1951 אָן געפירט אַ קאַמפּאַניע לטובֿת די ראָזענבערגס און פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן דעם.

## „מיר וועלן קיינמאָל ניט בייגן די קני"

יוליוס צו עטל — צו איר געבוירן־טאָג.

26סטער סעפּטעמבער 1951.

ליבסטע,

מיט מער ווי צען יאָר צוריק, אַרום ווײַנאַכט 1936, האָב איך גע־מראָפן אַ יונגע דאַמע, אַ שיינע, מילדע, באַשיידענע. דאָס איז געווען די עטל, מיט וועלכער כ'האָב כאַסענע געהאַט און דאָס איז דאָס גרעסטע גליק, וואָס האָט מיך געטראָפן אין לעבן.

וווּנדערבאַרע יאָרן האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען. טאָמיד צוזאַמען, טיילנדיק אַלע ליידן און פריידן פון לעבן, און באַטייליקנדיק זיך, ווי אַלע אָרנטלעכע בירגער, אין די פּראָגרעסיווע באַמיִונגען פון דער מענטש־הייט. מאַן און פרוי האָבן מיר מוטיק געקעמפט קעגן אַלע שוועריקייטן פון דער עקזיסטענץ. מיר האָבן געלעבט, מיר זײַנען געווען גליקלעך, מיר האָבן געלערנט, מיר זײַנען געוואַקסן.

לויט מײַן מיינונג איז עס קעדײַ פעסטצושטעלן, אַז מיר האָבן אַזוי גוט אויסגעהאַלטן די פיזישע אַנגסטן, די גײַסטיקע שפּאַנונג, די פול־שטענדיקע איזאָלאַציע — און דאָס אַלץ אין שאָטן פון טויט, וואָס שוועבט קעסיידער איבער אונדז. טראָץ טרויעריקייט און מאָמענטן פון ייִעש, האַלטן מיר דעם קאָפּ הויך און האָבן דעם פולשטענדיקן צוטרוי אין אונדזער ענדגילטיקן זיג און זײַן רעזולטאַט — צוריקגעפינען אונ־דזער היים און אונדזערע קינדער. מיר זעען אַלץ, וואָס קומט פאַר אַרום און מיר וועלן קיינמאָל ניט בייגן די קני פאַר דער דאָזיקער טיראַניע.

מײַן ליבסטע, כ'האָב פּרובירט דיר צו ווײַזן, וואָס פאַר אַ פולקייט דו האָסט געבראַכט אין מײַן לעבן. כ'האָף אַז צו דעם הײַנטיקן געבוירן־טאָג וועט דאָס, וואָס עס דיקטירט מיר מײַן מויעך און מײַן האַרץ, דיר ברענגען אַ ביסל נעכאָמע. איך פאַרגעטער דיך.

יוליוס.

## „די באַזונדערע באַדײַטונג פון די ייִדישע יאָנטויווים"

עטל צו יוליוס.

26סטער סעפּטעמבער 1951.

מײַן טײַערער, טײַערער מאַן.

צי וועסטו זײַן אַזוי ברייטהאַרציק, קעדיי מיר מויכל צו זײַן, וואָס כ'בין געווען דעם גאַנצן פרימאָרגן אַזוי אומגליקלעך? כ'בעט דיך, שרײַב

מיר טייקעף, פאַרזיכער מיר, אַז דו וועסט מיך באַהאַנדלען מיט אַ סאַך כּוואַלאָנעס אין מײַן קאַמף פאַר אַנטוויקלען זיך. שטאָפּ אָן דײַן בריוו מיט ליבע־דערקלערונגען און זשאַלעווע ניט קיין אויסטערלישע אויסדרוקן. איך ליב דיך אַזוי טיף, אַז מיר פעלן אויס ווערטער. כ׳קען בלויז בלײַבן אָט אַזוי זיצן און ביטער וויינען איבער דיר, איבער די קינדער, איבער אונדזער פאַרוויסטן לעבן.

מײַן טײַערער, גלייב אין מיר. נאָר דײַן גלויבן רופט אַרויס מײַן צוטרוי, גיט מיר צוריק דעם ריכטיקן פּלאַץ וואָס געהערט מיר און באַשיצט מיך קעגן דעם פּוסטן און קאַלטן נישט־זײַן פון דער דאָזיקער עקזיסטענץ.

כ׳וועל זײַן גליקלעך, אויב דו וועסט ביז צו אונדזער קומענדיקער זעונג ערנסט שטודירן די פראַגע וועגן די יידישע יאָנטויווים און זייער באַזונדערע באַדײַטונג פאַר אונדז אַלס געפאַנגענע.

און איצט, מײַן געליבטער, גוטע נאַכט. וואָס דער מאָרגן זאָל אונדז ניט ברענגען, לייג איך איצט אָפּ די לאַסטן פון טאָג מיט אַ קלאָרן געוויסן וועלכן ס׳האָבן נאָך מענטשן מיט אַ ריינעם האַרצן. כ׳האַלט דײַן ליבן פּאָנעם צווישן מײַנע הענט, אַזוי ווי כ׳פלעג עס טאָן אַמאָל, מיט אַזויפיל צײַט צוריק און איך קוש דיך פון מײַן גאַנצן האַרצן. מײַן גאַנצע צערטלעכקייט פאַר דיר.

ע ט ל.

# „יידן און ניט־יידן, שוואַרצע און ווײַסע, — אַלע דאַרפן זײַן סאָלידאַריש"

עטל צו יוליוס.

30טער סעפּטעמבער 1951.

געליבטער מײַנער,

כ׳בין, הייסט עס, איצט 26 יאָר אַלט. מײַן צווייטער געבוירן־טאָג הינטער די קראַטעס איז אויסגעצייכנט געוואָרן דורך אַ מאַסע פּרעכטיקע קאַרטלעך, געשיקט דורך דער פאַמיליע פון מײַן טײַערן מאַן, דורך זײַנע זין און דורך אים גופא, אָט דעם הערלעכן פאַרשוין.

איך טראַכט איצט וועגן די גרויע גאַסן פון איסט־סאַיד. אַ מאַסע מענטשן וועלן זיך אײַלן אין די פריִע מאָרגן־שאָען אין די סינאַגאָגעס, קעדיי מיספּאַלעל צו זײַן. כ׳האָף פון גאַנצן האַרצן, אַז זייערע טפילעס זאָלן דערהערט ווערן, אָבער דאָס לעבן האָט מיר געלערנט, אַז טעאָריע אָן פּראַקטיק קען זײַן אַ פּוסטער זשעסט, אָן שום זין. נאָר ווערטער אַליין

ברענגען ניט קיין שאָלעם, קיין גוטן ווילן, קיין זיכערקייט, נאָר וועלכע עס לעבצט די גאַנצע מענטשהייט. מיר דאַרפן ניט באַנוצן די טפּילע צום אַלמעכטיקן ווי אַ טערעץ, קעדיי זיך אַרויסצודרייען פון אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט לעגאַבע אונדזערע מיטמענטשן אין לויף פון טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר איַינשטעלן אַ סאָציאַלע גערעכטיקייט. ייִדן און ניט־ייִדן, שוואַרצע און וויַיסע, אַלע דאַרפן זיַין פעסט, סאָלידאַריש און שטאַרק!

דער ווינטער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַף אונדז, קען מען זאָגן, אָן שום וואָרענונג. דער נידעריקער הימל איז היַינט געווען אַ ריכטיקער יאַנואַר־הימל. דאָס איז ניט ריכטיק. מיטן פאַרכמורעטן שטערן האָב איך אַרומגעשפּריַיזט איבערן צעמענט, פאַרטיפט אין מיַינע מאַכשאָוועס און מיט פאַראַכטונג פאַר די שאַרפע שמיץ פון ווינט. דער זיג פון די „דאָדזשעס" איבער די „פיליפּס"* האָט מיך אָבער באַלד צוריקגעבראַכט צו מיַינע גיַעוויינלעכע באַשעפטיקונגען. אַ טאָג, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן לענגער ווי אַלע אַנדערע, גייט אַזוי אַרום צו ענדע. איך באַגריס דעם קאַיאָר פון מאַנטיק מיט פיל קויעך און געוואָקסענער אַנטשלאָסנקייט. סאָפקאָל־סאָף, אויב עס קומט דער מאָנטיק, וועט מען אָפן מיטוואָך ניט מער לאַנג וואַרטן. ווי וואָלט געווען שיין צו האָבן אַ וואָך נאָר פון מיטוואָכן.

ווי קלוג האָסטו מיר געראָטן פאַרגאַנגענע וואָך. דיַין רעוואָלטירטע פרוי האָט זיך שוין באַדיַיטנדיק באַרויקט. זי האָט דעם קאָוועד דיר מיטצוטיילן, אַז דיַין לעקציע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. כ'האָב דיך ליב, מיַין טיַיערער. דיַין אַלטע פרוי

ע ט ל.

# „איך בין שטאָלץ אָפּצושטאַמען פון אָט דעם אַלטן פאָלק"

עטל צו יוליוס.

2טער אָקטאָבער 1951.

געליבטער,

אויצער מיַינער, די אַרטיקלען אין „נעשאָנעל גאַרדיען" זיַינען אויסגעצייכנט. כ'בין איצט מער ווי ווען ניט איז זיכער אין אונדזער עווענטועלער באַפריַיונג.

וואָס שיַיעך די „דאָדזשערס" האָבן זיי אַרויסגערופן באַ מיר בעעמעס

---

* צוויי עקיפּן פון בייסבאָל.

אַ באַוווּנדערונג: 10 : 0. אַט דאָס הייסט געגעבן! מען ליבט זיי פאַר זייער אומבאַצווינגלעכער מאָראַל. אָבער קוידעמקאָל האָבן זיי זיך איבער אַלץ גלאָריפיצירט מיט דעם, וואָס זיי האָבן בײַגעטראָגן ארויסצורײַסן די ראַסן־פּאַראורטיילן.

און איצט, באַם סאָף פון ראָשעשאָנע וויל איך ווינטשן אונדז און אונדזערע קינדער אַ סאָף פון די שרעקן און לײַדן.

כ׳קען דיר גאָרניט זאָגן, ווי אויסערגעוויינלעך גערירט כ׳בין געווען, ווען כ׳האָב געהערט דאָס שויפער־בלאָזן דורך אונדזערע פינצטערע גע־בײַדעס בעייסן הײַנטיקן דאַווענען. כ׳בין בעעמעס שטאָלץ צו זײַן אַ יוי־רעש פון אָט דעם אַלטן פאָלק, וואָס האָט זינט טויזנטער יאָרן אַזויפיל בײַגעטראָגן צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און וואָס כ׳וועל האָבן דעם זכוס טאָמיד מיט אים אידענטיפיצירט צו ווערן!

געליבטער, גוטע נאַכט. אין דײַנע אָרעמס וועלן אַלע מײַנע כאַלוי־מעס באַלד יוערן ווירקלעכקייט. צערטלעכקייט פאַר דיר.

ע ט ל.

## „אַ כוואַליע פון פאַראַכטונג פאַר מענטשלעכע רעכט פאַרפלייצט דאָס לאַנד"

15טער אָקטאָבער.

כ׳בין קראַנק פון דער געשיכטע מיט מיכאעל.* ער איז אַזוי יונג, צו יונג, קעדיי אויסצושטיין אַזאַ ווילדע אַכזאָריעס. ווי שרעקלעך איז אָט די אוממענטשלעכקייט, וועלכע באַשראָפט אַ ווערלאָז קינד, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. מען דאַרף זיך סאָפּקאָלסאָף איבער דעם ניט וווּנדערן, ווען מען זעט די קעסיידער וואַקסנדיקע כוואַליע פון פאַראַכטונג פאַר די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט, וועלכע פאַר־פלייצט איצט דאָס לאַנד. צרטלעכקייטן פאַר דיר.

ע ט ל.

יוליוס צו עטל

18טער אָקטאָבער 1951.

טײַערע עטל:

איך בין אומגעדולדיק צו וויסן, וואָס מיכאעל וועט באַ דער נאָענטס־טער זוּנג אונדז דערציילן וועגן זײַנע נײַע פרײַנט. דאָס מאָל, האַגאַם

* מיכאעל, ראָזענבערגס עלטסטער זון, איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון הויז פון זײַנעם אַ כאַווער, ווען די מוטער פון לעצטן האָט זיך דערוווּסט, ווער ער איז.

איך גיי צו דער זעונג מיט לידיקע הענט, וועל איך האָבן אַ מאַסע איניאַ־נים צו ריידן מיט אים. אונדזער אַדוואָקאַט וועט אויך זײַן. און דאַ קומט מיר אין מאָמענט דער געדאַנק, אַז מיר וואָלטן געקענט בעטן באַם טפיסע־דירעקטאָר די דערלויבעניש צו זען די קינדער צוזאַמען, דו און איך.

נאָכן באַזוך וועלן מיר קענען מיט פאַרגעניגן וואַרטן אַפן קומענדיקן נומער פון „גאַרדיען" און כ'האָף אַף ווײַטערדיקע בריוו פון לייענער.

דאָס, וואָס מירביידע האָבן געזאָגט פאַר, בעיים און נאָך אונדזער פּראָצעס, הייבט אָן איצט מעקויעם צו ווערן. ס'קען גאָרניט אַנדערש זײַן. סאָפּקאָלסאָף, דער עמעסער טריבונאַל, דער ענדגילטיקער, דער העכסטער שויפעט איז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק. ער איז עס דער היטער פון אונ־דזערע רעכט, און אונדזער פרײַהייט און אויך — יאָ, אויך פון אונדזער לעבן.

אויב מען קען אין אַזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר זײַנען, גליקלעך זײַן, בין איך אין איצטיקן מאָמענט גליקלעך. מיר האָבן זיך ניט געוואָקלט, מיר זײַנען געווען אַף דער הייך פון דער אויפגאַבע, וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט. ליבע מײַנע, מיר זײַנען געמאַכט פון אַ פעסטן שטאָל. דײַן מאַן.

יוליוס.

## יוליוס צו עטל

25טן אָקטאָבער 1951.

מײַן טײַערע פרוי:

איך בין ווי אַף הייסע קוילן, וואַרטנדיק אַף דײַן בריוו. איך ווייס, אַז דו טראַכסט נאָר וועגן איין זאַך: וועגן גרויליקן ניסאָיען און וועגן דער עמאָציאָנעלער צערודערונג פון די קינדער.

ווען דו וועסט באַקומען דעם דאָזיקן בריוו, וועלן מיר עפשער שוין האָבן די אַקטן פון אַפּעלאַציע־טריבונאַל. איך שלאָג פאָר, אַז דו זאָלסט זיי לייענען און צוגרייטן באַמערקונגען.

נאַטירלעך איז עס ניט לײַכט פאַר אומשולדיקע מענטשן צו זען קעסיידער דעם שאָטן פון טויט, וואָס שוועבט איבער זייערע קעפּ, ניט פאַרלירנדיק דערבײַ די זעלבסטבאַהערשונג. אָבער, מײַן ליבסטע, אויב מיר זײַנען דאָ, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבן ניט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן. מיר וועלן אויך ווײַטער, צוזאַמען מיט אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן, בלײַבן פעסט פאַר דער ערלעכקייט, דער פרײַהייט, דעם שאָלעם און דער עמעסער גערעכטיקייט.

דערמאָן זיך אונדזער גרונטזאַץ: מוט און צוטרוי צו דער צוקונפט.
דײַן מאַן, וועלכער ליבט דיך.

יוליוס.

יוליוס צו עטל

1טער נאָוועמבער 1951.

מײַן טײַערע עטל:

לייענענדיק די וואָך אין „גאַרדיען" די בריוו פון די לייענער צום אַרויסגעבער, האָב איך זיך געפילט גאָר שעמעוודיק אין אַנבליק פון די אַלע באַנוצטע סופּערלאַטיוון. כ'מיין אַז אין דער עמעסן זײַנען מיר דאָך נאָר פּאָשעטע מענטשן, וואָס זײַנען אײַנגאַנצן ענלעך צו אַט די שרײַבער פון די בריוו און צו טויזנטער אַנדערע מיטבירגער. אין אונדזער איניען זעען זיי זיך גופא און זיי פאַרשטייען, אַז אויך זיי זײַנען באַדראָט דורך אַ קאַטאַסטראָפע פון זעלבן מין.

די בראָשור פון 16 זײַטן איז דער ערשטער עמעסער אָנהייב. מיר דאַרפן דערוואַרטן אַ טאָמיד גרעסערע מאַסע פון אָנהענגער. דאָס פאַר־שטאַרקט מײַן אַנטשלאָסנקייט אַרויסצוגיין זיגרײַך פון אַלע צאָרעס.

הײַנט איז דער גערענק־טאָג פון וואָפנשטילשטאַנד (1918). יעדער מענטש וואָלט געדאַרפט אויסנוצן אַזאַ טאָג, קעדיי צו אַנאַליזירן דעם זין פון די העקאַטאָמבעס און בעסער אָפּשאַצן די נייטיקייט פון וועלט־שאַ־לעם. מיר ביידע, מיר האָבן דורכגעפירט אַ קליינע דיווערסיע קעגן דעם קריגערישן שפּיל, וואָס וויקלט זיך אָפּ איצט אַלוועלטלעכן שאַכבערעט.

ס'איז מאָנטיק אָוונט. נאָך אַ טאָג איז פאַרבײַ און ער דערנענטערט מיך צו דיר. איך פאַרגעטער דיך אַלץ מער און מער. מיר וועלן נאָך אין די נאָענטסטע טעג כאַסענע האָבן, וואָס?

דײַן מאַן

יוליוס.

## „ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג?"

עטל צו יוליוס.

29טער נאָוועמבער 1951.

מײַן ליבסטער און מײַן טײַערסטער!

נאָכדעם ווי דו ביסט אַוועק, האָט מיך די אײַנזאַמקייט אַרומגערינגלט. איין פראַגע האָט מיך געמאַטערט: ווי לאַנג קען דאָס מענטשלעכע האַרץ איבערטראָגן יעסורים ניט־פּלאַצנדיק דערפון? וויפל גרויזאַמען פּײַן קענען

די נאַטירלעכע אינסטינקטן אויסהאַלטן, ניט־קריגנדיק קיין פאַרלײַכטער־רונג? און פונוואַנען קען קומען די פאַרלײַכטערונג? איך לײַד שרעקלעכע יעסורים, ווען איך טראַכט וועגן דײַנע איבערלעבונגען און וועגן די אי־בערלעבונגען פון אונדזערע קינדער. אָבער הײַנט אָוונט איז דער שטורעם פאַריבער, אַוועק, אויסגעשעפּט זיך, און איך בין רויק —

טײַערער, איך וויל דיך פאַרזיכערן, אַז פיזיש פיל איך זיך גאַנץ געזונט. באַוואָפנט מיט וואַרעמע אונטערוועש, מיט וואָלענע זאָקן און קאַלאָשן, בין איך פולשטענדיק גרייט צו באַגעגענען דעם קאַלטן אָסינינג־ווינטער. וואָס לענגער איך פאַרבלײַב דאָ, אַלץ מער ווער איך איבערצײַגט, אַז ניט בלויז פאָדערט זיך דורכצומאַכן אַ שווערן קורס און שטודירן, קעדיי צו ווערן אַ דערפאָלגרײַכער ארעסטאַנט, עס נייטיקט זיך אויך אַ שווערער בײַטל. דעם נאָבעלן באַגריף וועגן „זײַן מיט לײַטן גלײַך" („נאָכטאָן די דזשאָונסעס") קען מען ניט אויסמײַדן אַפילע אין דעם סינג־סינג טויטן־הויז!

ווי גליקלעך איך בין, ווען איך רייד מיט דיר, אָבער צו וואָס דאַרף איך האָבן אַט דעם נעבעכדיקן בלײַשטיפט און דאָס פּאַפּיר, ווען דו גע־פינסט זיך קעגנאיבער מיר! איך האָב דיך שטאַרק ליב.

ע ט ל.

## מאַטאָנעס פאַר די קינדער

יוליוס צו עטל.

דעצעמבער 2, 1951.

מײַן טײַערסטע:

עס געפעלט מיר זייער שטאַרק דײַן אײַנפאַל וועגן געבן רינגעלעך (פינגערלעך) אַלס מאַטאָנעס פאַר אונדזערע קינדער. דו וועסט זיי געבן די מאַטאָנעס, און איך וועל זען, ווי זיי טראָגן אונדזערע צייכנס פון ליב־שאַפט. ווי שטאַרק אינזינען דו האָסט אונדזערע קינדער, און אויך מײַן מוטער און אַנדערע מענטשן טראַכטן וועגן זיי — איך וועל אָפּשפּאָרן מײַן מאַטאָנע פאַר דיר ביזן טאָג, ווען מיר וועלן צוזאַמען גיין אַהיים און ווען מיר וועלן ווידער קענען לעבן. איך בין זייער אָפּטימיסטיש. טאַ־מיד דײַן אייגענער,

יוליוס.

## געפילן פון באַשיידנקייט און שטאָלץ

יוליוס צו עטל.

דעצעמבער 9, 1951.

מײַן ליבסטע :

ווען די מיטגלידער פון מײַן פאַמיליע לויבן אונדז פאַר אונדזער פעסטן מוט, האָב איך דאָס געפיל פון שעמעוודיקייט און פון אַניוועסדי־קייט, נאָר מעגסט מיר גלייבן, איך פיל זיך שטאָלץ מיט אונדז ביידן.

לינאַ האָט געזאָגט, אַז שכיינים האָבן אָנגעהויבן אַרויסווײַזן זייער פרײַנטשאַפט, און אַז מײַן מוטער הייבט אָן דערפילן די שטיצע מיצאַד אָרנטלעכע מענטשן. עס זײַנען שוין געמאַכט געוואָרן פיל פלענער פאַר אַ פײַנעם יאָנטעוו פאַר אונדזערע יינגלעך.

נײַע מענטשן האָבן זיך באַוויזן, און זיי נעמען די קינדערלעך צו זייערע היימען און אויך אַף אַן אַרויספאָר. מײַקל האָט ווידער אָנגעהויבן געמען זײַנע פּיאַנאָ־לעקציעס, און דאָס וועט אים געבן אַ געלעגנהייט צו שאַפן זיך נײַע פרײַנט צווישן קינדער פון זײַן עלטער.

דער מאַסן־אָפּרוף איז די אויסגעצייכנטע נײַס וועגן דעם פאַרשריט פון דעם קאָמיטעט.

פאַרוים צום קומענדיקן צוזאַגנדיקן טאָג ! דײַן אייגענער,

יוליוס.

## אין דערוואַרטונג פון דער באַגעגעניש

יוליוס צו עטל.

דעצעמבער 13, 1951.

מײַן ליב ווײַבעלע :

ווען אונדזער גרויסע שאַ פּרײַטיק וועט קומען, וועלן מיר האָבן צו ריידן וועגן אַ סאַך זאַכן. אויב ראַבי וועט פאָדערן דעם גרעסטן בײַלעק אויפמערקזאַמקייט, זאָלסטו עס אים געבן, ווײַל ער נייטיקט זיך אין דעם, און איך וועל פאַרברענגען מיט מײַקן. שוין באַם סאַמע אָנהייב וועל איך קענען קריגן פון מאַנין אַ בילד וועגן דער לאַגע. געדענק, עטל, די צײַט פון דער באַגעגעניש איז זייער אַ קורצע, און דאַרפסט ניט צופיל דער־וואַרטן. איך מײַן דערמיט צו זאָגן, אַז זאָלסט ניט זײַן אַנטוישט.

מיר מוזן אונטערשטרײַכן, אַז אָט די שרעקלעכע לאַגע איז בלויז

צײַטווײַליק, און אַז מיר וועלן גײן אַהיים, וועט אַט דער אומגליק ווערן פאַריבער. עפּשער קענסטו פאַרשלאָגן מײַקן, אַז ער זאָל מאַכן אין דער היים צייכענונגען און בילדער, און צושיקן אונדז אייניקע פון זײַנע אויפטוען? עפּשער קענסטו בײַ אים פּועלן, אַז ער זאָל אונדז שרײַבן, ווי ער האָט דאָס פריִער געטאָן. איך האָב דיך ליב.

יוליוס.

## דראַמאַטיזירן דעם יאָנטעוו כאַנוקע פאַר די קינדער

עטל צו יוליוס.

דעצעמבער 14, 1951.

ליבסטער:

בלויז עטלעכע שורעס צו לאָזן דיר וויסן, וואָס איך האָב אויפגעטאָן זינט אונדזער שמועס. איך האָב געשיקט אַ בריוו צו מאַנין, דערמאָנענדיק אים, אַז מיר האָבן דערוואַרט ער זאָל ברענגען די קינדער דעם 19טן. כ'האָב אים אויך אָנגעדײַט, וויאַזוי אויסצומײַדן שוועריקייטן בײַם נעמען די באַן אינדערפרי. כ'האָב פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל צופאָרן צום הויז מיט אַ טאַקסי, מיט וועלכער ער זאָל אַלעמען נעמען צו דער באַן, און אַז ער זאָל געבן די קינדער ברויט מיט פּוטער און פרוכט אויפן וועג, אַנשטאָט צו געבן זיי אין אײַלעניש אַ פולן פרישטיק אינדערהיים. איך האָב אים דערמאָנט, אַז ער זאָל קויפן מילך אין אָסינינג, איידער ער קומט אַהער.

איך האָב דערמאָנט וועגן דער ליקווידירונג (אויפגעבן) פונעם שאַפּ, און כ'האָב געבעטן, אַז טייל פונעם געלט זאָל גײן פאַר אַזעלכע מאַטעריאַלן ווי פּלאַטן, ביכער און ענלעכעס — זאַכן, וואָס זאָלן דראַמאַטיזירן דעם יאָנטעוו כאַנוקע פאַר די קינדער. מיט ליבשאַפט,

ע ט ל.

## די פּוסט־צייכנס אויפן שניי אין טורמע־הויף

עטל צו יוליוס.

דעצעמבער 16, 1951.

מײַן ליבער:

אין מעשׂעד פון דער וואָך האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מײַנע געפילן זײַנען אין מיר פאַרגליווערט געוואָרן, פונקט ווי דאָס אײַז אין דעם טורמע־הויף; דײַנע וואַרעם־אויסגעדריקטע געדאַנקען האָבן געהאַט די

ווירקונג פון צעשמעלצן אַט די פאַרפרוירנקייט. ערשט איצט באַגריף איך, וואָס פאַר אַ פראָסט עס האָט אַרומגעכאַפּט מײַן האַרץ.

עס איז נאָך געווען גוט, וואָס נאָך דעם שנײַ־שטורעם האָט די זון העל געלויכטן אין מעשעד פון אַט דעם אומעטיקן סאָף וואָך, ווען קיינער איז ניט געקומען אָף אַ באַזוך. אײַנגענורעט אין מײַן מאַלבעש, און אויס־קוקנדיק אַזוי מאָדנע אין מײַן הוט און מיליטערישן מאַנטל, האָב איך אָן אַנטשלאָסענע געשפּאַנט איבערן שניי. איצט זע איך אומעטום אָפּן שניי מײַנע אייגענע פוס־צייכנס.

עס פרייט מיך אַזוי צו הערן, ווי דײַנע געדאַנקען פאַלן זיך צונויף מיט מײַנע. ווי־אַזוי האָסטו געוווּסט, אַז איך האָב געפּלאַנעוועט צו געבן ראָבין אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט וויפל נאָר מעגלעך, און דערבײַ ניט לאָזן מײַקן אָן אויפמערקזאַמקייט, און אַז דו זאָלסט בעיס־מײַסע פאַר־ברענגען מיט מײַקן, אַז ער זאָל זיך ניט פילן געקריוודעט?

דו ביסט אַבסאָלוט גערעכט; איך וואָלט אַ סאַך געוווּנען, און די קינדער מיסטאַמע אויך, ווען איך זאָל זיך אַזוי ניט נעמען צום האַרצן דערפון, וואָס עס ווערט אַזוי וויניק אויפגעטאָן. אָבער עס רעדט זיך גרינגער, ווי עס טוט זיך, און ס'איז נאַטירלעך, אַז מײַן אויפרודערונג אין מיר זאָל וואַקסן, ביז איך וועל קענען זען די קינדערלעך. איך האָב דיך ליב.

ע ט ל.

## די באַדײַטונג פון כאַנוקע

יוליוס צו עטל.

דעצעמבער 20, 1951.

מײַן ליבסטע עטל:

די כאַנוקע־טפּילעס און צערעמאָניעס לעצטן דינסטיק האָבן בײַ מיר אַרויסגערופן דערינערונגען. פּונקט מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר גע־פײַערט דעם יאָנטעוו פון ליכט אין אונדזער אייגענער היים, צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער, און געשפּילט די זעלבע פּליטן. איך געדענק, ווי־אַזוי דו האָסט פאַרזיכטיק אויסגעקליבן שפּילצײַג און מאַטאָנעס פאַר די קינ־דער; איך געדענק דײַנע פיל צוגרייטונגען. אַט דער יאָנטעוו, וואָס פאַר־צייכנט דעם זיג פון אונדזערע אור־עלטערן אין אַ קאַמף פאַר פרײַהייט, קעגן אונטערדריקונג און טיראַניע, איז אַ פעסטער טייל פון אונדזער יע־רושע, און ער פאַרשטאַרקט אונדזער ווילן צו געווינען אונדזער אייגענע פרײַהייט.

איך בין אָפּטימיסטיש אין דערוואַרטונג פון 1952—. דו, ליבע פון מײַן לעבן, עס מוז דאָך קומען אַ סאָף צו אונדזער פּלאָגעניש. טאָ זאָל שוין אָט דער סאָף קומען וואָס גיכער, שנעלער. דײַן אייגענער,

יוליוס.

עטל צו יוליוס.

27טער דעצעמבער 1951.

מײַן געליבטער:

איך ווייס, אַז אונדזערע געדאַנקען זײַנען דורכגעדרונגען פון איינעם צום אַנדערן דורכן רוים, וואָס צעשיידט אונדז, בעיס די כאַנוקע־ליכטלעך האָבן געלויכטן און די מוזיק האָט געשפּילט. די דראַמאַטישע אינטענסיווקייט און די שיינקייט פון די געזאַנגען, וועלכע דריקן אויס אַזוי גוט דעם געוואַלטיקן שאַפונגס־קויעך פון פאָלק יִשׂראֵל און זײַן פעיִקייט צו קעמפן פאַר פרײַהייט, האָבן מיר אָנגעפילט מיט שטאָלץ און פרייד.

טרערן זײַנען מיר געקומען אין די אויגן, ווען כ׳בין צוריקגעקומען אין מײַן טפיסע־קאַמער און כ׳האָב דערזען די קאַרטלעך פון לענאַ, עטל און זייערע קינדער, האָב איך זיך דערפילט אומגעהײַער אינספּירירט.

דײַן פרוי, וואָס ליבט דיך שטענדיק

ע ט ל.

יוליוס צו עטל

30טער דעצעמבער 1951.

מײַן פאַרגעטערטע פרוי:

ווען דו וועסט באַקומען דעם בריוו וועט אַ יאָר, וואָס איז געווען פאַר אונדז זייער אַ פינצטערער, שוין זײַן פאַרגאַנגען. עס זײַנען דערגרייכט געוואָרן פאָרשריטן אין דער קאַמפּאַניע פאַר גערעכטיקייט, אָבער דאָס איז נאָך צו ווייניק און צו פּאַמעלעך. אַלס רעאַליסט גיב איך זיך אָפּ אַ פולן דין וועכעשבן וועגן די גרויסע אָנשטרענגונגען, וועלכע דאַרפן געמאַכט ווערן, קעדײי גויווער צו זײַן די פּאַראַליזירנדיקע אינערציע, וועלכע דער יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט האָט אײַנגעפּלאַנצט אין אַמעריקאַנער פאָלק. איך ווינטש דיר מוט, צוטרוי און פּערספּעקטיוו, און אַ גליקלעך יאָר, דו ליבע מײַנע.

מיר איז געוואָרן וואַרעם אַף דער נעשאָמע, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט דורך מײַן שוועסטער, אַז די קינדער האָבן געהאַט אויסגעפּילטע

וואַקאַציעס: קעסיידערדיקע וויזיטן, די געזעלשאַפט פון פריינטלעכע מענטשן, גוט צוגעקליבענע מאַטאַנעס און צערטלעכקייט. אַ סך פריינט זיינען געקומען אָנבאָטן זיי הילף.

מיין ליבסטע, מיר וועלן אָנטשעדיקן אונדזערע יינגלעך פאַר אַלץ, וואָס מען האָט זיי צוגענומען. איך כאָזער איבער נאָכאַמאָל, אַז איך דער־וואַרט פון דיר אין לויף פון נייעם יאָר, דאָס דו זאָלסט זיין מיין פעלדז, מיין אינספּיראַציע אין אַלעם, וואָס שטעלט פאַר מיר פאַר שיינקייט, לעבן. מיין גאַנץ האַרץ שיק איך דיר.

יוליוס.

1952 — בעסטע ווונטשן — ליבע — גליק — פרייהייט — שאָלעם!

1952

# די אַטמאָספער פון טויטן־צעל אין עטלס ליד

יוליוס צו עטל.

פעברואַר 14, 1952.

מײַן וווּנדערלעכע געליבטע:

הײַנט און יעדן טאָג ביסטו טאָמיד מײַן האַרציקע געליבטע. דײַן קראַפט האַלט מיך אויף באַם לעבן. גוטע נײַעס פון דער היים און פון דעם קאָמיטעט דערמוטיקן מיך. עס איז פאַר מיר אויך אַ הילף דער מאָמענט, ווען איך שטרײַך אוים די טעג פונעם קאַלענדאַר, טאָג נאָך טאָג, און איך ווייס, אַז מיר קומען צו אַלץ נענטער צו דער צײַט, ווען מיר וועלן קריגן גערעכטיקייט אונטערן געזעץ.

ליבסטע, דײַן פּאָעזיע האָט געהאַט די געווינטשטע ווירקונג, און עס איז אונדזער מיינונג, אַז דו זאָלסט אָפּגעבן מער פון דײַן פרײַער צײַט און צו דערפרייען אונדז מיט דײַן סאַטירישער ליריק. דו האָסט אויפגע־כאַפּט און באַנומען דעם סאַמע עצעם פון דער אַטמאָספער אין „די צעלן פאַר צום־טויט־פאַראורטיילטע", און אַלס אַ באַלוינונג דערפאַר ביסטו גע־וואָרן דער פּאָעט־לאַורעאַט פונעם „סינג־סינג־פּאַלאַץ".

כאָטש איך לייען לאַמאַנטס בוך („דער זעלבסטשטענדיקער מויעד", פון קאַרליס לאַמאַנט — רעד.) זייער לאַנגזאַם, האָב איך האַנאָע פון יעדן בלעטל, און איך דענק, אַז דאָס איז אַ זייער סטימולירנדיק ווערק, אַ בוך, וואָס רופט אַרויס געדאַנקען. אויך דו וועסט האַלטן, אַז ס'איז קעדײַ צו לייענען אָט דעם בוך.

אַף מײַן צעטל איז פאַראַן אַ היפּשע רעשימע פון ביכער, אָבער עס פאָדערט זיך זייער אַ סאַך קענען בײַקומען מײַן געמיט־צושטאַנד און צו פאַרטרײַבן מײַנע זאָרגן, קעדיי צו קענען קאָנצענטרירן זיך.

איך קוש דיך צערטלעך,

יוליוס.

עטל צו יוליוס

25טער פעברואַר 1952.

מײַן געליבטער:

איך מוז אומבאַדינגט געפינען צײַט, קעדײַ צו דאַנקען פאַר דײַנע ליבע ווערטער. ווי קען איך ניט פאַרשטײן אַן אויסדרוק, אָנגעפילט מיט אַזויפיל ליבלעכער זאָרג און איבערגעגעבנקייט? מײַן געליבטער, צי ווייסטו ניט ווי אונדזער צוגעבונדנקייט איז אומצעשעטערבאַר?

האַלב אַכט אינדערפרי 26טער פעברואַר 1952.

מײַן געליבטער, נעכטן 10 אַזייגער אין אָוונט האָב איך זיך דער־וווּסט די שרעקלעכע נײַעס.

אין מאָמענט, ווען מען ווייס נאָך ניט די פּראָטים, איז שווער עפּעס וואָס צו זאָגן, אַ כּוץ די אײַלעניש, מיט וועלכער די רעגירונג וויל אונדז שיקן אין טויט. ווי עס זאָל ניט זײַן, באַווײַזט דאָס, אַז אַלע אונדזערע אַנאַליזן בענוגע דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון אונדזער איניען זײַנען געווען דערשטוינלעך ריכטיקע.

מײַן האַרץ ווערט צעריסן, ווען איך טראַכט וועגן די קינדער. זיי זײַנען שוין צו גרויס, מען זאָל קענען פאַר זיי באַהאַלטן דעם עמעס. איך באַמי זיך צו באַהערשן, אָבער מײַן מוידעד פּלאַצט, ווען איך שטעל זיך פאַר זייער שרעק. מער ווי אַלץ בין איך אומרויִק וועגן זיי. איך דערוואַרט מיט שרעק די נײַעס, ווי אַזוי זיי וועלן האָבן רעאַגירט.

מײַן געליבטער, ווען איך וואָלט בלויז געקענט בעעמעס דיך טרייסטן. איך ליב דיך אַזוי.

מען רופט מיך וועגן בריוו. מוט מײַן געליבטער, עס איז נאָך דאָ אַ סאַך צו טאָן.

דײַן איבערגעגעבענע פרוי

ע ט ל.

# „אונדזער אַנאַליז וועגן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון אונדזער זאַך איז ריכטיק"

עטל צו יוליוס.

פעברואַר 28, 1952, 7.30 אינדערפרי.

מײַן ליבער:

נעכטן, צען אַזייגער אינאָוונט, האָב איך, מײַן טײַערער, דערהערט די ביטערע נײַעס (דער פעדעראַלער באַצירק אַפּעלאַציע־געריכט האָט צוריק־געוויזן זייער אַפּעלאַציע — רעדאַקציע).

אין דעם איצטיקן מאָמענט, ווען עס זײַנען ניטאָ קיין איינצלהייטן, איז שווער צו מאַכן אַ פּיירעש וועגן דעם איניען, כוץ דעם וואָס עס באַפּט אַרום אַ גרויל, ווען מען זעט מיט וואָס פאַר אַן אײַלעניש די רעגירונג יאָגט זיך נאָך אונדזער טויט. דאָס באַווײַזט, אַז אונדזער גאַנצער אַנאַליז וועגן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון אונדזער זאַך איז געווען שטוינענדיק ריכטיק.

מײַן האַרץ טוט מיר וויי׳ אױף די קינדערלעך; צום באַדויערן, זײַנען זיי שוין אַלט גענוג צו האָבן אַליין געהערט די נײַעס, און ווי שטאַרק איך זאָל זיך ניט קענען קאָנטראָלירן, צעשפּאָלט זיך מיר דער מויעד, ווען איך שטעל זיך פאָר זייער שרעק. צוליב זיי, צוליב זיי אַרט עס מיך אַמערסטן, און איך ווער שוין אומגעדולדיק צו הערן, וויאַזוי זיי האָבן זיך אָפּגערופן.

מײַן ליבסטער, ווען איך זאָל נאָר קענען בעעמעס געבן דיר טרייסט. איך האָב דיך ליב אַזוי שטאַרק.

עס קומט אָן די פּאָסט — זײַ מוטיק, מײַן טײַערער, עס איז פאַראַן נאָך אַזויפיל צו טאָן. דײַן געטרײַע פרוי,

ע ט ל.

## „דיר האָב איך צו פאַרדאַנקען וואָס איך האָב געלעבט אַ פול לעבן"

יוליוס צו עטל.

פעברואַר 28, 1952.

עטל, מײַן ליבסטע:

איך בין נאָך אַלץ שרעקלעך דערשיטערט פון דער מוירעדיקער באַשטעטיקונג פון אונדזער פאַראורטיילונג, וועלכע איז באַשלאָסן געוואָרן אין אַזאַ גרויסער אײַלעניש. איך האָף, אַז דער סעקרעטאַר פונעם געריכט וועט מיר צושיקן אַ קאָפּיע פון ריכטער פראַנקס אויספירן.

עס איז פאַר מיר אוממעגלעך ניט צו זען די שפּיצלעך און קונצן, מיט וועלכע עס האָט זיך באַנוצט אַן אַזוי גערופענער „ליבעראַל" און בעקאַוועדיקער מענטש, קעדיי פאַרצוזעצן אָט דעם פּאָליטישן שווינדל. ער לאָזט אין גאַנג קאַלערליי רעטאָרישע שטיק, קעדיי צו פאַרשלייערן דעם פאַקט, אַז אונדזערע לעבנס ווערן געבראַכט אַלס קאָרבן, קעדיי אויסצואיבן אַ דרוק אױף די ניט־קאָנפאָרמיסטן (יענע, וואָס ווילן זיך ניט בייגן אָדער צופּאַסן).

איצט, מער ווי ווען עס איז, מוזן מיר מאַכן אַלע אונדזערע אָנ־שטרענגונגען אַפֿן איינציקן אויפֿן, וואָס בלײַבט פֿאַר אונדז: אויפֿצודעקן די מעטאָדן פֿון אָט דעם געריכט.

צוליב דעם, וואָס מיר דערנענטערן זיך צו דער לעצטער אַנטשיידונג, און צוליב דעם וואָס באַם איצטיקן גאַנג פֿון די געשעענישן זײַנען מיר נאָענט פֿון טויט, — זע איך איצט נאָך קלאָרער ווי שטענדיק, אַז דו ביסט פֿאַר מיר דאָס וויכטיקסטע אין דער וועלט, וויכטיקער ווי מײַן אייגן פֿלייש און בלוט. עטל, דיר האָב איך צו פֿאַרדאַנקען, וואָס איך האָב געלעבט אַ פֿול לעבן, און קיין זאַך קען דאָס מער ניט צעשטערן.

שטענדיק דײַנער,

יוליוס.

# „כאָטש אַ ביסל פֿריילעכקייט פֿאַר אונדזערע קינדער"

עטל צו יוליוס.

פֿעברואַר 29, 1952.

מײַן געליבטער:

כאָטש איך ווייס, אַז קיינער איז איצט ניט אין אַ שטימונג צו פֿײַערן אַ געבורטסטאָג, איז עס אָבער וויכטיק, אַז דאָס לעבן פֿון אונדזערע קינ־דער זאָל לײַדן אַזוי ווייניק ווי נאָר מעגלעך דורך דער אַנטשיידונג פֿונעם געריכט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך אַליין וויל ניט קיין גרויסע פֿאַרזאַמלונג, ווו יעדער איינער שטרענגט זיך אָן אַרויסצוווײַזן אַ פֿריילעכקייט, וועלכע איז פֿאַרט ניט פֿאַראַן. אָבער מײַקל דאַרף האָבן די פּריווילעגיע צו קענען אײַנלאַדן אַ פּאָר פֿון זײַנע פֿרײַנט, קעדיי צו עסן אינאיינעם מיט זיי אַ געבורטסטאָג־טאָרט און זיך אַ ביסל פֿאַרווײַלן צוזאַמען מיט זיי. ער און ראָבי זײַנען באַרעכטיקט צו האָבן אַ שיינעם יאָנטעוו. איך האָב בע־דייע צו ריידן מיט לינאַן וועגן דעם. איך וועל איר אָנווײַזן, אַז ס'איז נייטיק אויפֿצוהאַלטן אין שטוב אַן אַטמאָספֿער פֿון עכטער פֿריילעכקייט, ווײַל קיין זאַך איז ניט אַזוי שעדלעך פֿאַר אַ קינד, ווי אַן אַטמאָספֿער פֿון שטענדיקער פֿאַרצווייפֿלונג.

איך וועל מאַמעש צעריסן פֿון געוואַלדיקער בענקשאַפֿט. אָ, מײַן ליבסטער, ווען מיר וואָלטן בלויז קענען זײַן צוזאַמען. איך האָב דיך אַזוי ליב. דײַן געטרײַע פֿרוי,

ע ט ל.

# „דאָס פֿאָלק איז אונדזער איינציקע האָפֿענונג“

יוליוס צו עטל.

2טן מאַרץ 1952.

פרוי מײַנע, ליבסטע מײַנע:

יאָ, אויב מיר האָבן אַמאָל געהאַט וועלכע עס איז אילוזיעס, אַז די ריכטער פון די העכערע געריכטן שטייען העכער פון היסטעריע און פּאָליטיק, זײַנען אָט די אילוזיעס איצט פולשטענדיק צעשמעטערט געוואָרן.

מיר מוזן באַגרײַפן גאַנץ קלאָר, אַז אונדזער איינציקע האָפענונג איז דאָס פאָלק. די מוירעדיקע שרעק, וואָס דער פאַרשטייענדיקער טויט־אורטייל רופט אַרויס, ענדערט דאָס בעשום אויפן ניט. בלויז דאָס פאָלק קען אָפּשטעלן אָט די לעגאַלע לינטשערײַ.

אַזוי ווי די אויסטײַטשונג פונעם געזעץ, ווי ריכטער פראַנק פאָרמולירט, שטעלט אין אַן ערנסטער געפאַר אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן און אַלע ניט־קאָנפאָרמיסטן (די אַלע וואָס ווילן זיך ניט צופּאַסן צו הערשנדיקע מיינונגען), ווי אויך אַנדערע, — בין איך איבערצײַגט, אַז אונדזערע מיטבירגער וועלן זיך פאַראייניקן, קעדיי באַטל צו מאַכן אָט די אַנטשיידונג.

איך דערוואַרט, אַז איצט, אין דער שפּעטער שאָ, וועט די קאַמפּאַניע צו דערקלערן דעם איניען פאַר די מאַסן קריגן אַ נײַעם אימפּעט, און אַז נאָכן מיטינג * וועלן מיר אָנהייבן מאַכן פאָרשריט.

איך בין זיכער, אַז מיר וועלן טאָן אונדזער בײַלעק, און איך וואַרט דעריבער מיט אומגעדולד אַף אַ קאָפּיע פון דער אַנטשיידונג, קעדיי זיך צו נעמען צו דער אַרבעט. איך וועל אויך בעטן מעניו, אַז ווען די באַריכטן וועלן אָפּגעדרוקט ווערן פאַר „סערטיאָראַרי“ (פאַרן העכערן געריכט צו באַטראַכטן די פאַרהאַנדלונגען פון אַ געוויסן פּראָצעס אין אַ נידעריקערן געריכט), זאָל יעדער פון אונדז קריגן אַ קאָפּיע.

דײַן אײַנפאַל צו קאָמבינירן דעם באַזוך פון די קינדער מיט אַ יורידישער באַראַטונג איז אויסגעצייכנט. עס וועט זיך ווענדן אין דעם, צי אונדזער אַדוואָקאַט וועט קענען אָפּשפּאָרן פאַר אונדז צײַט איצט, ווען ער האָט אַזויפיל יורידישע אַרבעט, ביז מיטוואָך. מיט ליבשאַפט,

יוליוס.

פּ. ס. — זעץ פאָר צו זינגען און צו האָפן, מײַן וווּנדערלעכע פרוי. די צוקונפט האָט נאָך פאַר אונדז אַ סאַך גוטע מעגלעכקייטן. דו ווייסט: „מוט, אַנטשלאָסנקייט און צוטרוי אין דער צוקונפט“.

* עס רעדט זיך וועגן דעם גרויסן מאַסן־מיטינג דעם 12טן מערץ 1952, אין פיטיען־טעמפל אין ניו־יאָרק. דער מיטינג איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם „קאָמיטעט צו קריגן גערעכטיקייט אין דעם ראָזענבערג־איניען“.

# „באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער שפּילט אַ גרויסע ראָל אין אונדזער איניען"

יוליוס צו עטל, נאָכן דערוויסן זיך וועגן דער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע, וועלכע ווערט געפירט קעגן זיי און אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער פּראָצעס.

16טער מאַרץ 1952.

מײַן וווּנדערבאַרע פרוי:

די גלענצנדיקע נײַעס, וואָס מײַנע שוועסטער האָבן מיר געבראַכט אין ערן מיטינג אין „טעמפּל פּיטיען" און איבער דער אַנדערער טעטיקייט (פון דער באַוועגונג צו פאַרטיידיקן די ראָזענבערגס—רעד.) באַווײַזן, אַז די שלאַכט איז גוט אָנגעהויבן. אַפילו בעסער ווי כ'האָב געהאַט פאָרויסגעזען. לאָמיר האָפן, אַז די אומפּאַרטייאישע, ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן וועלן זיך אין אונדז אַנשליסן. אין קאַן שטייט דאָס רעכט; די זיכערקייט און אַפילו דאָס לעבן פון אַלע מוטיקע מענטשן פון אַלע מיינונגען.

אַ וויכטיקער פאַקטאָר איז אויך די נויטווענדיקייט צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער שפּילט אַ גרויסע ראָל אין אונדזער איניען. איך האָב דעם באַווײַז, אַז האָאָס מיר זײַנען אומשולדיק, הייבן זיי אַרויס די פאַראורטיילונג און — כאָטש דאָס איז אומגעזעצלעך — שרײַען זיי: „זעט איר, די ייִדן זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך". כ'האָב אויך ווײַטער צו־מרוי, אָבער אָן שום אילוזיע בענוגייע די שוועריקייטן, וועלכע מיר דאַרפן באַקעמפן. אונדזער פאַמיליע שטיצט אונדז דערבײַ מיט וואָס זי קען.

עטל, דער קאַמף האָט זיך בלויז אָנגעהויבן. האַלט דײַן בליק געווענדן צו דער צוקונפט. דײַן ליבנדיקער מאַן

יוליוס.

# „די פיזישע צעשיידונג האָט ניט קיין שום אײַנפלוס אַף אונדזער ליבע"

יוליוס צו עטל.

געליבטע,

ליבע פון מײַן לעבן, רויז פון מײַן האַרצן, דו, מײַן פאַרגעטערטע פרוי, וועלכע מען האָט מיר אַוועקגעריסן, דו, דאָס טײַערסטע, וואָס כ'האָב אַף דער וועלט. ווען כ'זע דײַן שיין, אויסדרוקספולן פּנים, ווייס איך, אַז

מיר זײַנען בלויז איינס. וואָס שײַעד מיר, באַוווּנדער איך, וווּאַזוי בליט זיך פונאַנדער אונדזער ליבע, אָט דאָ, אין דעם אָ ראָם.

כ׳בין איבערצײַגט, אַז די פיזישע צעשיידונג האָט ניט דעם מינדסטן אײַנפלוס אַף אונדזער ליבע, אויך ניט אַף אונדזער פולשטענדיקער מאַטאַלער פאַרשטענדעניש. מען מוז אָבער נאָך אַ ביסל וואַרטן, מײַן טײַערע, ביז מיר וועלן ווידער זײַן פאַראייניקט, וואַרטן יעדער אין זײַן קליינער איימע־קאַמער.

בלײַב אַזוי ווי דו ביסט, מײַן עטל. כ׳וויל ניט, דו זאָלסט ווערן אַנדערש. דײַן ליבנדיקער מאַן

יוליוס.

## „דער ווילן צום לעבן שטראָמט ווידער אין מיר"

עטל צו יוליוס נאָך אַ זעונג אין דער טפיסע

2טער אַפּריל 1952.

מײַן געליבטער:

ווי בין איך גליקלעך, ווען כ׳בין מיט דיר. די לופט גופע ווערט אַן אַנדערע. דער דרוק פאַרשווינדט. דער ווילן צו לעבן, צו אַרבעטן און צו קעמפן שטראָמט ווידער אין מיר.

ע ט ל.

## „זאָל אונדזער פאַרהאַלטן בײַטראָגן צום וויל פון פאָלק"

יוליוס צו עטל.

13טער אַפּריל 1952.

מײַן טײַערסטע פרוי:

צי ווייסטו, ווי וווּנדערבאַר ס׳איז צו זען, אַז דו פילסט זיך גוט. כ׳האָב באַאָבאַכטעט דײַן פּנים, בעיים דו האָסט זיך צוגעהערט צו די אַלע גוטע נײַס, וואָס מאַני האָט געבראַכט. דאָס איז געווען הערלעך. איך האָב אויך אַ פּלי געטאָן צו נײַע הייכן, דערוויסנדיק זיך די גלענצנדיקע אַרבעט פון אונדזער אַדוואָקאַט און די טעטיקייט פונעם קאָמיטעט און פון אָט דער מאַסע גוטע, בראַווע לײַט, וועלכע אונטערשטיצן אונדזער קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

מוט, עטל! אויב מיר מוזן שוין לעבן אין אַט דעם קאַשמאַר, טאָ לאָמיר ווייניקסטנס אַזוי האַנדלען, אַז אונדזער פאַרהאַלטן זיך גופא זאָל ביישטראָגן צום וווּל פונעם פאָלק. מיר האָבן געגעבן דעם באַווייַז, אַז מיר האָבן ניט לייַכט מוירע. די אַרבעטער פון אונדזער לאַנד, זיי האָבן אויך ניט לייַכט מוירע, ווען זיי ווייסן וועגן וואָס עס גייט.

מיר האָבן אין די לעצטע צוויי יאָר געלאָזן הינטער אונדז אַ גרויסן אָפּשניט לייַדן און מיר דערנענטערן זיך איצט צו אונדזער רעהאַביליטאַציע. איך שיק דיר מייַן גאַנץ האַרץ.

יוליוס.

## „מעדינאַס ייִסראָעל וועט פייַערן איר פערטן געבוירן - טאָג"

עטל צו יוליוס.

6טער מיי 1952.

מייַן טייַערער יוליוס:

נעכטן האָב איך באַטראַכט די פאָטאָ פון מיכאעל מיט זייַנע צעשטורעמטע האָר און זייַן פאַררוקטן קראַוואַט און ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מייַן מוטער-האַרץ וועט פּלאַצן. כ'וואָלט געוואָלט האָבן אַן ענלעכע פאָטאָ פון ראָבי.

דעם 14טן מיי, ווען מעדינאַס ייִסראָעל וועט פייַערן איר פערטן געבוירן-טאָג, וועט אונדזער טייַערער ראָבי פייַערן זייַן פינפטן געבוירן-טאָג. זאָלן ביידע מאַצליעך זייַן!

ליבער מייַנער, כ'פאַרלאָז דיך; כ'קוש דיך ביזן מאָמענט, ווען איך וועל דיך ווידער זען הינטער מייַן שטייַג. כ'האָב דיך אַזוי ליב.

ע ט ל.

## „אונדזער ווידערשטאַנד-קויעך קומט פון אונדזער אומשולד און פון באַוווּסטזייַן"

יוליוס צו עטל.

29טער מיי 1952.

געליבטע:

די האָפענונגען פון אַלע מענטשן וועלן אין אַט דעם טאָג (דעם „מעמאָריאַל דעי") זייַן געוואָנדן אַף שאָלעם. יעדן טאָג לייען איך אויפמערק-

זאָם די צײַטונגען, קעדיי צו געפינען אַ סימען פון נאָענטן שאָלעם און כ׳בין זיכער, אַז די מייסטע מענטשן טוען דאָס זעלבע.

אונדזער ווידערשטאַנד־קויעך נעמט זיך ניט בלויז דערפון, וואָס מיר זײַנען אומשולדיק, נאָר אויך פון אונדזער באַוווּסטזײַן איבער דער גרויסער וויכטיקייט פון דעם, וואָס ווערט דאָ געשפּילט. מיר זײַנען געווען קלאָר, אויפריכטיק, גראַדליניק, פרײַ, ווײַל מיר האָבן ניט וואָס צו באַהאַלטן. ניט מיר, אונדזערע אָנקלאָגער, זיי האָבן איימאָס־מאָוועס פאַרן עמעס. ניטאָ קיין אַנדער דערקלערונג פאַר די שקאָרים און דעם שמוץ, וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן איבער אונדז, — אַן אָרגאַניזירטע קאַמפּאַניע, קעדיי אָראָפּצוּנידעריקן אונדז און ניט צו דערלאָזן די מענטשן זאָלן באַטראַכטן די פאַקטן גופע. ווײַל אונדזערע סאָנים ווייסן, אַז זיי קענען ניט ברענגען קיין שום באַווײַזן.

דערמאָן זיך, מײַן פרוי, אַז איך ליב דיך.

יוליוס.

# „מײַן האַרץ בענקט נאָך דיר..."

עטל צו יוליוס.

16טער יוני 1952.

מײַן טײַערער יוליוס:

דעם גאַנצן טאָג האָב איך אַזוי שטאַרק געוואָלט מיט דיר ריידן. באַמי זיך צו איבערצײַגן אָט דאָס נאַרישע האַרץ, אַז אונדזערע שמועסן קומען מאָר נאָר מיטוואָך. אָט דאָס נאַרישע האַרץ רעכנט זיך ביכלאַל ניט מיט מיר און זעצט פאָר צו בענקען נאָך דיר. ס׳איז מיר פולשטענדיק קלאָר, אַז דײַן האַרץ איז פונקט אַזוי פאַרטײַעט ווי מײַנס.

מײַן טײַערער, דײַן געבוירנטאָג איז אַדורך אָנעם מינדסטן קוש, ניט פון דײַן פרוי, ניט פון דײַנע קינדער. ער איז געקומען און אָוועק, ניט אונטערשיידנדיק זיך פון אַלע אַנדערע אומענדלעכע טעג, וועלכע מיר לעבן דאָ.

כ׳האָב דיך אַזוי ליב, אַזוי ליב, און דו פעלסט מיר אַלץ מער און מער. גיב מיר אַ קוש, איידער כ׳שלאָף אײַן, ווי דו פלעגסט עס טאָן אַמאָל, מײַן טײַערער מאַן. דײַן פרוי און דײַנע קינדער פאַרגעטערן זייער וווּנדערבאַרן דעדי. דײַן ליבנדיקע פרוי

ע ט ל.

## „די נײַע טיראַנען באַדראָען דאָס לעבן פונעם פאָלק"

יוליוס צו עטל, ערעוו דעם יאָנטעוו פון דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט

2טער יולי 1952.

מײַן זיס ווײַבעלע *

איבער מײַן טיש און באַדעקנדיק אַ גרויסן טייל פון וואַנט, איז אויסגעשפּרייט אַ גאַנצע זײַט פון „ניו־יאָרק טײַמס" פון 4טן יולי פון פאַרגאַנגענעם יאָר, אַף וועלכער ס'איז אָפּגעדרוקט די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" (פון די פאַראייניקטע שטאַטן — רעד.). די זײַט איז שוין געל געוואָרן און אין איין ווינקל, לעבן דער אַנדערער אונטערשריפט, געפינט זיך אויך מײַן נאָמען. אַזוי ווי מײַן לאָיאַלקייט לעגאַבע מײַן לאַנד איז ניט אַריבערגעשטיגן דורך דער לאָיאַלקייט פון קיין אַמעריקאַנער, וועל איך אַלץ לאָזן אָפּן זעלבן אָרט, ווײַל דאָס איז אַ פּאַסיקע דעקאָראַציע פאַר מײַן טפיסע־קאַמער. דורך אונדזער פאַרהאַלטן זיך אינעם דאָזיקן איניען, ווו אונדזערע לעבנס שטייען אין קאָן, אילוסטרירן מיר די גרונט־פּרינציפּן פון אונדזער דעמאָקראַטיע. מען קען נאָך אַזויפיל דעפאָרמירן די פאַקטן, אָדער פאַרדרייען בעקיוון די אַמעריקאַנער געשיכטע, גאָרניט מער וועט קענען פאַרשלייערן דעם פּראָגרעסיוון סטימול פון איר אַנטשטיין. איך גרייט זיך צום פערטן יולי דורך לייענען די „געשיכטע פון אַמעריקע" פון בירד און דורך שטודירן די באַדײַטונג פון די געשעענישן, וועלכע קומען פאַר הײַנט. די נײַע טיראַנען אַנטקרעפטיקן אונדזערע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס און באַדראָען די פרײַהייט און דאָס לעבן פונעם פאָלק. דער עמעס איז אַף אונדזער זײַט און מיר מוזן זיגן. דײַן ליבנדיקער מאַן

יוליוס.

## „...ווייניקסטנס וועלן אַנדערע אומשולדיקע ניט אַזוי לײַכט געפּײַניקט ווערן"

יוליוס צו עטל.

3טער אויגוסט 1952.

געליבטע:

נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך, נאָך אַ כוידעש. די צײַט פליט — אָן אונדז — און אונדז לאָזט מען זיך מוטשען אין מאָנאָטאָנער איינזאַמקייט, אָן

---

* די ווענדונג „ווײַבעלע" אין יידיש אינעם טעקסט קומט אָפט פאָר אין די בריוו פון יוליוסן צו עטל.

אומענדלעכער און אַן אויסגעריבטער פון אַלץ, וואָס איז אונדז טײַער, — אַכוץ אונדזער שטאָלץ. ווי אַזוי זאָל אַ לעבעדיקער מענטש אויפהאַלטן זײַן קויעד? בלויז דורך דער קעסיידערדיקער באַהויפּטונג פון די יעסוידעסדיקע פּרינציפּן פון זײַן לעבן און פאַררופנדיק זיך אַף זײַן דורכגעמאַכטער דערפאַרונג, אין וועלכער ער שעפּט די דערמוטיקונגען, וואָס דערלויבן אים דורכצוהאַלטן.

...קעסיידער זיך באַמיִענדיק צו לאָזן דורכגיין די צײַט דורך לייענען, שרײַבן, דורך פאַריאָגן פון זיך די ווייטיקפולע מאַכשאָוועס. אָבער האָבנדיק קעסיידער דעם פולן באַוווּסטזײַן פון די רעאַליטעטן פון דער לאַגע.

דאָס איז אונדזער פּאָרטרעט, מײַן טײַערע. עפּשער איז עס צוליב דעם, וואָס מיר האָבן נאָך אַזויפיל צו טאָן אין לעבן, וואָס מיר ליבן אַזוי דאָס לעבן, אַז אונדזער צעשיידונג איז אַזוי פּײַנלעך. און דערבײַ — דאָס קען זיך דוכטן ווי אַ סטירע — אויב מיר זײַנען פעיִק אויפצוהיטן אונדזער לעבנס־קויעד, איז עס טאַקע צוליב דעם, וואָס מיר ווייסן דאָס אַלץ.

דערמאָנסט זיך אונדזערע זומער־וואַקאַציעס מיט די יִינגלעך? קענסטו אונדז נאָך זען אַלע צוזאַמען אַף דאַטשע באַם יאַם? דער פאַקט וואָס די מענטשן ווײַזן אונדז אַרויס זייער סימפּאַטיע און קומען צוהילף אונדזערע קינדער, דערלײַכטערט אונדזער לײַד און אונדזער שרעקלעכע אַנגסט. אָבער כ׳קום מיר פאָר, ווי מען וואָלט מיך באַגאַנוועט. צוויי יאָר, צוויי יאָר, באַזונדערס וויכטיקע פאַר אונדזערע קינדער, זײַנען אונדז צוגערויבט געוואָרן. מײַן איינציקע האָפענונג איז, אַז מיר וועלן מער ניט דאַרפן לאַנג וואַרטן, קעדיי צו זײַן ווידער צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער. שוין גענוג. אָ, טיראַנען, באַ די צוויי אומשולדיקע מענטשן, באַ זייער אומשולדיקער מישפּאָכע האָט איר אַרויסגעריסן מער ווי אײַער פונט פלייש און בלוט!

מיר האָפן אָבער, דערקלערנדיק אין פולער עפנטלעכקייט דעם בילבל, צו ווערן קאָמפּענסירט פאַר אונדזער מאַרטירערטום. ווייניקסטנס וועלן אַנדערע אומשולדיקע ניט ווערן אַזוי לײַכט געפּײַניקט, ווי מען האָט אונדז געפּײַניקט. מײַן גאַנצע ליבע צו דיר.

יוליוס.

## „מיר זײַנען ניט אַליין"

יוליוס צו עטל.

14טער אויגוסט 1952.

טײַערסטע:

כ׳קען לייענען און איבערלייענען דײַנע בריוו הונדערט מאָל. יעדער

מאל שטייגט פון זיי אויף א נייע פרישקייט. די נאטור גופא פון אונדזער איניען און דער אויפן פון אונדזער ארעסטירט זיין מיט דער קעסיידערדיקער דראונג פון טויט איבער אונדזערע קעפ רופט ארויס בא אונדז געוואלטזאמע און שטארקע עמאציעס, צווינגט אונדז אף אנצאליקע באדרענגענישן, אבער — ווי מיר ווייסן פון דערפארונג — שטויסט אונדז קעסיידער ווייטער צו קעמפן, קעדיי צו דערגרייכן צוריק אונדזער סטאביליטעט.

מיר קענען דאנקען גאט, וואס מיר האבן דערגרייכט אט די מאדריגע פון פארשטענדעניש, וועלכע דערלויבט אונדז זיך אפצוגעבן א קלארן, אפענעם דין־וועכעשבן איבער אונדזער לאגע, ניט אפגייענדיק קיין איין מאל פון אונדזער וועג — אונדזער קאמפאניע פאר דער אנערקענונג פון אונדזער אומשולד.

יא, מיין פרוי, אונדזער לעבן און אונדזער פרייהייט זיינען פאר אונדז אויסערגעוויינלעך וויכטיק. אבער פאר דער פאליטישער אנטוויקלונג פון אונדזער לאנד האט אונדזער איניען א נאך וויכטיקערע באדייטונג. מוט, געליבטע מיינע, מיר זיינען ניט אליין. מיר זיינען סאלדאטן פון אן ארמיי, וועלכע וואקסט מיט יעדן טאג און וועלכע שלאגט זיך פאר דער גערעכטיקייט און פארן שאלעם. דיין פריינט,

יוליוס.

## „...אף אן אקעאן פון גערעכטן צארן"

עטל צו יוליוס.

19טער אויגוסט 1952.

יוליוס, געליבטער:

טרערן פון אנגסט האבן זיך א גאס געטאן פון מיינע אויגן, ווי נאר כ'האב געלייענט דיין בריוו. כ'קען דיין פיין, ווייל זי איז אויך מיינע. כ'ווער קעסיידער ארומגעשלײַדערט אף אן אקעאן פון גערעכטן צארן, געוואנדן קעגן דער קליינלעכקייט און די אומווירדיקייטן, וועלכע פענטען אונדז. טייערער, איך דריק דיך צו זיך, אין מיינע ליבנדיקע ארעמס, איך דערוואַרעם דיך מיט מיין וואַרעמקייט. כ'פיל זיך אזוי קליין, אזוי ניט־גענוגנדיק דיר צו העלפן, ווי כ'וואלט געוואלט אין אט די ביטערע שאען. און פונדעסטוועגן וויל איך אזוי שטארק גלייבן, אז דו האסט מיר צו פארדאנקען א ביסל, נאר א קליין ביסל, יענע אויסערגעוויינלעכע אנטשלאסנקייט, וועלכע דו ווייזט ארויס. דיין פרוי אף טאמיד.

ע ט ל.

# „מיר דאַרפן טרייסטן אונדזער פאַמיליע און אונדזערע פרײַנט"

יוליוס צו עטל.

24טער אויגוסט 1952.

האַלאָ, טײַערע :

דו פעלכט מיר שרעקלעך און כ'פיל זיך איינזאַם. אונדזער גורל איז שוין טרויעריק גענוג און ווען ס'קומען די אומנייטיקע שוועריקייטן מאַכט עס בעצמעם קראַנק. מיר מוזן אָבער אַנאַליזירן יעדן אינצידענט אין זײַן פאַרהעלטעניש צו אונדזער אַלגעמיינער לאַגע.

פאַרשטייִ, אַז דאָס, וואָס איך שרײַב דאָ, איז ווי כ'וואָלט געשריבן פאַר זיך אַליין. ווי כ'וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. ווען כ'וועל דיך זען, וועל איך דיר דערציילן וועגן אַן אומאַנגענעמער דערפאַרונג.

אַף די לעצטע פאַטאַס פון מיכאַעל שיקלט ער גאָר שטאַרק. אַזוי ווי דו האָסט שוין פאַרנאָטירט צו לאָזן עקזאַמענירן ראַבים געהער, פאַרשרײַב איך צו לאָזן עקזאַמענירן מיכאַעלס אויגן.

כ'האָב דערקלערט בעאַריכעס אונדזערע פלענער בענוגייע די קינדער פאַר מײַן שוועסטער. מיר האָבן געהאַט אַ גוטן שמועס און כ'האָב זיך באַמיט זי צו מאַכן פריילעך. יאָ, מײַן פרוי, מיר זײַנען, אַ דאַנק אונדזער פאַרשטענדעניש, באַרופן צו שפּילן די ראָל פון טרייסטער פאַר אונדזער געליבטער פאַמיליע און פאַר אונדזערע פרײַנט. און פון דער דאָזיקער ראָל שעפּן מיר אַ באַרעכטיקטע סאַטיספאַקציע. מײַן גאַנץ האַרץ געהערט צו דיר, מײַן ליבע.

יוליוס.

# „עס הייבט זיך אָן דער אַנטשיידנדיקער מאָמענט"

יוליוס צו עטל.

1טער סעפּטעמבער 1952.

מײַן וווּנדערלעכע פרוי :

די ערשטע ווערטער פון מײַן מוטערס מויל זײַנען געווען : „דײַן עטל קוקט אויס אַזוי שיין, און זי שיקט דיר איר ליבע". מיר האָבן געהאַט אַן אויסגעצייכנטן שמועס. זי פילט זיך איצט דערמוטיקט דערפון, וואָס זי האָט געזען אונדזערע קינדער און ווייס, אַז זיי זײַנען אין גוטע הענט. די קומענדיקע פאַרזענלעכע דײַגע איז, וויאַזוי די ייִנגלעך אונדזערע וועלן זיך באַציִען צו דער שול. וועגן דעם וועלן מיר זיך דערוויסן בעיִס זייער קומענדיקן באַזוך.

נו, מײַן ליבע, דער זומער איז שוין פֿאַריבער. עס איז געווען אַ גוטער זומער. איצט רוקט זיך אָן אונדז די צײַט פֿון אַנטשיידונג. פֿון איצט אָן הייבט זיך אָן דער שווערער, אַנטשיידנדיקער פּעריאָד אין אונדזער איניען.

אַ, גליקלעכער טאָג, דער טאָג פֿון מיטוואָך איז שוין נאָענט. מיט מײַן גאַנצער ליבע צו דיר,

יוליוס.

## „אַלץ מער מענטשן פֿאַרשטייען דעם טיפֿערן זין פֿון אונדזער איניען" —

יוליוס צו עטל

7טער סעפּטעמבער 1952.

עטל, מײַן זונשײַן:

איצט, אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן שרײַבן דיר אָט דעם בריוו, פֿיל איך זיך אַ סך בעסער, אָבער איך מוז זאָגן, אַז דאָס איז בײַ מיר איינער פֿון יענע אומעטיקע טעג — טעג פֿון זאָרג וועגן די קינדער, בענקשאַפֿט נאָך דיר, און דערצו נאָך קומט אָט דער העי־פֿיבער און דערגייט מיר די יאָרן. נו, גענוג שוין וועגן דײַגעס — דער מיטוואָך קומט שוין אָט־אָט.

עס קוקט אויס, אַז אַ סך מענטשן זעען אײַן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פֿון אונדזער איניען, פֿאַרשטייען זײַן טיפֿערע באַדײַטונג און אַרבעטן אָן צו קריגן גערעכטיקייט פֿאַר אונדז, זעענדיק אין דעם אַ וויכטיקן שריט אין פֿאַרטיידיקן בירגערלעכע פֿרײַהייט און אין קעמפֿן פֿאַר שאָלעם.

עס איז אַ שווערער קאַמף, אָבער מיר זײַנען פֿאַר אים גרייט, און די נױיט פֿון דער שעה און די גערעכטיקייט פֿון אונדזער זאַך רופֿן אונדז צו קעמפֿן פֿאַר אַ פֿולשטענדיקן זיג.

לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען... לאַנגזאַם נאָר זיכער דערנענטערן מיר זיך צום טאָג פֿון אונדזער ווײַטערדיקער הויפּט־פּראָגראַם. דער „ריט אָוו סערטיאָראַרי" (ווענדונג פֿון העכערן געריכט צום נידעריקערן געריכט צוצושטעלן אַלע דאָקומענטן פֿון דעם איניען פֿאַר באַטראַכטונג — רעד.). איך בין אָפּטימיסטיש, נאָר קיינער קען ניט פֿאָרויסזען די מאָדנע איינגנטימלעכקייטן פֿון די געריכטן.

איך נייטיק זיך אַזוי שטאַרק אין דיר. דײַן איבערגעגעבענער מאַן,

יוליוס.

## „יעדער מאָל, ווען עס קומט אַ ייִדישער יאַנטעוו..."

יוליוס צו עטל.

11טער סעפּטעמבער 1952.

מייַן זיסע עטל:

גראָד ווען מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר האָבן ניט באַקומען קיין די־רעקטע נייַעס פון אונדזערע קליינע יינגלעך, האָט מען געבראַכט אַ פּרעכ־טיקן בריוו, פול נייַעס. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז איך באַלעקעך וואָס גיכער צו זען די פּאָטאָס. כ'האָב זיי טייקעף געפּאָדערט און כ'שלאָג דיר פאָר, דו זאָלסט עס אויך טאָן. עפּשער קענען מיר זיי פרעגן, צי ס'איז פאַראַן אַ וואַקאַציע־לאַגער? פאַר ראָבי וועט עס באַשטימט זייַן בעסער. דער טאָן פון זייער בריוו ווייַזט, אַז זיי פילן זיך זיכערער, אַז זיי געניסן פון פלעגע און אויפמערקזאַמקייט, וואָס העלפן זיי איבערצוטראָגן דעם ווייטיק, וועלכן עס רופט אַרויס אונדזער פּראָצעס.

כ'וועל פונאַנדערשיקן די לעשאָנע־טויווע־קאַרטלעך סאָף וואָך. יעדער מאָל ווען עס קומט אַ ייִדישער יאַנטעוו איז מייַן גייַסט געוואָנדן צו מייַן פאַמיליע און צו אַלע, וואָס אָט דער יאָנטעוו באַדייַט פאַר זיי. זיי לייַדן נאָך מער איין אָט די טעג. קוידעמקאָל מייַן מוטער. באַלד וועלן מיר אַלע דערוואַרטן מיט געשפּאַנטע נערוון די אַנטשיידונג פון העכסטן געריכט. מייַן גאַנצע ליבע פאַר דיר,

יוליוס.

## „פון טאָג צו טאָג ווערט די צעשיידונג אומדער־טרעגלעכער"

עטל צו יוליוס.

15טער סעפּטעמבער 1952.

מייַן טייַערער יוליוס:

אַלץ מער און מער פאַרשלים איך זיך אין מיר. נאָר ווען דו ביסט מיט מיר, איז עס אַנדערש. פון טאָג צו טאָג ווערט אונדזער צעשיידונג אַלץ אומדערטרעגלעכער. פון טאָג צו טאָג מוזן מייַן גייַסט און מייַן האַרץ אויסשטיין אַלץ שרעקלעכערע שטויסן.

כ'ווייס, אַז קיין שום דרוק, ווי שטאַרק ער זאָל ניט זייַן, וועט אונדז קיינמאָל ניט צווינגען צו פאַרלייקענען קיין שום פּרינציפּ. אָבער דאָס דאָ־

זיקע ווײסן פֿאַרמינערט ניט אָט די האַרץ־רײַסעניש, וואָס מאַכט אונדז קראַנק.

געליבטער, כ׳ליב דיך מיט אַ ברען, וואָס איז שטאַרקער ווי דער ווייטיק. האַלט מיך אין דײַנע אָרעמס, מײַן האַרץ איז אַזוי שווער פֿון באַגער צו דיר. שטענדיק דײַן פֿרוי

ע ט ל.

## „לעשאַנע־טוויוע״־קאַרטלעך פֿון אומבאַקאַנטע פֿרײַנט

יוליוס צו עטל.

23טער סעפּטעמבער 1952.

האַלאָ, ליבסטע מײַנע:

עס איז בעעמעס אַ לאַנגווײַליקע אַרבעט צו גריבלען זיך אין די דריבנע אויסיעכלעך פֿונעם באַריכט (פֿון דעם איניען). מײַן אייצע איז, אַז זאָלסט זיך קאָנצענטרירן אויף אײדעס־זאָגן פֿון דייוון און רוטן. דאָס איז דער וויכטיקער טייל.

איך האָב געקראָגן „לעשאַנע־טוויוע״־קאַרטלעך פֿון אַ צאָל אומבאַקאַנטע פֿרײַנט. עס איז ווירקלעך גוט צו פֿילן, אַז אָט די אומבאַקאַנטע מענטשן געדענקען אונדז, בעיס מיר זײַנען פֿאַרשפּאַרט אין טפֿיסע.

ווי שמוציק און עקלהאַפֿט עס זײַנען ניט די מײַסים פֿון די, וואָס זוכן צו דערמאָרדן אונדז אויף אַ לעגאַלן אויפֿן, ווייס איך, אַז דו וועסט שטיין אויף דער געהעריקער הייך, העכער פֿון אָט דעם גאַנצן אומגליק, ווײַל דו ביסט געשאַפֿן פֿון הויכער גוטסקייט. איך ווינטש, אַז אָט דאָס נײַע יאָר זאָל אונדז צוריקברענגען צו אונדזער היים, צו אונדזערע קינדערלעך.

דײַן אייביקער פֿרײַנט,

יוליוס.

## צו עטלס דריטן געבורטסטאָג אין טפֿיסע

יוליוס צו עטל.

25טער סעפּטעמבער 1952.

עטל, מײַן טײַערסטע:

איך ווייס בעעמעס ניט, וויפֿל פֿרייד דו קענסט האָבן, פֿאַרברענגענדיק היינט דײַן דריטן געבורטסטאָג אין טפֿיסע — לעהייפּעך צו אַלצדינג וואָס איז יויש
ערדיק און ערלעך.

פונדעסטוועגן וועלן מיר אָפּגעבן קאָוועד אָט דעם ספּעציעלן טאָג דײַנעם דורך דעם, וואָס מיר וועלן זיך איבעראַנייס ווידמענען מיט אַלע אונדזערע קויכעס דעם קאַמף פאַר די בעסטע אינטערעסן פון אונדזערע קינדער און פאַמיליע — און פון אַלע פאַמיליעס.

איך ווינטש דיר אַ גליקלעכן געבוירנטאָג, מײַן האַרציקע פרוי, און איך לעב מיט גרויס האָפענונג, אַז דײַן קומענדיקן געבוירנטאָג וועלן מיר ביידע פאַרברענגען צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער אין אונדזער היים. זײַ מוטיק, מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג.

איך האָב שוין ענדלעך פאַרענדיקט לייענען דעם גאַנצן באַריכט פון נעם מישפּעט. מײַן אָפנהאַרציקע מיינונג איז, אַז אונדזערע רעכט זײַנען גוט באַשיצט געוואָרן דורך אונדזער פאַרטיידיקונג, און אַז מיר האָבן ניט געקראָגן קיין יושרדיקן און אומפּאַרטייאישן מישפּעט, מאַכמעס דער אויפפירונג פונעם ריכטער און פונעם פּראָקוראָר. באַזונדערס בייזוויליק איז די אַנטשיידונג פונעם אַפּעלאַציע קרײַז־געריכט, וועלכער גייט קעגן די געזעצלעכע פּרעצעדענטן און קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פון בירגערלעכע רעכט, און וואָס ענטפערט פּאַשעט ניט אויף די פראַגן, וואָס מיר האָבן אויפגעהויבן.

איך ווינטש דיר נאָך פיל־פיל יאָרן אין אַ גליקלעכער סוויווע. מיט מײַן גאַנצן האַרצן געווענדט צו דיר,

יוליוס.

## „איך וויל דיר זײַן ווירדיק"

עטל צו יוליוס.

29טער סעפּטעמבער 1952.

געליבטער:

נאָך דײַן אוועקגיין מיטוואָך איז דאָס אַראָפּגיין ווידער אויף דר'ערד געווען אַ ברוטאַלער קלאַפּ. דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט וועגן דײַנע פּראָבלעמען, האָט מיך, נאַטירלעך, דעפּרימירט. די אוממענטשלעכקייט פון מענטש לעגאַבע מענטש האָט מיר טאָמיד געמאַכט אַזאַ גרויסע פּײַן. צום גליק איז די וווּנד דאָס מאָל נאָר אַ צײַטווײַליקע. און כ'בין ווידער געקומען צו זיך מיט ענערגיע און נײַע קויכעס. ביפּראַט נאָך אַז כ'האָב אַזאַ טײַערן מאַן, וועלכער האָט מיר אַזוי צערטלעך גראַטולירט צו מײַן געבוירנטאָג.

טײַערער מײַנער, ליבער, ווי איך דיך ליב! און ווי וואָלט איך גע־וואָלט באַזיצן אַט די שײנע מידעס, וועלכע דו מײנסט, אַז כ'האָב זײ. ווי וואָלט איך געוואָלט זײַן ווירדיק דעם, וואָס דו גופא ביסט.

נאָך אַמאָל, מײַן טײַערער, מײַן גאַנצן דאַנק פאַר דײַן שײנער קאַרטל. מײַן גאַנץ האַרץ געהערט צו דיר. דײַן ליבנדיקע פרוי

ע ט ל.

## „כ'בין אָפּטימיסטיש, אָבער גרייט צו אַלץ"

יוליוס צו עטל.

2טער אָקטאָבער 1952.

אַ גוט־מאָרגן דיר, מײַן טײַערסטע:

ס'האָט מיך זייער דערמוטיקט, ווען כ'האָב דיך געזען אַזוי מונטער און אַזוי ליב. כ'בין פולשטענדיק אויפריכטיק, ווען כ'זאָג, אַז ווי נאָר כ'זע דיך, פיל איך זיך טייקעף געשטאַרקט און זיכער אין אונדזער זיג.

לאָמיר זיך ניט שרעקן פאַר דער דערנענטערונג פון דער אַנטשיידונג פון העכסטן געריכט. לאָמיר ליבער ווײַטער אַלץ טאָן, קעדיי אַרויסצוקו־מען פון אַט דער לאַגע. מיר טאָרן ניט זיך לאָזן דערדריקן דורכן יִיעש. מיר האָבן זיך ביז איצט גוט פאַרטיידיקט און מיר וועלן ניט נאָכלאָזן.

כ'בין איצט אײַנגעשפּאַנט אין לייענען די סטענאָגראַמע פון פּראָ־צעס. כ'מאַך אַ סאַך נאָטיצן איבער די פראַגן, וועלכע מיר דאַרפן דיס־קוטירן מיט אונדזער אַדוואָקאַט. יעדן טאָג אַרבעט איך דורך אַ העפט. כ'האָב געהאַט אָנגעהויבן דעם 6טן העפט, ווען ס'האָט מיר געשטערט בײַ דער אַרבעט דער וועלט־טשעמפּיאָנאַט, וואָס זאָגט צו אונדז אינטע־רעסאַנטע פאַרמעסטן. כ'בין זיכער, אַז מיר ביידע שטעלן אויף „דאָדזשערס".

נאַטירלעך האָב איך געמיינט, אַז כ'וועל געפינען עטלעכע גינסטיקע קאָמענטאַרן לעטוויועס אונדז, וויניקסטנס אין דער ליבעראַלער פּרעסע. אָבער מיר מוזן זען די זאַכן רעאַל. דער פּאָליטישער האָריזאָנט איז נאָך אַלץ פאַרכמאַרעט און די מוירע פּאַראַליזירט אַ סאַך אַמאָליקע ליבעראַלן און פּראָגרעסיסטן און צווינגט זיי צו שווײַגן. כ'בין נאָך אַ אָפּטימיסט, אָבער גרייט צו יעדער עווענטואַליטעט.

כ'פיל זיך אין מאָמענט זייער איינזאַם און דו פעלסט מיר געוואַל־טיק. אַ, וואָלט איך נאָר געקענט דיך נעמען אין די אָרעמס. גאַנץ דײַנער.

יוליוס.

## „דו האָסט מיר צוריקגעגעבן מוט"

עטל צו יוליוס.

3טער אָקטאָבער 1952.

מײַן טײַערער מאַן:

ס'האָט מיר געמאַכט אַ גרויסן פאַרגעניגן צו שרײַבן צו די קינדער לעקאָוועד מײַן אייגענעם געבוירנטאָג. נאָך מער: כ'האָב אַן אינטערע־סאַנטן סורפּריז פאַר דיר — אַ נײַ קלייד, וואָס האָט אַף אַן אומדערוואַרטן אויפן געשטאַרקט מײַן מאָראַל. כ'וועל מער ניט האָבן קיין רו, ביז דו וועסט עס האָבן געזען. קענסט זײַן זיכער, עס קליידט מיר זייער גוט. בעעמעס.

און צום סאָף — דאָס וויכטיקסטע. דײַן באַזוך, האָגאָס ווי טאָמיד ניט קיין פולשטענדיקער, האָט מיר צוריקגעגעבן מוט אַף גאָר אַן אויסער־געוויינלעכן אויפן. מײַן טײַערער, וואָס איז אַזוי אינטעליגענט, און אַזוי פּלײַסיק, און אַזוי פול כיין, גאָר פּאַשעט — איך פאַרגעטער דיך. נאָך אַמאָל, מײַן טיפע ליבע און מײַן גאַנצער דאַנק פאַר דיר. דײַנע אַף טאָמיד.

ע ט ל.

## „איך נייטיק זיך אין דײַנע דערמוטיקנדיקע רייד"

יוליוס צו עטל.

5טן אָקטאָבער 1952.

האַלאָ, מײַן טײַערע:

אַ דאַנק דיר פאַר דײַן שיינעם בריוו. געוויס, וועל איך וואַרטן מיט אומגעדולד אַף אונדזער באַגעגעניש.

איך פאַרשטיי פון די צײַטונגען, אַז מען קען דערוואַרטן אַז דעם 13טן אָקטאָבער זאָל דער העכסטער געריכט אַרויסגעבן אַן אָנטשיידונג וועגן אונדזער פּעטיציע. איך האָב בעדייע צו קאָנדענסירן די העכער זעקס און צוואַנציק זײַטן מיט נאָטיצן, וואָס איך האָב פאַרצייכנט, וועגן דעם באַריכט, קעדיי אָנצומערקן געוויסע פּונקטן צום דיסקוטירן מיט דיר מיט־וואָך. די אַרבעט פון שטודירן פאַרזיכטיק דעם באַריכט פונעם מישפּעט איז פאַרענדיקט, און איך נייטיק זיך ווייניקסטנס אין אַ באַראַטונג פון זעקס שאָ מיט דיר און מיט מעניין, קעדיי צו באַהאַנדלען די אַלע פּונקטן.

זינט איך האָב דיך געזען, בענק איך נאָך דיר שרעקלעך און איך נייטיק זיך אין דײַנע דערמוטיקנדיקע רייד, אין דער טיפקייט פון דײַן

קלוגשאַפט און אין דער וואָרעמקייט פון דײַן ליבע. די בענקשאַפט איז גאָר שאַרפע — אָבער אין מײַן האַרצן און מיט מײַן מויעד ווייס איך, אַז מיר וועלן ווידער זײַן ביידע צוזאַמען. מיט פולער געטרײַשאַפט,

יוליוס.

## „מיר האָבן אַ רעכט צו זײַן שטאָלץ מיט זיך אַליין"

יוליוס צו עטל.

9טער אָקטאָבער 1952.

מײַן ליבע עטל:

איך בין זיכער, אַז דער נײַסטער בריוו פון אונדזערע זין האָט דיר דערוואַרעמט דאָס האַרץ. מען קען זען, אַז זיי וואַקסן און אַנטוויקלען זיך, אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און זאָרגפעליקייט פון פּרעכטיקע מענטשן. דער פאַקט, וואָס זיי איז געלונגען אַרײַנצוגעבן ראָבין אין קינ־דער־גאָרטן, ווײַזט, ווי גיך זיי פירן דורך אונדזערע פאַרשלאָגן. עפּשער וואָלט געווען קעדײַ, אַז דו זאָלסט שרײַבן וועגן פּיאַנאָ־לעקציעס פאַר מײַקלען.

איך וועל צוװאַרטן מיט מײַן ענטפער אויף זייער בריוו ביז נאָך דער אַנטשיידונג פונעם געריכט וועגן דעם „ריט אָוו סערטיאָראַרי". די אַנט־שיידונג וועט מיסטאָמע אַרויסגעגעבן ווערן קומענדיקן מאָנטיק. אויב דו האָלטסט, אַז דו וואָלסט זיי געקענט שרײַבן, וואָלט זיכער געווען קעדײַ, אַז דו זאָלסט דאָס טאָן.

עפּשער וועל איך דיך נאָך זען פאַר מאָנטיק. אויב ניט, וועט אָט דער בריוו מײַנער מוזן זײַן גענוגנדיק.

די ראַדיאָ־סטאַנציע דאַבליו־עף־עי־עס, מאָנטיק, 12.45 באַטאָג, וועט ברענגען די נײַס, וואָס וועט וואָרשײַנלעך איבערגעבן די אַנטשיידונג פו־נעם העכסטן געריכט.

געדענק, מײַן ליבע, וואָס די אַנטשיידונג זאָל ניט זײַן, ענדערט זי ניט אונדזער אומשולדיקייט, אָדער אונדזער אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן מיט אונדזער פולער קראַפט און אָפּן זעלבן פּרינציפּיעלן אויפן פאַר פעסט־שטעלן אונדזער אומשולדיקייט.

איין זאַך איז זיכער: דער פּאָליטישער קלימאַט אין אונדזער לאַנד איז אַ קלימאַט פון שרעק. עס שטײַגט די היסטעריע קעגן די אַלע, וואָס ווילן זיך ניט בייגן. די וואַקסנדיקע טעטיקייט פון דעם קאָמיטעט (צו

קריגן גערעכטיקייט פאַר די ראָזענבערגס) שאַפט אַ קעגנגעוויכט. צוליב דעם אויפן, אַף וועלכן מיר האָבן זיך אויפגעפירט, איז אונדזער געוויסן ריין און אונדזער זעלבסט־רעספּעקט איז גאַנץ. ליבסטע מײַנע, מיר מעגן מיט רעכט זײַן שטאָלץ מיט זיך.

איך בין זיכער, אַז די צוקונפט וועט באַרעכטיקן אונדזער גלויבן אין די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פון אונדזער לאַנד און אין זײַן וווּנדער־לעכן אַרנטלעכן פאָלק. איך וואָלט וועלן זײַן אימשטאַנד אַרומצורינגלען דיך מיט מײַן ליבע אין דעם איצטיקן פּעריאָד, אָבער זײַ וויסן, אַז דו פאַרנעמסט דעם אויבן־אָן אין מײַן האַרצן און אין מײַן גײַסט. מיט מײַן פולסטער איבערגעגעבנקייט,

יוליוס.

## „אַ נײַע שטופּע אין אונדזער קאַמף"

יוליוס צו עטל.

(דאַטע ווערט ניט אָנגעגעבן).

מײַן ליב ווײַבעלע:

בעיס אונדזער באַראַטונג ביסטו געווען די שיינהייט אַליין, און עס איז געווען אַ גוטער סימען צו זען דיך אין אַ נײַעם קלייד. יאָ, דאָס קלייד פּאַסט דיר אַזוי שיין. דיין געמיט־צושטאַנד האָט אויסגעקוקט צו זײַן אין האַרמאָניע מיט דײַן אויסזען, און איך בין באַגײַסטערט פון אונדזער אויסגעצייכנטן שמועס, און כ'בין זייער צופרידן מיט די דערגרייכונגען פון דעם קאָמיטעט ביז איצט.

אַזוי ווי מיר וויסן גענוי אַלע מעגלעכע לעגאַלע שריט, וואָס זײַנען פאַר אונדז אָפן, קענען מיר אויסאַרבעטן אַן אַנטשפּרעכנדיקן פּלאַן: אונ־דזער באַטייליקונג אין דער באַראַטונג (פון די פּאַרטיידיקער — רעד.) איז געווען זייער אַ פּרוכטבאַרע. וואָס איז שײַעך דיר, באַוווּנדער איך דיך און האָב דיך ליב מיט מײַן גאַנצן וועזן. צוליב דיר און צוליב דער באַגע־געניש מיט דיר, פיל איך זיך אין בעסטן געמיט, און איך וואָרט מיט באַנײַטן צוטרוי אַף דער אַנטשיידונג פונעם העכסטן געריכט.

נעכטן האָב איך פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פונעם טאָג אַף צו־גרייטן אַ סומירונג פון מײַנע נאָטיצן וועגן דעם באַריכט פונעם מישפּעט. ליבסטע מײַנע, איך דענק, אַז מיר טרעטן אַרײַן אין אַ נײַער שטופּע פון אונדזער קאַמף. וואָס די שוועריקייטן זאָלן ניט זײַן — מיר דערנענטערן זיך צו אונדזער ענדגילטיקן זיג. מיט מײַן גאַנצער ליבע צו דיר,

יוליוס.

# „דאָס פאָלק האָט נאָך ניט געזאָגט זײַן וואָרט"

### יוליוס צו עטל, נאָכן אָפּוואַרפֿן די אַפּעלאַציע דורכן העכסטן געריכט

13טער אָקטאָבער 1952.

גוט־מאָרגן, טײַערע מײַנע:

נאָר אַ וואָרט פֿון דערמוטיקונג פֿאַר אונדזער זעונג. פֿאַר מיר האָט זיך גאָרניט געענדערט. מײַן מוט, מײַן האַלטונג, מײַן פּאָזיציע בלײַבן די זעלבע. ס׳דוכט זיך מיר, אַז דער העכסטער טריבונאַל האָט אַרויסגעוויזן אין אונדזער פֿאַל אַ גראָבע פֿאַראַכטונג צו דער יוסטיץ.

האַגאַם כ׳האָב שוין געוווּסט וועגן דעם דורך די ראַדיאָ־אינפֿאָרמאַציעס פֿון דרײַ פֿערטל איינס, האָב איך גאָרניט געזאָגט מײַן מאַמען. איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל זײַן אין דער היים, צווישן דער פֿאַמיליע, ווען זי וועט זיך דערוויסן די שלעכטע בסורע. מיר דאַרפֿן איר פֿאַרשפּאָרן, אַז וויפֿל עס איז מעגלעך, יעדע פּײַן, ווײַל זי איז זייער עמפּפֿינדלעך און פּולשטענדיק געבראָכן. כ׳האָב זיך באַמיט צו שטילן איר אומרו, אָבער דאָס איז אַ צו שווערע אויפֿגאַבע בײַ די באַזוכן, וועלכע מיר האָבן.

דער באַשלוס פֿון געריכט איבער אונדזער פֿאַל באַווײַזט דעם עמעסן כאַראַקטער פֿון אונדזער רעגירונג. אַ סך בוילעטער נאָך ווי די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס קומט פֿון וואַשינגטאָן. זיי אײַלן זיך אונדז צו שיקן צום טויט איידער דער טריבונאַל פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג וועט געבן זײַן ענטפֿער דורך אַ פּראָטעסט קעגן אָט דער פּאָליטישער מאַכינאַציע. כ׳גלייב, אַז אָט די לעצטע האַנדלונג פֿון העכסטן געריכט אין אונדזער לאַנד וועט דערמוטיקן אַ סך מענטשן אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין אונדזער פֿאַרטיידיקונג. דער קאַמף איז ניט פֿאַרענדיקט, ווײַל דאָס פֿאָלק האָט נאָך צו זאָגן זײַן וואָרט.

געוויס פֿאַרשטײַ איך, אַז אונדזער וועג ווערט וואָס אַמאָל שווערער, יעדער מאָל ווען אַ נײַער וועג פֿון אַ געזעצלעכער אַקציע ווערט פֿאַר אונדז פֿאַרשפּאַרט. מיר זײַנען אָבער רעאַליסטן און מיר ווייסן, אַז אַנדערע פֿאַקטאָרן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין אַזאַ פֿאַל ווי אונדזערער.

איך זע, אַז כ׳וואָלט געדאַרפֿט שרײַבן צו אונדזערע קינדער, אָבער כ׳ווייס ניט פֿאַרוואָס, נאָר כ׳קען זיך איצט ניט נעמען צו אָט דער אַרבעט, וועלכע איז געוויינלעך אַזוי אָנגענעם פֿאַר מיר. עפּשער נאָך דעם ווי כ׳וועל רײדן מיט דיר, וועל איך זײַן פֿעיִק זיי צו שרײַבן.

מײַן ליבסטע, מיר מוזן באַהאַנדלען אַ מאַסע פֿראַגן אין די קומענדיקע וויזיטן פֿון איצט אָן, ווײַל די געשעענישן וועלן איצט פֿאָלגן גאָר

גיך איינע נאָך דער אַנדערער. ס׳וואָלט געווען גוט דורכצוקוקן נאָכאַמאָל אונדזערע פּלענער בעיס אונדזער קומענדיקן באַזוך בײַ אונדזערע אויס־געוויילטע קראַטעס.

כ׳מוז דיר נאָכאַמאָל איבערכאַזערן, מײַן זיס, וווּנדערבאַר, ליב ווײַ־בעלע, אַז כ׳קוק אין דער צוקונפט מיט מוט און צוטרוי, צוליב דעם, וואָס דו און די קינדער שטעלן פֿאַר פֿאַר מיר.

אונדזער גלויבן אין די פּרינציפּן פֿון דער דעמאָקראַטיע און אין דער ווירדע פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט איבערצײַגן מיך, אַז מיר וועלן סאָפּקאָלסאָף זיגן. אינגאַנצן דײַנער.

יוליוס.

# „דער העכסטער טריבונאַל האָט אויסגעשטראָכן דאָס וואָרט „גערעכטיקייט" פֿון זײַנע סטאַטוטן"

עטל צום פֿאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך.

18טער אָקטאָבער 1952.

ליבער מאַני:

צום גליק האָט איר אונדז אַזוי גוט געהאַט צוגעגרייט בײַ אײַער לעצטן באַזוך, אַז מיר האָבן אויפגענומען דעם לעצטן קלאַפּ מיט באַוווּנ־דערנסווערטער ווירדיקייט און קאַלטבלוטיקייט. איך מיין, אַז מיר האָבן אַלע רעכט אַזוי צו אורטיילן איבער אונדזער האַלטונג. ווײַל אויב ס׳איז פּײַנלעך צו זײַן באַוווּסט איבער דער נאָענטקייט פֿון אייגענעם טויט, איז עס נאָך מעאוימעדיקער צו זען, ווי די קעסלען נעמען קאָכן און די נעצן ציִען זיך צונויף ענגער אין מיטן העלן טאָג, בעיס די לײַט לויפֿן מיטן קאָפּ פֿאָרויס צו זייער אייגענער פֿאַרניכטונג און די ליבעראַלן טאַפּטשען זיך נעבעכדיק אַרום.

מאָנטיק דעם 13טן אָקטאָבער, האָט דער העכסטער טריבונאַל, מיטן אויסנאַם פֿון ריכטער בלעק, באַנוצט זײַן אויטאָריטעט, אַף וועלכן ער איז אַזוי שטאָלץ, קעדיי אויסצומעקן דאָס וואָרט „גערעכטיקייט" פֿון זײַנע סטאַטוטן. דורך זײַן אָפּזאָג צו רעווידירן אַ פּראָצעס, וואָס שטעלט אין קאָן דאָס לעבן פֿון אַ יונג פּאָרפֿאָלק אָן שום שולד און די לעבנס־וויכטיקע פֿראַגן פֿון אָפּהיטן די דעמאָקראַטיע פֿאַר דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, האָט ער זיך קלאָר אַנטשיידן פֿאַרן אַרויסוואַרפֿן אין אַפּפֿאַל די געזעצלעכע פּראָצעדורן און די מענטשלעכע לעבנס, וועלכע הענגען פֿון זיי אָפּ.

נאָך מער. ער האָט געוויזן אַ פּראָצעס־קאָמעדיע און אַ פּאַראָדיע פון אַ געריכטס־אורטייל, אַנטפּלעקנדיק אַזוי אַרום דאָס פולשטענדיקע פעלן פון דער אומאָפּהענגיקייט פון געדאַנק און פון האַנדלונג, וועלכע מיר האַלטן געוויינלעך פאַר קוואַליטעטן פון אַזאַ כּאָשעווער אינסטיטוציע ווי דער העכסטער טריבונאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ע ט ל.

# „כ׳בין אַנטשלאָסן פאַרצווזעצן צו לעבן און צו מאַכן פּראָיעקטן"

עטל צום פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט בלאָך.

28טער נאָוועמבער 1952.

ליבער מאַני:

כ׳דערוויס זיך דורך די צײַטונגען, אַז דער יאַנטעוו איז אין פולן ברען, און אַזוי ווי די „יוסטיץ" דערלויבט מיר ניט „צו מאַכן מײַנע אײַנקויפן וואָס פריִער", אָדער שפּעטער, אָדער ביכלאַל, מוז עס שוין עמעצער אַן אַנדערער פאַר מיר מאַכן. כ׳האָב זיך געוואָרפן אויף יעדן נומער „גאַרדיען" מיט דער האָפענונג צו געפינען דאָרט אָנווײַזן פאַר דער ברענענדיקער און שווערער פראַגע פון ביכער פאַר די קינדער. נאַטירלעך וויל איך, זיי זאָלן האָבן: „זײַט, מײַן פרײַנט", „טאָני און די פאַרקישעפטע טיר" און „די מענטשלעכע ראַסן". אָבער דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל. כ׳וויל קיין זאַך ניט פאַרנאַכלעסיקן, וואָס קען בײַטראָגן צו זייער אַנטוויקלונג, דאָס זעלבע איז נויגייע די גראַמאָפאָן־פּליטעס. איר פרעגט זיך מיסטאָמע פאַרוואָס כ׳האָב נאָך גאָרניט באַשלאָסן בענוגייע שפּילצײַג, קליידער. כ׳קען אײַך פאַרזיכערן אַז איך שווים אין די רעקלאַמעס אונטערשטרײַכנדיק רעכטס, אויסשנײַדנדיק לינקס; איך באַשליס עפּעס און דערנאָך בײַט איך מײַן מיינונג.

איר פאַרשטייט, כ׳בין אַנטשלאָסן פאַרצווזעצן צו לעבן און צו מאַכן פּראָיעקטן, ווי מיך וואָלט ניט דערוואַרט קיין אַנדערע זאַך ווי דער טומלדיקער אויפנעם פון אַ זון און דער ליבפולער קוש פון אַ מאַן.

ע ט ל.

# „כיוועל קיינמאָל ניט קענען אָפּלייקענען די פּרינציפּן פון מײַן לעבן"

יוליוס צום פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט בלאָך.

22טער דעצעמבער 1952.

ליבער מאַני:

כ'האָב הײַנט געטראַכט וועגן 1933, ווען מיר האָבן געלעבט אין מיטן פון גרויסן קריזיס. כ'בין דעמאָלט געווען צווישן די עלטערע שילער פון דער מיטלשול פון סיוואַרד־פּאַרק. די פינאַנציעלע לאַגע פון מײַן פאַ־מיליע איז געווען אַ שווערע און ניט געקוקט אויף מײַנע 15 יאָר, האָב איך שוין פאַרשטאַנען די אומשטענדן. קעדיי צו פאַרדינען אַ ביסל געלט, האָב איך פאַרקויפט זונטיק זיסוואַרג. כ'פלעג פאַרדינען 40 ביז 80 סענט אין די טעג, ווען מײַן „מיסכער" איז געגאַנגען גוט.

איין מאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי צו הערן אַן אָראַטאָ־אַף אַ פאַרזאַמלונג אונטערן פרײַען הימל באַם ראָג דעלאַנסי־סטריט, אין די אונטערשטע קוואַרטאַלן פון איסט־סאַיד. ער האָט גערעדט וועגן דער קאַמפּאַניע פאַר באַפרײַען טאָם מוני, אַן אַרבעטער־פירער, וועמען מען האָט אַרײַנגעזעצט אין טפיסע אָפּן סמאַך פון אַ בילבל. יענע נאַכט האָב איך דורכגעלייענט אַ בראָשור, אַ געקויפטע באַם רעדנער, אין וועלכער כ'האָב געפונען די פאַקטן בענוגייע דעם דאָזיקן פּראָצעס. אויף צומאָרגנס בין איך אַוועק געבן 50 סענט. (פאַר דער קאַמפּאַניע לעטוויוועס מוני — רעד.). דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרטיילן בראָשורן און צו זאַמ־לען באַ מײַנע שול־כאַווײרים און שכיינים אונטערשריפטן אויף אַ פּעטיציע לעטוויוועס מוני.

אָט איז אַ צווייטער איניען, נאָך גאַנץ פריש אין מײַן זיקאָרן: ער איז פאָרגעקומען אין מײַן ערשטן יאָר אין סיטי־קאָלעדזש אין 1934. דער סטודענטן־ראַט האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצוקלײַבן די פּראָגראַם פון פאַרשיידענע לעקציעס און אונטערנעמונגען פאַר די סטודענטן פון ערשטן יאָר. דער פּרעזידענט פון אוניווערזיטעט, פּרעדעריק ראָבינסאָן, האָט איין מאָל איבערגענומען אויסצואַרבעטן אַזאַ פּראָגראַם און האָט אײַנגעלאַדן אַ דעלעגאַציע פון אויסלענדישע סטודענטן פון דער פאַשיס־טישער איטאַליע, קעדיי צו שאַפן צווישן די סטודענטן אַ סימפּאַטיע לע־גאַבע דעם פאַשיסטישן רעזשים.

ווען דער פּרעזידענט האָט זיך אויפגעשטעלט צו נעמען דאָס וואָרט, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אַ פײַפערײַ. ער האָט זיך געמוזט ווײַ־דער אַוועקזעצן, ניט האָבנדיק גערעדט. עס איז אים פונדעסטוועגן געלונ־

גען אונדז צו דערקלערן, אז „מיר פירן זיך אויף ווי גאסן־יינגלעך”. קעדיי צו בארויקן דעם עולעם, האט מען דערלויבט דעם פארזיצער פון דעם סטודענטן־פארבאנד, עדי אלעקסאנדער, ארויפצוגיין אף דער טריבונע. פאר א פולשטענדיק רויקער אודיטאריע האט ער אנגעהויבן זיין רעדע: „מען האט מיר דערלויבט צו ריידן ביטניי, אז כ׳זאל ניט זאגן קיין איין פיינטלעכן ווארט קעגן פאשיזם. כ׳וויל אבער זיך ווענדן מיט אן אפעל צו אונדזערע ברידער, שקלאפן און קארבאנעס פון איטאליענישן פאשיזם”.

דאס איז געווען גענוג. די פאשיסטישע סטודענטן האבן אים אוועקגעריסן פון מיקראפאן און ס׳האט זיך אנגעהויבן א געשלעג. דריי טויזנט שטימען האבן געהילכט אינעם ריזיקן זאל: „אבאסא איל פאשיזמא!” (אין איטאליעניש: „נידער מיטן פאשיזם!”).

איצט האט דער פרעזידענט פון אוניווערזיטעט אריינגערופן די „סמעטענע” פון דער שטאט ניו־יארק און די סטודענטן האבן געהאט די פריווילעגיע צו באקומען א לעקציע איבער בירגער־רעכט מיט דער הילף פון דובינקעס. אין א פאר טעג ארום זיינען אלע סטודענטן ארויס מיט בענדלעך מיט אויפשריפטן: „כ׳בין א גאסן־יינגל. כ׳האב פיינט דעם פאשיזם”. די שפעטערדיקע געשעענישן — דער „דוטשע” בא זיין ציוויליזאציע־מעלאכע אין אביסיניע מיט דער הילף פון באמבעס, סרייפעס און האריגעם — האבן געוויזן אז מיר זיינען געווען גערעכט. אבער דערווייל זיינען 21 סטודענטן געווארן אויסגעשלאסן פון אוניווערזיטעט.

אין דער שול האב איך גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער קאמפאניע פאר באפרייען די יינגלעך פון סקאטסבארא (נעגער־יונגטלעכע, פאראורטיילט דורך די לינטש־ריכטער צום עלעקטרישן שטול). א כוץ מיין שטודיום האב איך געווידמעט מיין פרייע צייט פאר גוטע אקציעס פון אט דעם מין. ווי טויזנטער אנדערע יוגנטלעכע האב איך געלייענט, שטודירט, זיך פארנומען מיט געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און זיך געבילדעט.

כ׳האב אנגענומען א שטעלע (אף א האלבן טאג) פון א פארקויפער אין אן אפטייק אף לענאקס־עוועניו, ניט ווייט פון דער 125סטער גאס, קעדיי צו קענען ווי ס׳איז דורכלעבן. יעדן טאג פלעג איך, גייענדיק פון דער שול צו מיין ארבעט־פלאץ, דורכגיין דעם נעגער־קווארטאל. דארט האב איך געזען, וואס דאס הייסט ראסן־דיסקרימינאציע, איבערבאפעלקערטע כורוועס, 25 ביז 50 פראצענט העכערע פרייזן אף די זעלבע ארטיקלען אין פארגלייך מיט אנדערע קווארטאלן און העכערע דירע־געלט. די אנגעשטעלטע פון די קראמען זיינען געווען אלע ווייסע. ס׳פלעגן פארקומען צאלרייכע אינצידענטן, און מען האט באשולדיקט די פאליציי, אז זי פלעגט זיך ארויסווייזן גאר ברוטאל.

איין מאָל, באַנאַכט, ווען כ׳האָב געאַרבעט אין קראַם, האָט פּאַסירט אַן אינצידענט אין לענאָקס־עוועניו. אַן אויטאָבוס, וואָס איז געפאָרן מיט פולער געשווינדקייט, האָט איבערגעפאָרן אַן עלטערן נעגער. מען האָט אים אַריבערגעטראָגן אין נאָענטסטן אַפּטייק. דאָס בלוט האָט זיך פון אים געגאָסן. אַ פוס איז אים נאָכגעהאַנגען, קימאַט אַן אָפּגעשניטענער. די אַמ־בולאַטאָריע, וועלכע מען האָט אַנגעטעלעפאָנירט, האָט ערשט דריי פערטל שאָ שפּעטער זיך אָפּגערופן, בעיס דער מאַן איז אויסגעגאַנגען פון בלוט־פאַרלוסט. כ׳האָב געמוזט אָפּוואַשן דאָס בלוט, אָט די לעבנס־סובסטאַנץ, און כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם פאַרברעכן, וואָס האָט דערלויבט, אַז אַזאַ זאַך זאָל פּאַסירן מיט אַ מענטשלעכן וועזן.

איך דערצייל אייַך דאָס, קעדיי צו ווייַזן, אַז עס זייַנען דאָ געוויסע זאַכן, וועלכע מען לערנט ניט אין שול, ניט אין די ביכער, נאָר וועלכע מען האָבן געזען.

דאָס איז אַ טייל פון מייַן דערפאַרונג און טראָגט בייַ אויסצו־פורעמען מייַן עמעסע פערזענלעכקייט פון אַ פּראָגרעסיוון מענטשן. איז עס צוליב דעם, וואָס זיי לאָזן אונדז ניט מער ווי דרייַ וואָכן לעבן? מען האָט מיר געזאָגט אַף אַ סאַך פאַרשטעלטע אויפאַנים: איר קענט ראַטעווען זיך און אייַער פרוי. שליסט אָפּ אַ געשעפט. מאַכט דאָס, וואָס ס׳וויל האָבן די רעגירונג.

צי קען איך איצט אָפּלייקענען אַלע די עמעסן, וועלכע כ׳האָב געלערנט? צי קען איך אָפּלייקענען די פּרינציפּן, וועלכע זייַנען אַ טייל פון מיר גופע דאָס וועל איך קיינמאָל ניט קענען. כ׳קען ניט מאַכן פון מייַן לעבן אַ ליגן, ווי די גרינגלאָס, די בענטלעיס. מייַן גאַנץ לעבן און מייַן גאַנצע וועלט־אַנשויונג לאָזן עס ניט צו. און ס׳איז קלאָר, אַז כ׳האָב קיינמאָל ניט געקענט באַגיין דעם פאַר־ברעכן, וואָס מען דערקלערט מיר אין אים שולדיק.

ס׳איז ערעוו ווייַנאַכט. מיט 16 יאָר צוריק איז אין אָט דער וואָך פאַרגעקומען דאָס סאַמע וויכטיקסטע געשעעניש אין מייַן לעבן: כ׳האָב באַגעגנט מייַן פרוי. איר קענט דאָך מייַן עטל. כ׳קען איר גאָר ניט זינגען קיין געגנוג שוואַכים. מיר וואָלטן געקענט זייַן אַזוי גליקלעך צוזאַמען. מיר ווילן זיך ווידער פאַראייניקן און לעבן מיט אונדזערע ביידע זין. מיר ווילן לעבן, מיר ווילן עס מיט אַלע אונדזערע קויכעס, דעריבער קעמפן מיר מיט אַזויפיל אַקשאָנעס.

מיר זייַנען איבערצייַגט, אַז דאָס פאָלק וועט אַזוי האַנדלען, אַז דאָס זאָל ניט זייַן אונדזער לעצטער ווייַנאַכט.

א יַ ע ר יוליוס.

## „ווי הערלעך ס'איז זיך אויפצופירן ווי אַ גוטער מענטש"

יוליוס צו עטל.

28טער דעצעמבער 1952.

מיין טייערע פרוי:

כ'האָב געקלערט, מיין היים־געליבטע, ווי שרעקלעך כ'בין צערודערט דורך דעם, וואָס כ'קען דיר ניט געבן קיין גרויסן טרייסט אין איצטיקן מאָמענט פון שווערע ליידן. ס'איז לעכערלעך צו זאָגן צו אַ מוטער, זי זאָל זיך ניט איבערנעמען מיטן גורל פון אירע קינדער. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וועגן די ליידן און שרעק פון אונדזערע זין. קיין שום באַטראַכטונגען און די גאַנצע יוסטיץ פון דער וועלט קענען עס ניט ענ־דערן. און פונדעסטוועגן, מיר ביידע, דו און איך, מיר מוזן זיך פאַרהאַר־טעווען, האָגאָם אונדזער צעריסן האַרץ און געמאַטערטער גייסט בעטן זיך ראַכמים. מיר מוזן דערפילן אונדזער פליכט לעגאַבע זיי און לעגאַבע זייערם גלייכן.

כ'ווייס וואָס דו פילסט, מיין ליבסטע. דו פילסט מיר שרעקלעך. עס איז בעעמעס אוממעגלעך זיך פאַרצושטעלן, אַז אָט דער גראַטעסקער נעץ פון איימע און געשפינט געוואָרן, קעדיי אונדז צו פאַרוויקלען. עטל, מיין ליבע צו דיר איז אַזוי שטאַרק, אַז זי גיט מיר דעם קויעך געוווער צו זיין דעם שטענדיקן דרוק. ס'איז דאָ איין זאַך, אין וועלכער איך בין זיכער: דיין ליבע צום עמעס און די גערעכטיקייט וועט זיגן איבערן שרעק, וואָס באַפאַלט אונדז.

דערלויב מיר צו שיקן דיר מיין גאַנצע ליבע אין אַלץ, וואָס איך ליב און האַלט פאַר שיין און קאָסטבאַר. דו ווייזט מיר ווי הערלעך ס'איז זיך אויפצופירן אַזוי ווי אַ בעעמעס גוטער מענטש.

יוליוס.

## „געזעצלעך, יורידיש, מאָראַליש און פאַקטיש זיינען מיר פולשטענדיק אומשולדיק"

יוליוס צום פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט בלאָך.

28טער דעצעמבער 1952.

ליבער מאַני:

כ'באַמי זיך צו דערקלערן פאַר מיינע זין דורך אַלץ, וואָס איך זאָג און שרייב, דעם זין פון אונדזער לאַגע. אין איין זאַך בין איך זיכער:

ווען זיי וועלן זײַן גרעסער, וועלן זיי וויסן, דאָס מיר, זייערע עלטערן, האָבן די גאַנצע צײַט געהאַט דעם עמעס אַף אונדזער זײַט, און זיי וועלן זײַן שטאָלץ אַף דעם.

מיר זײַנען נאָך אָפּטימיסטיש, אָבער מיר האָבן מוירע, אַז די מעטור־ראָפּים, אין זייער אײַלעניש צו פאַרדעקן אַט די געמיינע מאַכינאַציע, זאָלן ניט פאַרניכטן אונדזער לעבן.

מיר איז געקומען אַ געדאַנק: וואָס פאַר אַן אויסגאַנג דער פּראָצעס זאָל ניט האָבן, צי וועט דען דער ריכטער קאופמאַן ווען ניט איז קענען דערקלערן זײַן האַלטונג פאַר זײַנע אייגענע קינדער, וועלכע וועלן אַמאָל לייענען די פאַקטן?!

דער טיף פון די באַווײַזן, וועלכע זײַנען געוואָרן אַנגעוואַנדן, קעדיי אונדז צו פאַרמישפּעטן, וואָלט ניט געווען גענוג צו פאַרמישפּעטן אַפילע אַ קעשענע־גאַנעוו. געזעצלעך, יורידיש, מאָראַליש, לויטן פאָלשטענדיקן עמעס, זײַנען מיר אין גאַנצן אומשולדיק. ווען כ'וואָלט נאָר געהאַט די מעגלעכקייט צו ריידן אייניציקווײַז מיט אַלע מענער, מיט אַלע פרויען אַף דער וועלט, בין איך זיכער, אַז זיי וואָלטן געוואָרן באַוווּסט פון דער סאַ־קאַנע און וואָלטן באַרעכטיקט אונדזערע באַהויפּטונגען. אונדזער אַקטיוויטעט טאָר ניט קיין רעגע שטיין בלײַבן. די גערעכטיקייט פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן לעבן, קעדיי צו קענען זיך פאַרטיידיקן פאַרן געריכט און באַקומען אונדזער פולשטענדיקן רעוואַנש. דאָס מענטשלעכע געוויסן און אונדזער נאַציאָנאַלער קאָוועד פאַרלאַנגען עס.

מײַן טיפע פרײַנטשאַפט פאַר אײַך און גריסט אַלע אונדזערע פרײַנט און פאַרבינדעטע.

יוליוס.



# 1953

# „כ׳בין אַנטשלאָסן צו קעמפן ביזן לעצטן אָטעם"

יוליוס צו עטל.

1טער יאַנואַר 1953.

גוט־מאָרגן, טײַערסטע מײַנע:

כ׳ווינטש דיר אַ גוטן יאָר, עטל געליבטע. זאָל דאָס נײַע יאָר ברענגען גליקלעכערע געשעענישן פאַר אונדז ווי דאָס פאַרגאַנגענע. דער אַפּעלאַציע־טריבונאַל האָט געעפנט דאָס יאָר, ווײַזנדיק ווידער ווי מען פאַרנעמט זיך מיט פאָרמאַליסטיק. נאָר אויב כ׳זאָל אורטיילן לויט דעם, וואָס איך לייען אין די צײַטונגען, ווײַזט אויס אַז מען הייבט אָן צו דערקענען דאָס בייז, וואָס מען האָט אונדז אָנגעטאָן דורך דער „פּובליסיטעט" ווי זיי האָבן עס געפירט.

לויט דער מיינונג פון צוויי טריבונאַלן, האָבן די פאַרמישפּעטע „פאַרנאַכלעסיקט" דורכצופירן רעכטצײַטיק די נייטיקע פּראָצעדורן. דעריבער קען דער טריבונאַל ניט אָננעמען אונדזער ביטע. אויף דעם אַלץ זאָג איך: דריידלעך.

כ׳גלייב, אַז אַן עמעסע יוסטיץ פאַרנעמט זיך מיטן טאָך און ניט מיט די פאָרמעס פון פּראָצעדור. אויב פון אָנהייב אָן איז באַגאַנגען געוואָרן אַן אומגערעכטיקייט, טאָ וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַ טערמין?

מער ווי טאָמיד בין איך אַנטשלאָסן צו קעמפן ביזן לעצטן אָטעמהויך, קעדיי באַקאַנט צו מאַכן דעם שווידערלעכן יוסטיץ־טאָעס. כ׳האָב צוטרוי און האָפענונג, אַז אונדזערע ביידע לעבנס וועלן געשוינט ווערן.

ליבע מײַנע, דו האָסט מיר אַזוי שרעקלעך געפעלט אַט דעם ערעוו נײַ־יאָר און דעם גאַנצן הײַנטיקן טאָג. מײַן היים־געליבטע, איך שיק דיר [illegible]

[illegible]

יוליוס צום פּאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט בלאָך.

3טער יאַנואַר 1953.

ליבער מאַני:

פאַר גאָט און פאַר לײַטן מוז איך פּראָקלאַמירן די ווײַטערדיקע עמעסן:

1) מיר זײַנען פולשטענדיק אומשולדיק. דער פאַקט קען ניט געענדערט ווערן.

2) אַ מאָנסטערהאַפטע מאַכינאַציע, וועלכע דינט פּאָליטישע צוועקן, האָט דעפאָרמירט דעם ראָזענבערג־פּראָצעס.

דער ריכטער און דער פּראָקוראָר פון דיסטריקט האָבן פון אָנהייב אָן אָוועקגעפירט די דעבאַטע אויף אַ פאַלשן וועג, אַרײַנטראָגנדיק דעם פּראָבלעם פון קאָמוניזם און פון די פּאָליטישע איבערצײַגונגען, כדי צו פאַרטונקלען דעם איניען און אויפצורייצן קעגן אונדז די לײַדנשאַפטן פון די געשוווירענע ריכטער.

דער ריכטער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, כדי אַרויסצוציִען בײַ די געשוווירענע אַ שולדיקייט־פּסק. יעדער מאָל ווען די דעבאַטע האָט אָנגענומען אַ ווענדונג לטובֿת אונדז, האָט ער קעסיידער גענומען שטעלונג קעגן אונדזערע אינטערעסן. ער האָט דערלויבט אַ פאַרגוואַלטיקונג פון אונדזערע רעכט און האָט ניט דערלאָזט אונדזער אַדוואָקאַט צו פאַרטיידיקן אונדז אויף אַ געהעריקן אופן. ער האָט ניט דערלויבט די געשוווירענע צו אורטיילן די אָנקלאָגע פון באַשולדיקונגס־אַקט אויף אַ גערעכטן אופן.

וואָס שײַעך אונדז, זײַנען מיר איבערצײַגט אין דער גערעכטיקייט פון אונדזער זאַך און מיר ווילן ניט, מען זאָל זיך באַנוצן מיט אונדז קעגן די, וועלכע קעמפן פאַר שלום, פאַר פרײַהייט און פאַר רעכט.

אײַלט זיך ניט צופיל, מײַנע הערן, אַ דריק צו טאָן אָפן שאַלטער. געדענקט, אַז דאָס איז אַ מעסער מיט צוויי שאַרפן. די וועלט באַטראַכט אויפמערקזאַם די האַנדלונג פון אונדזער רעגירונג אינעם דאָזיקן איניען און דאָס געוויסן פון אַלע מענטשן מיט גוטן ווילן איז פאַרוווּנדעט דורך דעם ברוטאַלן גזר פון ראָזענבערג־פּראָצעס.

די צײַט איז קורץ. עס זײַנען אונדז געבליבן בלויז 10 טעג צו לעבן. איך וועל טאָן, וואָס איך קען, כדי דורכצופירן אין אָט דער צײַט וואָס מער אַרבעט.

אײַער

יוליוס.

עטל צום פארטיידיקער, אדוואקאט בלאך.

9טער יאנואר 1953.

ליבער מאני:

ס'איז מיר קלאר, אז די אומשטערבלעכקייט פונעם ריכטער אירווינג ר. קאופמאן איז ענדלעך געזיכערט. די קומענדיקע דורות וועלן ציטירן זיין באגרינדונג אונדז אפצוזאגן די באגנאדיקונג ווי א כאראקטעריסטישן מוסטער פון געשיקטער פאלשקייט און פון גייסטיקער אומערלעכקייט.

אויסערגעוויינלעך אומגענוי און אומפולשטענדיק, באנוצנדיק יענעם מין פון קלוימערשטע באטראכטונגען, וואס באקליידט מיט א קלוימערשמער גלויבנווירדיקייט א פאלשע אינטערפרעטאציע פון די פאקטן, שטרענגט ער זיך אן צו ווייזן זיך טיף — און איז אין דער עמעסן בלויז נאריש.

ווי פארליבט אונדזער גוטער ריכטער איז ניט אין ציטאטן, וועל איך זיך פארט דערלויבן פארויסצוזאגן, אז נאכן האבן שטודירט די ווייטערדיקע אויסצוגן פון דער „הייליקער יאהאנע" פון בערנארד שאו וועט ער זיין ווייניק גענייגט זיי צו באנוצן קעגן די ראזענבערגס. איר געדענקט מיסטאמע דזשאן דע סטאגומבער — דער ענגלישער גאלעד — וועלכער איז געווען צווישן די פארביסנסטע אנהענגער פון טויט־שטראף פאר יאהאנא, האט באם זען דעם שייטערהויפן פארלאזט דעם פלאץ און איז אנטלאפן, געפייניקט פון כאראטע, וויינענדיק און שרייענדיק: „איר ווייסט ניט, איר האט ניט געזען. איר פארשיקערט זיך מיט ווערטער. איר פארמישפעט זיך צום אייביקן פייער, ווייל דאס ווייזט זיך אייך אויס הערלעך, צו גיסן אויל אפן גענעם־פייער פון אייער אייגענעם הארצן. ווען איר רירט אבער אן די זאך מיט די אייגענע הענט, ווען איר זעט, וואס איר האט געטאן, ווען אט די זאך דערלאנגט אייך א זעץ אין די נאזלעכער, א ריס אין הארצן — דעמאלט, א, דעמאלט, גאט, נעמט אוועק פון מיר אט דאס בילד! א יעזוס, באפריי מיך פון פייער, וואס פארברענט מיך. אין מיטן פון שייטערהויפן האט זי גערופן: יעזוס! יעזוס! יעזוס! איצט איז זי בא דיר און איך, איך בין אין גענעם אף אייביק".

און אט דארט וועט גיין דער ריכטער קאופמאן פאר א פארברעכן, „וואס איז ערגער ווי א מארד".

ע. ט. ל.

פון יוליוס צום אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך.

16טער יאַנואַר 1953.

ליבער מאַני:

עס איז קלאָר, אַז די מיינונג פון קויפמאַן, וועלכע מען קען באַצייכענען מיט די ווערטער: „דער טויט איז די בעסטע זאַך פאַר די קאָמוניסטן און די, וואָס מען האַלט זיי פאַר קאָמוניסטן", איז אויסגעאַרבעט געוואָרן, קעדיי צו דינען אַלס טעקסט פאַר דער פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע דורך:

1) דעם שטאַט־דעפּאַרטאַמענט, קעדיי צו באַרויִקן די אויפגעבראַכטקייט אין גאַר דער וועלט קעגן דער מאָנסטעריעזער מאַכינאַציע און דעם ברוטאַלן גזאַר, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט.

2) אויף אָנרעגונג פון יוסטיץ־מיניסטעריום, קעדיי מען זאָל קענען אָנהייבן אַ פּרעסע־ און ראַדיאָ־קאַמפּאַניע קעגן דער וואַקסנדיקער פּראָטעסט באַוועגונג אין לאַנד און דעריקער קעדיי ניט צו דערלאָזן, אַז דאָס פאָלק זאָל ניט קלאָר ווערן, דאָס אין ראָזענבערג־פּראָצעס איז באַגאַנגען געוואָרן אַ שווידערלעכער יוסטיץ־טאָעס.

ווי האָבן זיי מוירע פאַרן עמעס! מיר ביידע, אָרעמע קליינע מענטשן, אַפילו פּאָנעם על פּאָנעם מיטן טויט, מיר זייַנען שטאַרק דורכן באַוווּסטזייַן פון אונדזער אומשולד און איבערצייַגט אין דער גערעכטיקייט פון אונדזער זאַך. אַפילו די סאַמע קונציקסטע פּיראַמידע פון שיינריידערישע סילאָגיזמען, אויב זי איז נאָר באַזירט אויף אַ ליגן, ווערט פולשטענדיק צעשמעטערט דורכן עמעס און פאַקטן.

מיר זייַנען איבערצייַגט, אַז דאָס פאָלק וועט ניט לאָזן, אַז דאָס בלוט פון ראָזענבערג זאָל באַפלעקן די אַמעריקאַנער יוסטיץ אַזוי, אַז מען וועט עס מער ניט קענען אָפּוואַשן.

אייַער

יוליוס.

## „די זון וועט נאָך פאַר אונדז שייַנען"

עטל צום אַדוואָקאַט בלאָך.

19טער יאַנואַר 1953.

טייַערער מאַני:

זינט מייַן לעצטן בריוו צו אייַך זייַנען אַ סאַך וואַסערן דורכגעפלאָסן אונטער די בריקן. טויזנטפאַכיק איז באַשטעטיקט געוואָרן די רויִקע פאַ־

רויסזאָגונג פון די ראָזענבערגס, אַז דאָס פאָלק וועט זיך אָפּזאָגן צו געבן זייַן האַסקאָמע צו אַ לעגאַלן מאָרד.

דאָ און דאָרט קומט מיר אַ דאַטע אָפּן געדאַנק. מייַן פּערזענלעכער קאַלענדאַר דערמאָנט מיר, אַז מיטוואָך, דעם 17טן דעצעמבער 1952, זייַנען צו מיר געקומען מיט אַ באַזוך געוויסע הערן, מיט די געהעריקע פול־מאַכטן, באַגלייט דורך דעם הויפּט־אויפזעער. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן מייַן געזונט און וועגן מייַנע פאַרלאַנגען, כּלומר, פאַרשטייט זיך, דעם פאַרלאַנג אָפּצושטעלן די האַנט פונעם הענקער, וואָס האָט געזאָלט אַ דריק טאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל אין מעשעד פון דער וואָך פון 12טן יאַנואַר. און זונטיק, דעם 21טן דעצעמבער, ווען איך בין רויִק געזעסן אין מייַן קאַמער, האָב איך זיך „צוגעהערט" צו די געזאַנגען, וואָס קאָרעוו צו טויזנט מענטשן האָבן געזונגען אין אַ גוס־רעגן אין דער באַן־סטאַנציע אין אָסינינג, * (כּמעט פיזיש, פּאַקטיש האָב איך זיי ניט געקענט הערן), און איך האָב געהאַט אַ געפיל פון רויִקייט און פון זיכערקייט און פון גייַסטיקן בונד, וואָס קיין יעסורים, קיין איינזאַמקייט, קיין געפאַר קענען ניט צעשטערן!

דער 14טער יאַנואַר איז געקומען און איז אַוועק, פּונקט ווי די אַנדערע פאַרמאַטערנדיקע טעג פאַר אים, ווען קאָלערליי באַאַמטע זייַנען געקומען מיט די באַקאַנטע באַזוכן און ווען די טינטלער האָבן זיי „נאָבל" אַרויסגעהאָלפן אין זייער'ע פאַרלוימדונגס־קאַמפּאַניעס.

עס זייַנען אָבער דאָ אויך דערינערונגען, וואָס זייַנען ניט פאַרצייכנט אין קיין נאָטיץ־ביכל. דאָס זייַנען די דערינערונגען פון אונדזערע עמאָציעס, וועלכע האָבן דורכגעבליצט ווי מעטעאָרן אין אַ צעטומלענדיקער רייַ, און וואָס איצט, ווען מען טוט אַף זיי אַ בליק אַף צוריק, קוקן זיי אויס ווי אויסגעברענטע, פאַרלאָשענע שטערן, פּונקט אַזוי בלייך, קאָליר־לאָז און פאַרגעסן. ווידעראַמאָל: וואַרפנדיק אַ בליק אַף צוריק, אַף דער פאַרגאַנגענהייט, איבערן רוקן פון דער האַסטיק־לויפנדיקער קעגנוואַרט, געדענק איך זייער קלאָר און דייַטלעך, אַז יעדער טאָג האָט זיך דעמאָלט פאַר מיר געצויגן לאַנג־לאַנג, אומענדלעך, און האָט דאָך אויסגעזען צו זייַן רייַך אין צוזאָגן. איך האָב געשריבן צו מייַן מאַן: „עס פלאַקערט דער קאַמף, אָבער איך בין רויִק". און צו מייַנע קינדער האָב איך גע־

---

* די נאָענט צו טויזנט מענטשן, וואָס זייַנען געפאָרן קיין אָסינינג, ניו־יאָרק, וווּ די סינג־סינג טורמע געפינט זיך, זייַנען אַהין געקומען ברענגען צו די ראָזענבערגס נייַ־יאָר באַגריסונגען פון טויזנטער אַמעריקאַנער, וואָס האָבן געוואָלט, אַז די ראָזענבערגס זאָלן בלייַבן לעבן. די פּאָליציי האָט ניט דערלויבט דער דעלעגאַציע צוצוקומען צו די טורמע־ווענט. די אַרום טויזנט מענטשן זייַנען געבליבן לעבן דעם וואַקזאַל, וווּ זיי האָבן געזונגען ריירנדיקע לידער פון סאָלידאַריטעט מיט די ראָזענבערגס.

שיקט אַ קליין ליד, אַ קיינעווודיק און מונטער־ליד, וואָס איך האָב אויס־געשניטן פונעם זונטיק־נומער „טײַמס", אַלס אַ כּאַנוקע־מאַטאַנע.

דאָס אַלץ איז שוין איצט די פאַרגאַנגענהייט, און די אָנטשיידונג דערנענטערט זיך אַלץ מער. פאַר אונדז, וואָס מיר זיצן אָט דאָ און קעמפן פאַר דעם לעבן אין אַ צײַט־אָפּשניט, וואָס ווערט אַלץ שמעלער און שמע־לער און קלענער, דערשײַנט אָט די אָנטשיידונג צו זײַן מאָדנע, אומבאַ־קאַנט, מטושטש. פאַרעמלאָז, קאָלירלאָז, אָפּן ריזיקן הינטערגרונט פון אַן עפּאָכע, וואָס איז פול מיט גרויזאַמע געשעענישן. און דאָך איז דאָס, אין עצעם, אַ פּאָשעטע אָנטשיידונג, באַזירט אױף עטלעכע פּאָשעטע האַנאָכעס:

ערשטנס, וואָס די באַגרינדונגען פונעם פּראָצעס זאָלן ניט זײַן, דער־קען איצט מיליאָנען מענטשן איבער גאָר דער וועלט, און צווישן זיי איי־ניקע פון די סאַמע אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער צײַט, אַז דאָס, וואָס די געריכטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו רעווידירן דעם ראָזענבערג־פּראָצעס, באַשטעטיקט בלויז דאָס, וואָס מיר דערקלערן שוין נאָענט צו צוויי יאָר אין דעם טויטן־הויז — אַז מיר זײַנען פּאָליטישע קאָרבאָנעס פון דער קאַלטער מילכאָמע. דעריבער טאַקע האָבן אָט די מיליאָנען מענטשן פאַרעגיסטרירט זייער סאַמע קרעפטיקסטע קעגנערשאַפט צו דער אויספי־רונג פונעם אורטייל.

צווייטנס, די ריזיקייט פון אָט דער פּראָטעסט־באַוועגונג — פּאַקטיש, איר עקזיסטענץ גופע — דריקט אויס אַזוי קלאָר און בוילעט דעם פּאָלי־טישן כאַראַקטער פונעם פּראָצעס, אַז דאָס האָט געצוווּנגען געוויסע קרײַזן צו פּרוּוון פאַרמינדערן די באַדײַטונג פון אָט דער באַוועגונג, דורך איבער־טרײַבן די וויכטיקייט פון יענע, וואָס העצן קעגן אונדז, אָדער צו שטעמ־פּלען די גאַנצע זאַך אַלס אַ „קאָמוניסטישע פאַרשווערונג!".

דריטנס, בעיִס די גאַנצע וועלט שטורעמט און דונערט און רודערט מיט אויפרופן און ווענדונגען פאַר דער פאַרטיידיקונג, זעען מיר צו אַזאַ דערשטוינענדיק בילד: די סאַמע מעכטיקסטע מעלוכע אױף דער וועלט שטייט הילפלאָז, געבונדן הענט און פיס, מאַכטלאָז באַטל צו מאַכן איר אייגענעם באַשלוס, ווײַל ס'איז טאָמיד אַ סאַך גרינגער צו באַגיין נײַע טאָעסן, איידער צו פאַרריכטן די אַלטע טאָעסן!

פערטנס, אונטערצוזענדיק אַ סאַכאַקל אין די סאַמע פּאָשעטסטע ווער־טער — פּאָשעטע, לעבערלעכע ווערטער — פרעג איך מיט פולן ערנסט: „צי מוז מען מאַקע בעעמעס אומברענגען צוויי וואַרעמע, יונגע לעבנס, וועגן וועמענס שולדיקייט די וועלט זאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ באַגרינדעטער צווייפל, קעדיי צו ראַטעווען דעם פּרעסטיזש פון די פאַר. שטאַטן?".

די אָנטשיידונג איז אַ גאַנץ פּאָשעטע. ווײַל „פאַרלירן דעם פּרעסטיזש"

דורך באַגנעדיקן די ראָזענבערגס וואָלט געמיינט דעמאַנסטרירן אַף אַ זייער צוגענגלעכן אויפן, אַז די גערעכטיקייט איז עפּעס מער, ווי אַן אומבע־ראַכמאַנעסדיקע טרעט־מיל, אַ קאַטאַרזשנע מיל, וואָס קוים ווערט זי איין מאָל באַוועגט און אַוועקגעלאָזט אין גאַנג, מוז זי, ווי עפּעס אַ שווידער־לעכער פראַנקענשטיין־מאַנסטער, ווערן שטאַרקער, ווי די האַנט, וואָס קאַנטראָלירט די הייבערס פון דער מאַשין און פאַרזעצן דעם בלינדן, ווילדן לויף.

מיר וואַרטן אין דער טונקלקייט פון אַ דראַענדיקן גורל, וואָס רוקט זיך אַן ווי אַ שטורעם. מיר וואַרטן און מיר האָפן, און מיר פאַרלירן ניט דעם גלויבן, אַז די זון וועט נאָך אַלץ פאַר אונדז שײַנען אין אַט דעם לאַנד פון אונדזער געבורט — אין אַט דעם „געבענטשטן לאַנד פון פרײַ־הייט" — אין אַט דער אַמעריקע!

ע ט ל.

פון עטל צום אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך.

29טער יאַנואַר 1953.

ליבער מאַני:

איך שרײַב אײַך הײַנט, קעדיי אײַך צו אינפאָרמירן, אַז מײַן מוטער איז מאַנטיק געקומען מיך זען. פונעם דאָזיקן שמועס וויל איך אײַך מיט־טיילן דאָס, וואָס וועט אײַך אינטערעסירן. איך בין נאָך פולשטענדיק ניוול וועגישטוימעס איבער איר אומפאַרשעמטער אַמאָראַלישקייט.

איך האָב איר געזאָגט, אַז ווי דערשראָקן דער דעיווי* זאָל ניט זײַן פאַר דער אומבאַגרינדעטער פּערספּעקטיוו פון רעפּרעסיעס, איז דאָך מײַן לעבן אין סאַקאַנע און ניט זײַנס. און אַ כוץ דעם, אויב איך, ווען עס שטייט פאַר פאַרברענט צו ווערן אַפן עלעקטרישן שטול, האָב ניט קיין מוירע אויך ווײַטער צו באַהויפּטן מײַן אומשולדיקייט, פאַרוואָס־זשע זאָל ער, וועמענס פּאָזיציע איז דאָך אַ סאַך אַ גינסטיקערע, פאַרוואָס זאָל ער ניט זיך אויפפירן ווי אַ מענטש און אָנערקענען, דאָס ער האָט געזאָגט ליגן, קעדיי אַזוי אַרום צו העלפן ראַטעווען מײַן לעבן, אַנשטאָט צו לאָזן פאַרניכטן מײַן לעבן, אַבי נאָר ער זאָל ניט פאַרלירן זײַן פּרעסטיזש.

אונדזער שמועס איז געגאַנגען ווײַטער און איך ציטיר אײַך קימאַט וואָרט באַ וואָרט:

* דעיווי־דאַוויד גרינגלאַס, עטלס ברוטער, אַף וועמענס אײדעס־זאָגן עס האָט זיך געשטיצט דער גאַנצער פּראָצעס קעגן די ראָזענבערגס.

זי: „וואָס־זשע וואָלט געווען אַזוי שרעקלעך, אויב איר וואָלט באַשטעטיקט זײַן מײַסע?". איר קענט זיך פאָרשטעלן, אַז איך בין געבליבן מיט אַן אָפֿענעם מויל.

„וואָס? — האָב איך געענטפערט — זיך לאָזן באַשולדיקן אין אַ פֿאַרברעכן, וואָס איך בין קיינמאָל ניט באַגאַנגען? דערלויבן, אַז מײַן נאָמען, דער נאָמען פֿון מײַן מאַן און פֿון מײַנע קינדער זאָל געשלעפּט ווערן אין שמוץ, קעדיי צו באַשיצן אים? וואָס? דערציילן אַ געשיכטע, וואָס איך ווייס, אַז זי איז פֿאַלש און וואָס וועט אונדז דיסקרעדיטירן, מײַן מאַן און מיך? וואַרט נאָר אַ רעגע, עפּשער פֿאַרשטיי איך ניט גוט. וואָס ווילסטו דען געניי זאָגן?".

צי איר וועט עס גלייבן אָדער ניט, אָבער זי האָט געענטפערט אַזוי:

„יאָ, דו האָסט מיך גוט פֿאַרשטאַנען. איך וויל דיר זאָגן, אַז ווען אַפֿילע דאָס איז געווען אַ ליגן, האָסטו געדאַרפֿט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַן עמעס. מיינסטו, אַז דעמאָלט וואָלט מען דיך געשיקט אַהער? ווען דו וואָלסט באַשטעטיקט די רייד פֿון דעיווי, אַפֿילע ווען זיי זײַנען געווען ליגנס, וואָלסטו ניט געהאַט אַזאַ גורל".

איך האָב פּראָטעסטירט, טיף געקרענקט, ווי איר קענט זיך פֿאָרשטעלן: „אָבער, מאַמע, דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל אָפּגעבן אַ פֿאַלשע שוווּע?"

זי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און האָט איבערגעכאַזערט: „דו וואָלסט ניט געווען דאָ".

צי קענט איר אײַנאָרדענען צו ברענגען די קינדער שאַבעס, דעם 31טן אינדערפֿרי? יוליוס און איך האַלטן, אַז מיר דאַרפֿן זיי זען, אויב אַפֿילע מען וועט האָבן אָפּגעוואָרפֿן אונדזער באַגנאַדיקונג. זאָגט עס זיי, אָבער נאָר מיט אַ טאָג פֿריִער, אַניט וועט ביכאָל זײַן צו צערודערט. אין פֿרײַנטשאַפֿט

ע ט ל.

פֿון עטל צום אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך.

30טער יאַנואַר 1953.

טײַערער מאַני:

הײַנט אינדערפֿרי האָב איך געזען יוליוסן. ווי כ'האָב עס אויך אָנגענומען, וואָלט ער אויך געוואָלט, איר זאָלט קומען וואָס גיכער און איר זאָלט אָננעמען גענויע דיספּאָזיציעס בענוגייע די קינדער. דינסטיק איז אַ באַזונדערס באַקוועמער טאָג, ווײַל איך זע יוליוסן ביז 10 אַזייגער אינדערפֿרי



ד״ר עמאַנועל בלאָך

און בין שוין אַנגעטאָן און גרייט צו אַ צווייטן וויזיט, אויב אַפילו איך ווייס ניט פריִער, אַז איר וועט קומען. אָבער מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק וועט אויך גוט זײַן, אויב עס מוז אַזוי זײַן.

אײַער בריוו איז געקומען פּונקט צו דער ריכטיקער צײַט, קעדיי מיך אַרויסצוברענגען פון אַ שרעקלעכן אומעט, אַן אומפאַרמײַדלעכע קאָנסעקווענץ פון זײַן פאַרשפּאַרט אַליין אין אַן איינצל־קאַמער. געוויס איז ריכטיק, ווי איר מיינט, אַז איך בין ניט געפאַלן באַ זיך. איך פיל זיך מוטיק און האָב צוטרוי. דאָס שטערט אָבער ניט, אַז מײַן אָרעם האַרץ, דאָס ציטערדיקע און נאַרישע, זאָל זיך ניט רעוואָלטירן, זאָל ניט זײַן הונגעריק און דורשטיק נאָך דער עמעסער פרייד פון שאַפערישע מענטשלעכע קאָנטאַקטן. און דאָס ענדערט ניט די טרויעריקע און אומענדלעכע מאָנאָטאָניע פון מײַן עקזיסטענץ.

דערלויבט מיר אײַך צו דאַנקען פאַר אײַער פרײַנטשאַפט, אײַער פאַרשטענדעניש, אײַער גוטסקייט. דאָס אַלץ האָט מיך אַזוי טיף גערירט, אַז איך האָב געוויינט, אין אַ ספּאָנטאַנעם אויפשוווּנג פון אַן עמעסן, מילדן גליק באַ מיר, וואָס האָט געהאַט אַזוי ווייניק פרײַנטלעכקייט אין מײַן קינדהייט, רופן אַרויס אַזעלכע וואַרעמע ווערטער, אַ גאַנץ שטאַרקע עמאָציאָנעלע רעאַקציע און לאָזן אַנטשטיין די טיפסטע געפילן פון דאַנקבאַרקייט און אַניוועס.

איך בין דעריבער נאָך בעסער צוגעגרייט קעגן די אָנגריפן אַף אײַער ערלעכקייט און אײַער אויפריכטיקייט. איידער איך וועל אײַך זען און דיסקוטירן מיט אײַך די דאָזיקע פראַגע, ווי ס'געהערט צו זײַן, וויל איך אײַך זאָגן, אַז מײַן מאַן און איך, מיר וועלן גיכער שטאַרבן אומשולדיק, איידער זיך צו דערנידעריקן און לעבן שולדיקע. און קיין מענטש, אַפילו ניט איר, וועמען מיר ליבן ווי אַן אייגענעם ברודער, קען ניט דיקטירן קיין באַדינגונגען די ראָזענבערגס, וועלכע געהאָרכן בלויז די באַפעלן פון נעם האַרץ און פון דער נעשאָמע, פונעם עמעס און פון דעם געוויסן, אין דער גאָט־געבענטשטער ליבע, וועלכע מיר האָבן צו אונדזערע כאַווײרים.

ע ט ל.

פון יוליוס צו עטל.

8טער פעברואַר 1953.

טײַערע עטל:

דער סאָף פון דער וואָך איז מיר פאָרגעקומען זייער אַ לאַנגער, ווײַל איך האָב ניט געהאַט קיין באַזוך פון מײַן פאַמיליע, זינט ווען איך האָב דיך פרײַטיק פאַרלאָזט, טראַכט איך אָן אויפהער וועגן דיר.

איך פאַרשטיי דעם טיפן ווייטיק, וואָס דו טראָגסט אין דיר און אַלץ, וואָס דיר פעלט. אָט די לײַדן, וועלכע וועלן נאָך טויזנט מאָל גרעסער צו־ליב דעם, וואָס מיר זיצן און וואַרטן אויפן טויט. אָבער דײַנע טרערן און דײַן כליפּען, וואָס דו קענסט ניט מער באַהערשן דריקן אויס אויסערלעך דײַן ווייטיק, טאָ זײַ ווײס, אַז מײַן שווײַגן אין אָט דעם מאָמענט דער־קלערט זיך דורך מײַן שרעקלעכן ווייטיק, וואָס איז אַן אָפּבילד פון דײַנעם. עס איז אוממעגלעך דיך צו באַרויִקן און דיך צו שיצן פון דער פּײַניקונג, וואָס איז שטענדיק דאָ אין אָט דעם אָרט. אָבער מיר האָבן פאָרט געקענט בלײַבן שטאַרק, טראָץ אַלץ און אָט דאָס האָט געמאַכט אונדזער בונד אומצעשטערלעך.

די גרעסטע שרײַבער פון אַלע צײַטן האָבן באַשריבן די ליבע און דערקלערט די שיינקייט און איידלקייט פון דער פולשטענדיקער, קאָנגזיי־טיקער אַקצעפּטירונג פון מאַן און פרוי. אָבער קיין זאַך קען זיך ניט פאַרגלײַכן צו דער ווייטיקפולער פולקאָמענהייט, וואָס אונדזער ליבע האָט דערגרייכט אַפילו אויפן שוועל פון טויט.

באַזיצנדיק דעם גרויסן קויעד פון אונדזער ליבע, קעדיי צו אַרבעטן פאַר די סאַמע נאָבלסטע אינטערעסן פון אונדזערע קינדער און פון דער מענטשהייט, גלייב איך, אַז מיר האָבן געגעבן אַ פולן אויסדרוק פאַר דער סאַמע גרעסטער און איינציקער אַספּיראַציע פון דער מענטשהייט. מײַן גאַנץ האַרץ פאַר דיר, מײַן געליבטע. דײַן איבערגעגעבענער מאַן

יוליוס.

פון עטל צום אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך.

9טער פעברואר 1953.

טײַערער מאַני:

די לעצטע וואָכן הערט מען אַלץ מער אַ שוידערלעכע נײַס. ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז איך דאַרף פאַרשוינט ווערן און מײַן שטראָף וועט געמילדערט ווערן צוליב הומאַניטאַרע טעמים, ווײַל כ'בין אַ פרוי און אַ מוטער, בעת מײַן מאַן זאָל ווערן פאַרברענט אויפן עלעקטרישן שטול. אַ כוון דעם האָפט מען דורך דעם, אַז אַזוי אַרום וועלן מײַנע „סוידעס פון אַ שפּיאָן" ניט שטאַרבן מיט מיר און איך וועל דאָך האָבן אַלזאָ די מעגלעכקייט צו פאַרלייקענען, אויסזאָגן. נאָך מער: אַזוי אַרום זאָל מען אַרויפלייגן אויף מײַנע פּלייצעס די לאַסט פון דער אַנטשיידונג איבערן גורל פון מײַן מאַן און מײַנע הענט זאָלן זײַן באַפלעקט מיט זײַן בלוט, אויב כ'וועל זיך אָפּזאָגן אים צוצוריידן „אַרויסצוגיין מיט לאָשן".

מען באט מיר, הייסט עס, איצט אז מיין לעבן צום אויסטויש קעגן לעבן פון מיין מאן. כ'דארף נאר, הייסט עס, פאלגן אפן דאזיקן וועג, וועלכער ווערט מיר אזוי ריטערלעך אנגעצייכנט. און אים לאזן שטארבן, זיך ניט אומקוקנדיק אפילע. וואס פארא טייוולאנישע מאכינאציע. א קאל־טער גרימצארן איז אין מיר און כ'וואלט געקענט ברעכן פון שוידער און עקל. די דאזיקע „רעטער" קלייבן זיך איצט אויסצוגראבן א קייווער, אין וועלכן כ'וועל לעבן, ניט זייענדיק טויט. די טעג וועלן זיין אן האפענונג און די נעכט אן רו. טאמיד וועל איך זען פאר מיר דאס ליבע געזיכט און וועל מיינען, אז כ'הער די ליבע שטימע. טאמיד וועל איך מורמלען, וויינענדיק, די געזעגענונגס־ווערטער, די הארץ־רייסנדיקע און וועל זיך בייגן אונטער דער לאסט פון דעם טויט־וואס מען קען ניט מער אפרופן.

און אונדזערע קינדער! וואס פארא ווערט האט דאס ראכמים, וואס וועט דערהארגענען זייער פארגעטערטן פאטער און באפרייען זייער מוטער, א פארמישפעטע צו אן אייביקן מידבער. בעסער באגלייטן מיין מאן אין טויט ווי צו לעבן ווייטער אין כארפע, א דאנק אזא כעסעד.

כ'וועל ניט מעכאלעל זיין דעם בונד פון דער הייראט, דאס גליק און די גאנצקייט פון אונדזער ליבע, קעדיי צו שפילן די ראל פון א פראס־טיטוירטע פאר די פאליטישע אלפאנסן. מיין מאן איז אומשולדיק, אזוי ווי איך גופע. קיין מאכט וועט אונדז ניט צעשיידן, ניט אינעם לעבן און ניט אינעם טויט.

ע ט ל.

פון יוליוס צום אדוואקאט עמאנועל בלאך.

11טער פעברואר 1953, 6 אינאוונט.

טייערער מאני:

פרעזידענט אייזענהאוער קלערט אונדז א ביסל מער אויף איבער זיין גרויסן „קרייץ־צוג" און לאזט מיר דענקען וועגן באקאנטן פאסעק פון טאנאך — מער ניט ס'איז דא א גרויסער אונטערשייד אין די ראלן: „הקול קול יעקב והידים ידי עשו" („די שטימע איז יאנקעווס שטימע, אבער די הענט זיינען די הענט פון אייסעוו"). וואס פארא קאמעדיע! גלאטע רייד פארדעקן צוויִעסדיק א בארבארישע טאט. דער דאזיקער ברו־טאלער און אכזאריעסדיקער באשלוס איז באפרוכפערט געווארן דורך דער מעשוגאס.

דורך זיין היינטיקער טאט ווערט דער אויספירנדיקער ארעם פון אונ־

דזער רעגירונג,* מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ מאָרד, ווײַל מיר זײַנען אומשולדיק. דאָס איז דער ריינער עמעס.

מען דאַרף, אַז אַלע זאָלן וויסן די עמעסע פאַקטן. לײדער, זײַנען די נײַס, וואָס עס גיבן די פרעסע און די אַנדערע אינפאָרמאַציע־קאַנאַלן ניט דער עמעס, נאָר אַ צעקאַליעטשעטע, פּולשטענדיקע און מעוווּלבעלע אינ־טערפּרעטאַציע פון די פאַקטן. נאָר די פולשטענדיקע קאָפּיע פון דער פּראָ־צעס־סטענאָגראַפיע און פון דער דעבאַטע פון געריכט איבער אונדזער אַפּעלאַציע באַגרינדעט אַפן פאַקט, וואָס אונדזער פאַראורטיילונג איז ניט געווען געזעצלעך, קען דינען אַלס באַזע פאַר אַן ערלעכער און אומפּאַר־טייִישער פעסטשטעלונג פון עמעס און גערעכטיקייט אינעם דאָזיקן איניען.

עס איז קלאָר, אַז אונדזער פּראָצעס וועט דינען קווידעמקאָל, קעדײ אויסצוּבן אַ דרוק אַף פּאָליטישע קעגנער און צו פאַרזיכערן זייער אונ־טערוואַרפונג. אַזאַ לאַגע קען בלויז פירן צו אַ געשטאַפּאָ אין דער אינערן־פּאָליטיק און צו אַ מילכאָמע אין דער אויסערן־פּאָליטיק.

מיר האָפן, אַז די פעסטקייט, מיט וועלכער מיר בלייבן באַ אונדזע־רע פּרינציפּן, וועט דינען, לעכאָל האַפּאָכעס, אַז אַ סאַך אַנדערע זאָלן אויסמײַדן אויסצושטיין אַזאַ מין טראַר, ווי דער, וואָס מיר מוזן אַרי־בערטראָגן.

מיר בעטן בלויז, אַז מען זאָל פאַרזעצן צו קעמפן פאַר דער גערעכ־טיקייט. אינפאָרמירט זיך וועגן די פאַקטן און פאַרטיידיקט דעם עמעס.

מיר זעצן פאַר צו קעמפן מיט מוט און מיט גלויבן, אַ דאַנק אונ־דזער ליבע.

יוליוס.

## „אײַזענהאַוער האָט פאַרוווּנדעט דאָס געוויסן פון דער וועלט"

יוליוס צו עטל.

12טער פעברואַר 1953.

מײַן געליבטע:

נאַטירלעך האָט אײַזענהאַוער ניט געקענט לייענען די סטענאָגראַמע פון פּראָצעס, ניט זען אונדזער פּעטיציע. קעדײ צו פאַרשלייערן די דאָזיקע

---

* געמיינט איז דער פּרעזידענט, וועלכער האָט לויט דער אַמעריקאַנער קאָנסטי־טוציע די עקזעקוטיווע מאַכט.

באַשײַנפּערלעכע סטירע, זאָגט מען, אַז ער האָט פּערזענלעך שטודירט דעם פּראָצעס. וועלכע צוויִעס! ער זאָרגט אַפילו ניט צו זײַן געניי אין זײַן אײגלעניש אויסצונוצן די אָפּגעפרישטע אויבערפלעכלעכע פּראָזעס. ער גייט אַזוי ווײַט ביז צום דערקלערן, אַז דאָס העכסטע געריכט האָט רעווידירט אונדזער פּראָצעס. אַ בעפּײַרעשער שעקער! ער קען אונדז איבערגעבן צום טויט, אָבער ער האָט פאַרוואוּנדעט דאָס געוויסן פון דער וועלט.

כ׳האָב הײַנט געאַרבעט, עטל, אָבער ניט זייער לאַנג. ס׳איז מיר שווער אויסצודריקן, וואָס איך פיל. זײַ זיכער, אַז אַלע מײַנע מאַכשאָוועס גייען צו דיר. כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז כ׳וועל קענען עמעצן ליבן אַזוי שטאַרק, ווי איך ליב דיך.

ווי דיר, מײַן היים־געליבטע, אַזוי איז אויך מיר שווער צו טראַכטן, וואָס פאַר אַ ווירקונג די נײַע ווענדונג פון אונדזער איניען וועט האָבן אויף אונדזערע טײַערע זין. דער צאַר איז צו גרויס. ווײַל מיר קענען גאָרניט טאָן, קעדיי זיי צו פאַרשפּאָרן די שוידערלעכע קאָנסעקווענצן פון אונדזער עקזעקוציע. און מיר קענען אויך ניט פאַרלײַכטערן דעם טיפן ווייטיק, וואָס זיי וועלן מוזן אריבערטראָגן. כ׳וועל מוזן געפינען די קויכעס, קעדיי גיוועער צו זײַן מײַן פרײַן און אָנהייבן צו שרײַבן זיי אַ לאַנגן בריוו. מיר מוזן עס טאָן און דערנאָך וועלן מיר זען, צי ס׳איז ניט בעסער אים צו שיקן צו מאַני, ער זאָל אים האַלטן בײַ זיך ביזן מאָמענט, ווען ער וועט געפינען פאַר ריכטיק אים פאַרצולייענען פאַר אונדזערע קינדער. מיר מוזן איצט זאָרגפעליק אָנגעמען אַלע מאָסמיטלען, קעדיי אַלץ, וואָס איז נייטיק, זאָל געטאָן ווערן, ניט וואַרטנדיק אויף דער לעצטער מינוט. כ׳מיין, אַז מיר דאַרפן עס אַרומריידן מיט אונדזער אַדוואָקאַט בײַ אונדזער קומענדיקער קאָנסולטאַציע.

זײַ וויסן, מײַן געליבטע, אַז כ׳בין גליקלעך, וואָס דו האָסט געגעבן אַזאַ שיינעם זין פאַר מײַן לעבן. אין גאַנצן דײַנער

יוליוס.

## „זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער זײַנען אויך געווען קאָרבאָנעס פון פאַשיזם"

יוליוס צום פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט בלאָך.

12טער פעברואַר 1953.

טײַערער מאַני:

מיר זײַנען געוואָרן אינפאָרמירט, — און כ׳בין זיכער, אַז דאָס איז אַזוי — דאָס אַרום סאָף וואָך וועט מיסטער ליאָנס שיקן דעם איינציקן

קאָמפּלעטן פּראָטאָקאָל פון אונדזער איניען צום גענעראַל־פּראָקוראָר. אַלע צײַטונגען האָבן מיטגעטײלט, אַז 4.30 נאָכמיטאָג האָט „מיסטער הערבערט בראַונעל יוניאָר (דער אַמעריקאַנער יוסטיץ־מיניסטער — רעד.) אַוועקגעטראָגן די סטענאָגראַמע פון פּראָצעס אין ווײַסן הויז". 5.07 נאָכמיטאָג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לעכאַטכילע צוגעגרייטע דערקלערונג. דאָס באַווײַזט דער גאַנצער וועלט, אַז פּרעזידענט אײַזענהאַוער האָט קיינמאָל ניט געלייענט די סטענאָגראַמע פון פּראָצעס, און ניט געזען אונדזער באַגנאַדיקונג־באַקאָשע. דערבײַ אײַלט זיך די פּרעסע, וועלכע פילט זיך דאָ אומבאַקוועם, צוצוגעבן, אַז ער האָט באַטראַכט אָביעקטיוו דעם איניען און האָט „געמאַכט דעם אויספיר, אַז דאָס פאַרברעכן האָט אַנטהאַלטן שרעקלעכע מעגלעכקייטן אין דער אַטאָמישער עראַ און האָט דעריבער באַשלאָסן, דאָס געזעצלעך קען ער ניט אַנולירן דעם אורטייל".

מען דאַרף ניט האָבן קיין שום טערעץ — די געוואַלט טרעט אַרויס אָפן אַף דער סצענע. ווידער דערמאָנט מען ניט אונדזער באַהויפּטונג, אַז דער אורטייל איז באַזירט אַף אַ פּאַרטייִשער באַטראַכטונג, פול מיט פאָראורטיילן, אַז ער נעמט זײַנע באַגרינדונגען אין אַנדערע קוועלן ווי די פאַקטן פון פּראָצעס, ניט אָפן געזעצלעכן רעכט.

אַ כוץ די אַלגעמיינע פראַזן, וועלכע מען קײַט איבער זינט אַ לאַנגער צײַט, זײַנען אינעם טעקסט פון דער דעקלאַראַציע פון פּרעזידענט סטענאָגראַמע פון פּראָצעס און אַז ער איז ניט באַגרינדעט ניט אַף די אַנטהאַלטן נאָך גראָבע אומגענויקייטן. מען זעט באַם לייענען די דעקלאַראַציע, אַז:

1) דער פּרעזידענט האָט ניט געקענט „האָבן ערנסט און אויפמערקזאַם באַהאַנדלט די סטענאָגראַמע פון פּראָצעס", ווײַל דער גענעראַל־פּראָקוראָר האָט געבראַכט די סטענאָגראַמע 4.30 און אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז די צוגעגרייטע דעקלאַראַציע שוין געווען פאַרעפנטלעכט.

2) דאָס געריכט האָט ניט אַקצעפּטירט אַלע מעגלעכקייטן פון איידעסזאָגן. ווען מיר האָבן געבעטן אַז אוידיענץ, קעדיי צו באַווײַזן, אַז אונדזער פאַראורטיילונג איז אומגעזעצלעך, האָט דער ריכטער ריאַן אונדז אָפּגעזאָגט די דערלויבעניש צו ברענגען דאָקומענטן „סוב פּאָענאָ" און צורויסצורופן איידעס וועלכע וואָלטן געקענט באַשטעטיקן אונדזערע באַהויפּטונגען.

די געשוווירענע זײַנען געווען אויפגערייצט און אײַנגעשטעלט קעגן אונדז דורך דער פײַנטלעכער אַטמאָספערע פון דער פּרעסע, דורכן אומדערלאָזבאַרן אויפן, ווי דער פּראָצעס איז געוואָרן געפירט, דורך דער באַ-

שולדיקונג אין קאמוניזם, וואס האט גארניט געהאט צו טאן מיטן פראצעס און וואס איז געווען מעסוגל אויפצורייצן די ליידנשאפטן.

4) דאס העכסטע געריכט האט ניט געהאט באשטעטיקט דעם אורטייל, ניט רעווידירט יורידיש דעם פראצעס. דאס איז די מיינונג פון ריכטער פראנקפורטער.

מיליאנען מענטשן, צווישן זיי געלערנטע, אנגעזעענע יוריסטן, כאשעווע פארשטייער פון קלער, שרייבער און קינסטלער, גוט־באקאנטע פאליטישע טוער פון אלע ניואנסן, וועלכע זיינען אמבעסטן קוואליפיצירט צו באאורטיילן אזעלכע פראגן, האבן אויסגעדריקט זייערע ערנסטע ספייקעס בענוגע דער בארעכטיקונג פונעם אורטייל. די ליבע, וואס מיר האבן צו אונדזערע קינדער און די ליבע, וואס מיר האבן איינער צום אנדערן, פאדערן, אז מיר זאלן בלייבן פעסט בא אט די עמעסן, אויב נייטיק — אפילע ביז צום טויט, וואס וועט צעשטערן אונדזער פאמיליע.

מיר זיינען ניט די ערשטע קארבאנעס פון דער טיראניע. זעקס מיליאן פון אונדזערע גלויבנס־ברידער און מיליאנען אנדערע קארבאנעס פון פאשיזם זיינען געווארן פארמישפעט צום טויט. די קריגס־פארברעכער, וועלכע האבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין אט די פארברעכנס, ווערן מעגלעך איינער נאכן אנדערן באפרייט דורך די פארשטייער פון אונדזער רעגירונג. איצט וויל, אין נאמען פון סוווערענעם אמעריקאנער פאלק, די רעגירונג באשמוצן דעם גוטן רוף פון אונדזער לאנד מיטן בלוט פון די ראזענבערגס. מיר האפן, אז דאס פאלק וועט אויפהייבן אן אלארעם־געשריי קעגן אט דער נייער און ערנסטער סאקאנע, וואס דראט איינצושלינגען מיליאנען קארבאנעס, אנהייבנדיק מיט דער פאראורטיילונג פון צוויי אומשולדיקע אמעריקאנער.

איצט איז דער איניען ארוים אין דער עפנטלעכקייט, פאר די אויגן פון אלעמען. דאס יוסטיץ־מיניסטעריום האט באהאלטן פארן פרעזידענט און פאר דער עפנטלעכקייט דעם רוף צו גענאד פונעם פויפסט. עס האט באהאלטן פאר דער עפנטלעכקייט דעם עמעסן פארלויף פונעם פראצעס און די עמעסע געפילן פון מיליאנען מענטשן. פון אנהייב אן האט דאס יוסטיץ־מיניסטעריום נאכגעפאלגט אט דעם פלאן און זיין פארשווערונג קעגן אונדז. מען האט זיך צוגעאיילט צו לאזן אונטערשרייבן דעם פרעזידענט די דעקלאראציע, קעדיי צו פארווישן פולשטענדיק אט די מאנסטעריעזע ארויספאדערונג קעגן דער יוסטיץ, וואס צוויי אומשולדיקע אמעריקאנער זיינען קארבאנעס פון דעם. שטענדיק אייער

יוליוס.

# „כ׳וועל קיינמאָל ניט קאַפּיטולירן פאַרן שעקער"

יוליוס צו עטל.

15טער פעברואַר 1953.

מײַן טײַערע, ליבע עטל:

אין מיטן פון דער צערודערונג און אויפרעגונג פונעם באַזוך פון די קינדער און פון דער גיכקייט מיט וועלכער ס׳הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אונדזער איניען, האָב איך ניט געהאַט קיין צײַט דיר צו זאָגן, אַז דו ביסט רייצנד און אַז כ׳האָב דיך אַזוי ליב. נעמענדיק אין באַטראַכט די באַדינגונגען, האָבן מיר זיך גוט געהאַלטן און ניט פאַרלוירן אונדזער צײַט. (געמיינט בעיים דער זעונג מיט די קינדער — רעד.).

ווי וואונדערבאַר איז עס, טראָץ דער שווערער אַטמאָספערע, צו זײַן אָט אַזוי צוזאַמען ווי אַ גליקלעכע פאַמיליע. דאָס איז ווערט אַלע קאָר־באָנעס. די קינדער זײַנען אַף אַ בעסערן וועג. מיכאַעל איז געזונטער, אָבער כ׳בין איבערצײַגט, אַז אונדזער קליינטשיקער דאַרף האָבן אַ סאַך הילף. ביידע זײַנען פיזיש דערשעפּט און כ׳פּיל, אַז אַ צו גרויסע לאַסט דריקט אַף זייער גײַסט. צי קענען דען די מענטשן בעעמעס באַגרײַפן, אַז אונ־דזער גאַנץ האַרץ קומט צום אויסדרוק אין אונדזערע רייד און אונדזערע מײַסים? אין די אויגן פון די, וואָס זעען דעם עמעס, איז אונדזער האַל־טונג אַ גוטע און אַ שיינע. אין די אויגן פון די, וואָס האָסן אונדז, איז זי „אַ פּראָוואָצירנדיקע און אַראָגאַנטע".

טראָץ דער פאַרביטערטקייט פונעם קאַמף, האָב איך נאָך צוטרוי. כ׳וועל קיינמאָל ניט קאַפּיטולירן פאַר די שקאָרים און פאַר דער אומער־לעכקייט. ווי באַלד נאָר מיר דערפילן אונדזער פליכט לעגאַבע אונדזערע קינדער און לעגאַבע די מענטשן מיט גוטן ווילן, איז קיין שום אַנדערע זאַך ניט וויכטיק. מיר מוזן זיך שטיצן אַפן גרויסן קויעד, וועלכן ס׳גיט אונדז די ענגע פאַרבינדונג פון אונדזערע הערצער און נעשאַמעס, קעדיי צו געפינען דעם נייטיקן אַנשפּאַר, וועלכער וועט אונדז דערלויבן צו באַ־געגענען דאָס, וואָס דערוואַרט אונדז.

מײַן ליבע צו דיר וועט ניט האָבן קיין סאָף. גענוג צו טראַכטן וועגן דיר, קעדיי מײַן צעוויטיקט האַרץ זאָל געפינען אַ טרייסט. טאָמיד דײַנער

יוליוס.

# „די אונטערשטיצונג מיצד די מענטשן מיט גוטן ווילן אין גאר דער וועלט גיט מיר קויעך"

יוליוס צו עטל.

19טער פעברואר 1953.

א גוט־מארגן, מיין ליבסטע:

דו פעלסט מיר. אזוי ווי מיר האבן נאך א ביסל צייט, מיין איך, אז מיר דארפן פארזעצן אונדזערע פלענער פאר די קינדער און טייקעף זיך נעמען צו דעם. דו פארשטייסט. מען האט געווארט פון איין מאמענט צום אנדערן אף דער אנטשיידונג און אלעמענס אויפמערקזאמקייט איז געווען געוואנדן אפן אוממיטלבארן ציל, די פראגע פון לעבן אדער טויט. אבער ווי דו זאגסט, מיר דארפן פארזעצן אויסצוארבעטן די פלענער און צו לעבן און כ'וועל צוזאמען מיט דיר באשטיין, מען זאל גיך און ערנסט שטודירן די דאזיקע פראגע.

מיר דארפן אויסארבעטן פלענער בענוגייע זייער געזונט, זייער דערציונג, זייער לעבנס־שטייגער, סוויווע אא"וו. כ'בין איבערצייגט, אז אויב מיר וועלן האבן געלאזט אין גאנג א פאזיטיוון פלאן, וועלן מיר זיך פילן א סאך רויקער, און באפרייט פון א גרויסן אומרו, באזונדערס ווען עס וועט קומען דער טאג פון דער אנטשיידונג.

אונדזערע זעונגען וועלן פון איצטער אן זיין זייער וויכטיק. מיר גיבן זיך אפ דין וועכעשבן, אז אין דער נאענטסטער צוקונפט וועט די פראגע צו פארזיכערן א נארמאל לעבן פאר אונדזערע קינדער נאך זיין א קאמפליצירטע. און צו דעם זיינען מיר נאך פארנומען מיטן יורידישן קאמף און מיט אונדזערע פערזענלעכע שוועריקייטן.

אנדערע אנגעקלאגטע, וועלכע פארטיידיקן זיך צוזאמען, לעבן איינער לעבן אנדערן און קענען רעגלמעסיק דיסקוטירן איבער זייער איניען, האבן די מעגלעכקייט זיך איינע די אנדערע צו העלפן. אבער אזוי ווי דו ביסט א פרוי, און מיין פרוי, לאזט מען אונדז זיך זען נאר 2 שא א וואך. אלע האבן דא דאס רעכט אף צוויי באזוכן א וואך פון 10 ביז 12 און פון 1.30 ביז 3.30. דאס מאכט אוים קימאט אכט שא א וואך פלוס צוויי 2שאעדיקע באזוכן איין מאל א כוידעש זונטיק. יא, כ'פארשטיי די טעכנישע שוועריקייטן, וואס דאס וואלט אויפגעהויבן, אבער מיין פארלאנג איז אזוי שטארק, אז מען וואלט מיך — כ'מיין עס ערנסט — באדארפט אויך אריבערפירן אין דער פרויען־אפטיילונג.

ווייסטו, מיין טייערע, אז ס'איז מיר שווער צו רעאליזירן, דאס מיר זיינען נאך דא נאך אזויפיל לאנגע כאדאשים. ערגעץ ווו מיט א לאנגער

צײַט צוריק האָב איך געפירט אַ נאָרמאַל לעבן מיט אַ כּיינעוודיקער פרוי און צוויי שיינע קינדער און איצט איז אַלץ געענדיקט און מיר וואַרטן אַפן טויט. אין פּאַרט איז פאַראַן אינעם קוש פון אַ פרוי און אין דער וואַרעמער אומאַרעמונג פון אַ זון אַ צוזאָג פון אַ צוריקקער צום שיינעם לעבן. כ׳וויים עס. און דעמאָלט וועלן מיר זײַן נאָך אַזויפיל מאָל גליק־לעכער, ווען מיר וועלן זײַן ווידער צוזאַמען. אָט דער דאָזיקער מענטש־לעכער קויעד און די אונטערשטיצונג מיצאַד די מענטשן מיט גוטן ווילן פון גאַר דער וועלט לאָזט מיך קעמפן מיט אַזויפיל אַקשאָנעס פאַרן זיג.

דײַן מאַן

יוליוס.

# „די מאָראַלישע אַנגסט פון די סאָנים"

יוליוס צום פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט בלאָך, נאָך אַ רעבילעס־אַרטיקל פון אַ געוויסן ליאָנס אין „ניו־יאָרק פּאָסט" וועגן קלוימערשטע „אומ־פרײַנטלעכע דערקלערונגען" פון ראָזענבערגן איבער אַ ראָוו.

23טער פעברואַר 1953.

מײַן טײַערער מאַני:

כ׳האָב צוערשט געמיינט, אַז דער רעבילעס־אַרטיקל פון ליאָנס איז געווען אַן איינצל־פאַל. איצט בין איך זיכער, אַז דאָס איז אַ טייל פון אַ קעגן אונדז געוואָרפענע קאַמפּאַניע. מען געפינט אין אים דעם זעלבן כאַראַקטער פון ליגנס, וואָס האָט אויסגעצייכנט די גאַנצע יורידישע אַק־ציע און די פּראָפּאַגאַנדע קעגן אונדז.

צוערשט ליאָנס, דערנאָך ווינטשעל אין זײַן ראַדיאָ־פּראָגראַם פון זונ־טיק אָוונט און אין זײַן אַרטיקל פון מאָנטיק האָבן דערציילט אָט די נײַע ליגנס. ס׳איז מיר קלאָר, אַז דאָס איז אַ נײַער פאַרצווייפלטער פּרוּוו פון אונדזערע סאָנים אַנטקעגנצושטעלן אַ דאַמבע קעגן דער וואַקסנדיקער כוואַליע פון מענטשן, וועלכע שטעמפּלען דעם דאָזיקן יוסטיץ־טאָעס און פאַרלאַנגען אונדזער באַגנאַדיקונג. נאַטירלעך פּאַסט עס זיך אַרײַן (די ליגנס פון ליאָנס און ווינטשעל — רעד.) צו דער האַס־קאַמפּאַניע, וועלכע מען פירט איצט, קעדיי צו פאַרבינדן קאָמוניזם מיט אַנטיסעמיטיזם. און איצט גיט מען צו די ראָזענבערגס.

מיר גיבן זיי קלעפּ, מאַני, און אָט דאָס דערקלערט זייערע אומזיניקע זשעסטן. אַזעלכע זאַכן דריקן אויס זייער מאָראַלישע אַנגסט. כ׳וואַרט אַף נײַעס וועגן פּאָזיטיווע מײַסים.

מיר האָבן באַקומען אַ בעעמעס רייִדנדיקן בריוו פון אונדזערע קינ־דער און כ'בין געווען טיף גערירט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז אַן אי־טאַליעניש שטעטל, ווו קימאַט אַלע זייִנען אַרבעטלאָז, האָט צוגעשיקט פאַר די קינדער אַ פּעקל זיסקייטן און אַ קליינעם שפּיל־קעסטל. דער געדאַנק, וועלכער האָט אינספּירירט די דאָזיקע מאַטאָנעס, ווייִזט גוט די גאַנצע שיינקייט וואָס איז פאַראַן אין מענטשלעכן האַרצן. די צאָלרייכע דערמו־טיקונג־בריוו, די דערקלערונגען, וועלכע קומען פון גאַר דער וועלט, זאָגן אייִדעס וועגן דער עמעסער מענטשלעכער ברידערלעכקייט. מיר האָבן וואָס מען דאַרף, קעדיי צו געווינען די שלאַכט. דאָס פאָלק האָט טאָמיד דאָס לעצטע וואָרט.

**אײַער**

יוליוס.

## „אונדזער פּראָצעס איז אַ פּאָליטיש וואָפן"

יוליוס צו אַדוואָקאַט בלאָך, בעייס דער רעכילעס־קאַמפּאַניע אין די ניו־יאָרקער צייִטונגען, אַז ער זאָל האָבן געמאַכט דערקלערונגען קעגן דער ייִדישער רעליגיע.

25טער פעברואַר 1953.

מייִערער מאַני:

מיר האַלטן פעסט — דאָס איז אַ גרונט־פּרינציפּ פון אונדזער לעבנס־פילאָזאָפיע — פון דער גלייִכהייט און פון דער פרייִהייט פון רעליגיע. דע־ריבער האָבן די מאָנסטעריעזע שקאָרים פון ליאָנס און פון ווינטשעל אַזוי אונדז אויפגעבראַכט.

אין סינג־סינג זייִנען עטל און איך געווען אַנוועזנד אויף אַלע רעלי־גיעזע צערעמאָניעס, וואָס ס'האָט דורכגעפירט דער טפיסע־ראָוו און איך האָב גערעדט מיטן ראָוו יעדער מאָל, ווען ער איז געקומען אין דער אָפּ־טיילונג פון די פאַרמישפּעטע. מיר האָבן דיסקוטירט וועגן אָט די רעכי־לעס. אויך ער (דער ראָוו) איז אויפגעשווידערט איבער דער בייזקייט פון די דאָזיקע זשורנאַליסטן. זינט דעם כ'בין דאָ, האָט אויך דער קאַטוילי־שער טפיסע־גאַלעך, טאָמאַס זש. דאָנאָוואַן, זיך מיט מיר באַקענט. ער האַלט די באַבע־מייִסעס פון די צייִטונגען פאַר אַ סקאַנדאַל און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ קיין מינדסטער סימען, כ'זאָל האָבן אָנגענו־מען אַזאַ האַלטונג. די דאָזיקע ביידע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן און די דירעקציע פון דער טפיסע וועלן קענען אייִדעס זאָגן, אַז כ'האָב זיך גוט

אויפגעפירט אין מײַנע באַציִונגען מיט אַלע מענטשן פון דאָ, און דעריקער, אַז כ'האָב באַוויזן דורך מײַנע רייד און דורך מײַנע מעשׂים, אַז כ'בין ניט אַנטי־רעליגיעז. זיי קענען באַשטעטיקן, אַז יעדער פּאַטריאָטישער, רעליגיעזער צי ראַסיסטישער פאַנאַטיזם, וואָס זאָל מיר אינספּירירן פײַנטשאַפט קעגן וועמען ניט איז, איז מיר לאַבסאָלוטן פרעמד.

טײַערער פרײַנט, דערפאַר וואָס כ'בין טראָגן מײַן אומשולד פּאַרמישפּעט צום טויט, דערפאַר קרייציקט מען מיך אַף אַזאַ אויפן.

אין אַן אַרטיקל פון 25טן פעברואַר דערציילט די „ניו־יאָרק טײַמס", אַז מיסטער ליין (מיילס דזש. ליין, וויצע־פּראָקוראָר אינעם ראָזענבערג־פּראָצעס—רעד.) האָט געהאַלטן אַ רעדע, אַף אַ באַנקעט אין ליאָנס־קלוב אין ניו־יאָרק, און האָט געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון דער דאָזיקער רעדע דעם ראָזענבערג־איניען.

די לעצטע פראַזע פון דער רעדע איז כאַראַקטעריסטיש: „די רויטע דאַרפן אַנגרײַפן אונדזער לעבן, טאַ לאָמיר צוערשט זיי אַוועקנעמען זייער לעבן". ער האָט אויך דערקלערט, אַז ער האָפט דאָס די אַמעריקאַנער וועלן ניט בלײַבן גלײַכגילטיק לעגאַבע דער געפאַר פון קאָמוניסטישן אינפילטרירן זיך, און אַז דער דאָזיקער פּראָצעס וועט עס ניט צולאָזן. אַזוי אַרום זעט מען, פאַרוואָס ער האָט געהאָלפן צוזאַמענשטעלן אַ באַשולדיקונג קעגן צוויי אומשולדיקע: קעדיי אויסצונוצן דעם פּראָצעס ווי אַ פּאָליטישן וואָפן קעגן די קעגנער וואָס די לײַט פון אַזאַ מין באַצייכענען אַלס קאָמוניסטן.

אַגעוו, האָב איך זיך ווידער אַבאָנירט אַף „ניו־יאָרק טײַמס" אַף דרײַ כאָדאָשים.

כ'גלייב אויפריכטיק, אַז די בעסטע זאַך, וואָס האָט אונדז פּאַסירט זינטן אָנהייבן פון פּראָצעס, איז דאָס, וואָס מיר האָבן אײַך געטראָפן און געפונען אין אײַך אַ טרײַען פרײַנט.

יוליוס.

## „די יידישע קולטור איז אַ טייל פון אונדזער וועזן, פון אונדזער בלוט"

יוליוס צו עטל.

26טן פעברואַר 1953.

מײַן טײַערסטע עטל:

עס זײַנען דאָ מאָמענטן, ווען כ'פיל זיך פול מיט ענערגיע, אַרבעט אַ סאַך, בין גליקלעך צו קעמפן קעגן דער טיראַניע און בין צופרידן מיט



ד״ר עמאַנועל בלאָך מיט מיכאַעל און ראָבי ראָזענבערג

זיך. א שמועס מיט דיר, מיט מאַני, מיט די קינדער, צי מיט דער פאַמי־ליע, עטלעכע גוטע נײַעס שטאַרקן מײַן מוט און האַלטן אויף מײַן מאָראַל. אָבער דאָס איז ניט גענוג. ווײַל כ'קען דאָך ניט צוריקקומען אַהיים צו דיר און די קינדער. דעמאָלט פֿיל איך צומאָל אַ גרויסע ליידיקייט, אַ גרויסן פּײַן און מײַן האַרץ טוט מיר וויי.

די ביכער זײַנען אַ ווונדערבאַרע דערפֿינדונג. עס גelingט זיי מיך אינדערעמעסן צו אַבסאָרבירן. זיי פֿירן מיך אַוועק ווײַט פֿון דאַנען, גיבן מיר אַן אָנגענעמע צעשטרײַונג, אַ מאָראַלישע שטאַרקונג און גײַסטיקן שטאָף. איך לייען איצט אַ בוך פֿון ראַרבעס — די געשיכטע פֿון טעכנאָ־לאָגיע און פֿון דערפֿינדונגען און זייער אײַנפֿלוס אַף דער ציוויליזאַציע. אַן אינטערעסאַנט בוך. און דאַן, ווען כ'ליי אַוועק דאָס בוך, דוכט זיך מיר, אַז די ווענט קומען זיך ווידער צונויף אַרום מיר און די קראַטעס דריקן מיך צוזאַמען. זיי שטרײַכן אונטער דעם שאַרפֿן קאָנטראַסט צווישן גיכן פּראָגרעס אַפֿן געביט פֿון דער טעכניק און דעם אַרכאַישן און באַר־באַרישן כאַראַקטער פֿון איצטיקן גײַסטיקן און מאָראַלישן לעבן. דער, וואָס איז אומפֿעיִק צו זען, צו פֿילן און צו פֿאַרשטיין דעם באַהאַלטענעם זין פֿון די ווערטער, פֿון די פֿאָרמען און פֿון דער געזעלשאַפֿט, קען גאָר ניט האָבן פֿונעם לעבן. ווײַל, קעדיי צו באַגרײַפֿן די עמעסע שיינקייט פֿונעם לעבן, דאַרף מען זיך באַטייליקן אינעם פּראָגרעס פֿון דער מענטש־הייט.

מיר דאַרפֿן זײַן דאַנקבאַר פֿאַר אַט דעם כאַראַקטער־שטריך, וואָס מיר ביידע האָבן: בײַ אונדזער גאַנצער צוגעבונדנקייט צו די קליינע זאַכן, זײַנען מיר פֿאַרט פֿעיִק ניט צו פֿאַרלירן פֿון אויג דאָס גאַנצע, די גאַנצע לאַגע, פֿעיִק קלאָר צו פֿאַרשטיין די פּערספּעקטיוו און אויפֿצוהיטן אַ פֿעסטן גלײַכגעוויכט. אַ, טײַערע מײַנע, דער גײַסט און דאָס האַרץ וועלן ניט האָבן קיין באַפֿרידיקונג, קאָלזמאַן עס וועלן ניט דערפֿילט זײַן די מינימאַלע באַדינגונגען פֿון אינטימיטעט, פֿון וועלכער מיר האָבן צוזאַמען געמאַכט די דערפֿאַרונג. כ'וויל אַזוי טיילן מיט דיר די פּאַשעטסטע זאַכן, די סאַמע קלענסטע און, נאַטירלעך, מײַן גאַנצע ליבע.

די יערושע פֿון אונדזער העברעיִשער קולטור האָט געדינט אונדזער פֿאָלק בעמעשעך פֿון יאָרהונדערטער און מיר האָבן פֿון איר אויפֿגעהיט ניט ווייניק לערעס. זי איז אַ טייל פֿון אונדזער בלוט און מיר קעמפֿן פֿאַר אַ פֿרײַערן, פּרוכטבאַרערן, בעסערן לעבן. דאָס, וואָס מיר זײַנען, וואָס מיר באַזיצן, קיינער קען עס אונדז ניט אַוועקנעמען, אַפֿילע צעשיידנדיק אונדז איינעם פֿון צווייטן און דראָענדיק אונדז מיטן טויט. מיר דוכט זיך, אַז אונדזער לאַסט וואָלט געווען ווייניקער שווער, אויב מיר וואָלטן

ניט אַזוי טיף געפילט, אויב מיר וואָלטן ניט געהאַט אַזאַ קלאָרן באַוווּסט־זיין וועגן אונדזער איניען און זיין באַדייטונג. פונדעסטוועגן בין איך זי־כער, אַז מיר וואָלטן ניט געוואָלט, עס זאָל זיין אַנדערש.

אַזוי ווי מיר האָבן עס געטאָן ביז איצט, אַזוי וועלן מיר אויך פאַר־זעצן אין דער צוקונפט בייצוטראָגן צום פּראָגרעס, טראָץ די שוועריקייטן, אַף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן. אַט דעריבער באַנוצן אונדזערע סאָנים די העסלעכסטע מיטלען קעגן אונדז — ווייל זיי קענען אונדז ניט צוויינ־גען. די גאַנצע ליבע פון מיין האַרץ פאַר דיר.

דיין איבערגעגעבענער מאַן

יוליוס.

יוליוס צום אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך.

5טער מאַרץ 1953.

טייערער מאַני:

דעם 10טן מערץ איז מיכאַעלס געבוירן געוואָרן. ער ווערט אַלט 10 יאָר און מיר האָבן טאָמיד געפייערט די דאָזיקע דאַטע און געגעבן די ביידע קינדער מאַטאָנעס און געטאָן אַלץ, קעדיי זיי זאָלן זיין גליקלעך און צופרידן. באַזונדערס אין איצטיקן מאָמענט פילן מיר, אַז מען מוז מאַכן אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג, קעדיי צו געבן אונדזערע קינדער אַ נייעם באַווייז פון ליבע, פון פאַרשטענדעניש און אויפוועקן צוריק זייער גלויבן אין דער צוקונפט. דערמאָנט די דאָזיקע דאַטע מיין פאַמיליע, אויב זיי זאָלן עס האָבן פאַרגעסן, ווייל איך וויים, אַז זיי ווילן עפּעס מאַכן פאַר מיקי און ראָבי. אויב מעגלעך גיט זיי אויך אַ וועלכע ניט איז מאַ־טאָנע אין אונדזער נאָמען. עטל שלאָגט פאָר צו לאָזן פאַרגרעסערן אונ־דזערס אַ פאָטאָגראַפיע.

איך וויל אייך זאָגן, ווי שטאַרק כ׳בין געווען געריהרט דורכן ברי־דערלעכן און וויבריראַנדיקן מעסעדזש פון פאָל ווילאַר, אַז עמעסער זון פון פראַנצויזישן פאָלק, וואָס האָט אַזוי ליב די פרייהייט... דאָס דערמו־טיקט, ווען מען באַקומט אַזאַ צייכן פון כאַווערישקייט און פריינטשאַפט פון מיליאָנען מענטשן אין פראַנקרייך. קאָלזמאָן דאָס וועלט־געוויסן וועט מאַניפעסטירן אַף אַזאַ אויפן זיין אויפריכטיקייט און ברידערלעכקייט, וועלן דער שאָלעם און די פרייהייט אַף דער ערד זיין געזיכערט און די ראָזענבערגס וועלן זיין געראַטעוועט...

די וועלט שטייט ערעוו צאָלרייכע אַנטשיידונגען און עס האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז צוויי אומבאַדייטנדיקע לעבנס זיינען פאַרבונדן מיט

אַט די גרויסע געשעענישן. דעריקער איז, מיר זאָלן קעמפן אַף דער זײַט פונעם פאָלק פאַר אַלץ, וואָס פאַרזיכערט אַ בעסער און פרוכטבאַר לעבן און דעם שאָלעם.

שטענדיק אײַער

יוליוס.

יוליוס צו עטל.

8טער מאַרץ 1953.

מײַן פאַרגעטערטע עטל:

דעם 10טן מאַרץ וועט זײַן צען יאָר, ווי דו האָסט געבוירן אונדזער בכאָר. איך בין שטאָלץ אַף אונדזער פאַמיליע, טײַערע עטל, און טראָץ אַלע שוועריקייטן וואַקסן אויף אונדזערע קינדער אין געהעריקע באַדינ־גונגען. איך וויל, מײַן געליבטע, דו זאָלסט אַפּסניי וויסן, אַז איך ליב דיך מיט מײַן גאַנצן וועזן. איך בין ניט גליקלעך איבער דער גרויליקער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך, אָבער איך בין צופרידן איבער אונדזער אומדערשיטערלעכער טרײַקייט צו אונדזערע פּרינציפּן און איבערן שאַרפן קאַמף, וואָס מיר האָבן געפירט, קעדיי צו באַווײַזן אונדזער אומשולד. מײַן ליבע צו דיר איז טיף, אומווידערשטיילעך און אונדזער צעשיידונג פּײַניקט מיך שרעקלעך. עס איז מיר גענוג צו טראַכטן וועגן אונדזער ליבע, אונדזער צערטלעכקייט, אונדזער געמיינזאַם לעבן, וועגן דער ענגער פאַרבינדונג פון אונדזערע הערצער און פון אונדזערע באַגערן, וועגן דער גרויסער האָפענונג פון דער צוקונפט, קעדיי צו בלײַבן זעלבסטבאַהערשט און ניט צו פאַרלירן דעם צוטרוי.

באַ דער געלעגנהייט דאַרף מען באַמערקן, אַז אונדזערע זין וואַקסן גוט, אַז אונדזערע פרײַנט טוען אַלץ, וואָס זיי קענען, קעדיי צו פאַרזי־כערן זייער נאָרמאַלע אַנטוויקלונג. און אויך, אַז די מענטשן צו וועלכע מיר האָבן געוואָנדן אונדזער צוטרוי, אונטערשטיצן אונדז און נעמען זיך אָן פאַר אונדז. דאָס באַווײַזט די ווירקזאַמקייט פון אונדזערע פּרינציפּן און די רעאַלע ווערט פון דער מענטשלעכער ברידערלעכקייט. אַזוי לעבן — דאָס לוינט בעטעמעס. סאָף־קאָל־סאָף די איינציקע זאַך וואָס ציילט איז, אַז מען זאָל פאַרזעצן צו קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט, דער מענטשלעכער ווירדע, דער פאַרשטענדעניש, דער דעמאָקראַטיע און דעם שאָלעם. אַפילע אין אַט דעם שוידערלעכן אָרט, ווו מיר זײַנען, קענען מיר בײַטראָגן צום פּראָגרעס. טראָץ די שוועריקייטן וועלן דער עמעס און די מאָראַל העלפן און וועלן ווירקן לטוויוועס דעם אַלגעמיינעם וווּיל.

די קריטישע צײַטן וואָס מיר לעבן דורך פאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלן אויפהאַלטן דעם צוטרוי צו זיך גופא און צו די אַנדערע און אַז מיר זאָלן האָבן אַ קלאָרן בליק אויף דער לאַגע, קעדיי גענוי צו זען אונדזער פליכט. דו ווייסט האָבן באַמערקט, ווי שטאַרק דער סוינע באַמיט זיך צו פאַרבינדן אונדזער פּראָצעס מיט אַלע וויכטיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועלכע ער דאַרף לייזן. מיר דאַרפן דאָס סימבאָליזירן פאַר דער אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטסטע קרײַזן. אויב איך וואָלט געדאַרפט רעאַגירן באַ יעדער נײַער ווענדונג פון דער קאַמפּאַניע קעגן אונדז, וואָלט איך יעדן טאָג געשריבן גאַנצע פּעק בריוו. איך האָב דיסקוטירט מיט דיר יעדן איינצלנעם וויכטיקן פאַקט און ווען איך קען ניט שרײַבן צו מאַני, גרייט איך צו נאָטיצן פאַר אונדזער קומענדיקער קאָנסולטאַציע.

איך שיק אַ געבורטס־טאָג בריוו צו די קינדער. איך האָף, אַז דאָס וועט זיי אַנטאָן פאַרגעניגן. עס איז שווער זיי צו שרײַבן מיט אַט די געפילן וואָס איך האָב. כ'האָב מיך אָבער אַ פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט, קעדיי צו טראַכטן וועגן אונדז, ווי מיר זײַנען געווען אין דער היים. די קינדער שפּילן זיך אָפּן דיל מיט זייערע שפּילצײַג און מיר זיצן אויפן דיוואַן, גענימענדיק פון אַט דער פרײַנטשאַפטלעכער וואַרעמקייט פון אונדזער מישפּאָכע־קרײַז און געבנדיק זיך פון צײַט צו צײַט אַ קוש. מײַן טײַערע, מיר וועלן עס נאָך דערגרייכן. דאָס רעכט איז אויף אונדזער זײַט. אונדזער ווילן איז פעסט און אַכוץ דעם איז עס דער איינציקער וועג, וואָס פירט אונדז צו גערעכטיקייט און צו גליק.

דו ווייסט, מײַן פרוי, איך בין מעשוגע נאָך דיר, און נאָך די קינדער. כ'קען גאָרניט זיך מער דערוואַרטן, ביז איך וועל דיך ווידער זען. איך קלער אָן אויפהער וועגן דיר און וועגן די קינדער. אַ גוטע נאַכט, מײַן ליבלעך ווײַב. ווי טאָמיד דײַן ליבנדיקער מאַן

**יוליוס.**

יוליוס צו עטל.

12טער מאַרץ 1953.

מײַן טײַערע עטל:

אין די בריוו פון מיכאעל און פון מײַן שוועסטער קלינגט אַ שטאַרקער טאָן פון האָפענונג און עס איז בעעמעס וווּנדערבאַר צו זען, ווי שטאַרק די מענטשן וואָס אַרבעטן פאַר אַ גוטער זאַך, קענען זײַן באַגײַסטערט און מוטיק. די פרוכטבאַרסטע רעזולטאַטן זײַנען טאַקע צו פאַרדאַנקען די מײַסים, וואָס זײַנען מאָטיווירט דורך אַ פאָלקאָמענער פאַרשטענ־

דעניש פון דער לאגע און א קלארערע קענטעניש פון די צילן, וועלכע מען וויל דערגרייכן. קוידעמקאל מוז איך זאגן, אז מיר זיינען גערירט און פילן זיך באערט דורך דער פריינטלעכקייט, וואס ס׳האבן ארויסגעוויזן צו אונ־דזערע קינדער און צו מיין פאמיליע, מענטשן פון גאר דער וועלט. עס איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק, אז וואס מער מענטשן זאלן פארשטיין, אז דער שאלעם און די פרייהייט זיינען די איקערדיקסטע צילן און אז זיי זאלן זיין אויפמערקזאם צו אלע געשעענישן — אזעלכע ווי אונדזער פראצעס—וואס זיינען אן אינטעגראלער טייל פון א צענטראלער פראבלעם, פאר וועלכן די וועלט געפינט זיך. מיר, וואס קעמפן פאר אונדזער לעבן, מיר קענען בלויז בעטן די מעגלעכקייט פארצוזעצן די ארבעט פאר אט דער גערעכטער זאך.

האגאם איך האב זיך אפגעהאלטן צו שרייבן אין די לעצטע וואכן, בעמעשעך פון וועלכע איך האב פארדייט אלץ וואס כ׳האב געלייענט, קען איך זיך ניט איינהאלטן ניט צו קאמענטירן א לאגע, וואס ווערט לויט מיין מיינונג, טאמיד געפערלעכער. די גאנצע פרעסע פירט קעגן אונדז פראקטיש א שאוויניסטישע קאמפאניע, אפענע קריגס־העצערישע דעקלא־ראציעס, ציימונגס־ארטיקלען פול מיט א טונקעלער מישונג פון אנט־קעגנגעזעצטע נייעס. דאס אלץ האט געמוזט מעבולבל מאכן דעם אוילעם. ווייל עס מוז זיין פארן פאשעטן מענטש פון א גאנץ יאר זייער שווער ארויסצוציען פון אט דער לעקטור א בילד וועגן די פאקטן, וואס ער מוז האבן קעדיי צו פארשטיין, וואס עס קומט פאר און קעגן וואס ער מוז זיך אקעגנשטעלן. מיר דוכט זיך, אז די אויפגאבע וואס עס דארפן דער־פילן די פראגרעסיווע מענטשן, די מענער און פרויען מיט גוטן ווילן, איז צוליב דעם נאך א שווערערע, אבער נאך א דרינגענדיקערע.

א, מיין טייערע, איך פיל זיך אזוי בארויבט פון מיינע רעכט. איך וואלט געוואלט אפשטעלן אף דער גאס א מענטשן, גאנץ גלייך וועלכן און מיט אים ריידן. ווייל איך בין זיכער, אז עס וואלט מיר געווען גאר לייכט זיך מיט אים צו פארשטענדיקן וועגן אונדזערע געמיינזאמע אינ־טערעסן.

איין זאך איז זיכער: איך האב געהערט און געלייענט אזויפיל שיינע פראזן און הויכע פרינציפן און אזויפיל לאנגע דיסערטאציעס. פוסטע ווערטער זיינען דאס, באזירט אף פאלשע האנאכעס, וואס פירן צו רעאק־ציע, צו עלנט, צו מילכאמע — טאמיד אונטערן טערעץ פאר פארטיידיקן דעם שאלעם און די „פרייע וועלט". עס איז גענוג צו גדענקען די אינ־דיווידועלע מייסים און די איבערצייגונג וואס דוכט זיך, דאס זי איז קלור־מערשט אין סטירע צו די פאקטן, אז די מענטשן וועלן פארט ראטעווען

דעם שאָלעם, קעדיי אויפריכטיק צו גלייבן, אַז זיי וועלן העלפן אונדז צו ראַטעווען.

דו ווייסט גוט, וויאַזוי דו פעלסט מיר און אַז איך ליב דיך פון גאַנצן האַרצן. טאָמיד דיינער, דיין מאַן

יוליוס.

## יוליוס צו עטל.

15טער מאַרץ 1953.

מיין טייערסטע:

דו קענסט זיך פאָרשטעלן מיין אומרו בעיסן פיינלעכן באַזוך (די זעונג צווישן עטל און איר מוטער — רעד.) אָבער לויט דעם ווי איך האָב פאַרשטאַנען, האָסטו אים גוט באַשטאַנען.

מיר, וואָס האָבן אַ ריין געוויסן און ערלעכע געפילן, מיר מוזן נאָך אַריבערטראָגן אַזעלכע פייניקונגען, קעדיי צו פאַרטיידיקן אונדזערע פרינציפּן. אין איצטיקן מאָמענט זיינען מיר אַף די פאָדערשטע ליניעס פון אַן אַנטשיידנדיקער שלאַכט און איך בין איבערצייגט, אַז מיר וועלן אויך ווייטער געפינען דעם מוט צו בלייבן פעסט, טראָץ דעם שוידערלעכן דרוק וואָס מען איבט אויס אַף אונדז. פאַר אָנשטענדיקע מענטשן איז עס שווער צו גלייבן, אַז מען ווענדט אָן לעגאַלע אונדזער גייסט און אונדזער האַרץ אָנגריף-מיטלען פון באַרבאַרישן טעראָר. דער ציוויליזירטער גייסט רעוואָלטירט זיך קעגן אַזעלכע מעטאָדן. די, וואָס זיינען ניט בלינד, דאַרפן פאַרשטיין די פּאָליטישע לעקציע, וועלכע ווערט זיי דאָ געגעבן: אַז נאָר די אָרגאַניזאַציע פון דער אָפּאָזיציע קעגן די סינע-העצער קען ראַטעווען דעם שאָלעם און די פרייהייט.

אַ, מיין טייערסטע, איך ליב דיך אַזוי און וויל אַזוי זיין מיט דיר. שטעל דיר פאָר, אַז זיי האָבן ניט דעם מוט מיר צו בליקן אין פּנעם. דיין פאַמיליע האָט אַפילע ניט פּרובירט מיך צו זען. זיי דאַרפן אָפּוואַרטן צוגאָבלעכע אינסטרוקציעס פון פ. ב. איי. (אַמעריקאַנער געהיים-פּאָליציי — רעד.), אָדער פון פּראָקוראָר, איידער זיי וועלן ריזיקירן מיר פאַרצולייגן זייערע געמיינע געשעפטן. האָגאָם איך קען ניט די פּראָטים, וויל איך דיך באַגריסן פאַרן אויפן ווי דו האָסט זיך באַנומען.

דו ווייסט, מיין ליבסטע, טראָץ דער וואַקסנדיקער צערודערונג אין דער וועלט-לאַגע, פיל איך זיך אויך ווייטער רויִק, ווייל איך בין פאַראַנקערט אין דער איבערצייגונג, אַז דאָס רעכט איז אַף אונדזער זייט און אַז מיר שפּילן אַ ראָל אינעם קאַמף. איך לייד אָבער שרעקלעך פון וואַקסנ-

דיקער באַומרויִקונג וועגן דיר און וועגן די קינדער. איך מיין אָבער, אַז דאָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך. מיר האָבן ניט פאָרויסגעזען נאָך אַ באַזוך פון די קינדער, אָבער איך מיין, אַז מיר וועלן האָבן דאָס רעכט זיי צו זען, ווען מאַני וועט איבערגעבן אונדזער באַגנעדיקונגס־באַקאַשע. טראַכט וועגן דעם און זע זיך איינצואָרדענען, מיר זאָלן האָבן נאָך אַ באַזוך, איידער מיר וועלן זיך דערוויסן וועגן דער אַנטשיידונג פון העכסטן גע־ריכט. איך פאַרגעטער דיך, עטל, מיַין ליב ווייַב, איך אומאַרעם דיך, דיַין

יוליוס.

## יוליוס צו עטל.

19טער מאַרץ 1953.

געליבטע פון מיַין האַרץ:

נאָך צוויי טעג און דער קאַפּריז פון אַ יונגנמאַן וועט ווערן אַ ליבע. אַלץ קומט צו דער ציַיט. אַט איז ווידער די שיינע ציַיט פון יאָר מיט קלאָרע, זוניקע טעג, וואָס מאַכן גיכער קלאַפּן דאָס האַרץ, דערפרישן דעם גיַיסט און גיבן אַ וווּנדערבאַרע עמפּינדונג פון יונגנטלעכקייט, דערמוטיקנ־דיק צו ניַיע אויפטוען. די קראַפט פון דער יוגנט קומט צום אויסדרוק אין פאָרויסמאַרש. די וועלט דערקענט איצט די עמעסע נאַטור פון אונ־דזער איניען און די עפנטלעכע מיינונג, די סאַמע אַקטיווסטע זאַך אויף דער ערד, אונטערשטיצט אונדז און באַוויַיזט, אַז זי האָט פאַרשטאַנען דעם סאַמע ווירקזאַמסטן אופן, ווי אַזוי צו קעמפן פאַרן שאַלעם און פאַר דער פריַיהייט. ניט נאָר וואָס די דאָזיקע אַרויספאָדערונג קעגן דער יוסטיץ האָט דערמוטיקט דעם קאַמף, נאָר דער באַרבאַרישער גזאַר פון טויט, אַרויס־געטראָגן קעגן צוויי אומשולדיקע צוליב זייערע פּראָגרעסיווע איבערציַי־גונגען, האָט באַוויזן די עמעסע נאַטור פון אונדזער רעגירונג. דאָס פּובלי־קום הייבט אָן צו פאַרשטיין די עמעסע באַדיַיטונג פון אונדזער פּראָצעס. דעריבער פיל איך זיך מאָראַליש גוט, און מיַין טיפע ליבע, אין האַרמאָניע מיט מיַין מאָראַל, וואָלט געוואָלט זיך אויסדריקן ווי עס דאַרף צו זיַין. אָן שום ספק האָבן מיר אַ גרויסע באַפרידיקונג צו האָבן אויפגעהאַלטן אַ הויכן מאָראַלישן ניוואָ און צו אַרבעטן פאַר אַ גוטער זאַך. אָבער אונ־דזער פלייש און בלוט וועט זיַין ערשט צופרידן, ווען מיר וועלן זיך ווידער געפינען ביידע אין אונדזער היים צוזאַמען מיט די קינדער.

איך טראַכט, מיַין טיַיערסטע, אַז עס איז באַלד דריַי יאָר, ווי מיר

האָבן מער ניט געלעבט צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער. ווי קאָסטבאַר איז די דערינערונג וועגן יעדער רעגע, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט מיט זיי און מיט וועלכער פרייד האָבן מיר זיך באַטייליקט אין יעדן זייער פאָרשריט. אַ נייַע דערגרייכונג, אַ שיינע קאָנסטרוקציע, עפּעס אַ כאַראַקטעריסטישער אויפטו, די סימאָנים פון וואַקסן, דער אויסדרוק פון זייערע נייגונגען פאַר מוזיק, אַלע פריידן, זאָרגן, וויטיקן אַפילו, דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט די שיינקייט פון פאַמיליע-לעבן. און אַט איז שוין ראָבי באַלד זעקס יאָר אַלט און מיכאַעל — צען און זיי ביידע און אונדז ביידע האָט מען צוגערויבט די רעכט, וואָס עס גיט דאָס געמיינזאַמע בלוט. מיר שרייַבן מיט איבערצייַגונג און מיר זייַנען שטאַרק, ווייַל די טיפע צייכנס פון לייַדן האָבן אַרייַנגעקריצט, אַף אַ ניט מער צו פאַרשווינדיקן אויפן, דעם דאָזיקן עמעס אין אונדזער לייַב. ווען איך זע אַ פונק פון פאַרשטענדעניש אין די טיפע בלויע אויגן פון מיכאַעל און דאָס וואַרעמע, ליבלעכע שמייכעלע, וואָס באַלויכט ראָבים פּאָנעם, דעמאָלט וויים איך, פאַרוואָס אונדז געלינגט אַריבערצוטראָגן די דאָזיקע שרעקלעכע לײַדן. איך גלייב, אַז אין טאָך האָב איך אַ ווייך האַרץ, ווייַל טאָמיד ווען איך טראַכט וועגן דיר און וועגן מייַנע זין, פיל איך אַזאַ ליבע, אַזאַ צוגעבונדנקייט, און האַגאַם איך ווייַז עס ניט אַרויס, אָבער יעדער מאָל ווערט מייַן האַרץ געשוואָלן פון טרערן.

דו ווייסט דאָס, אַז כ'האָב אין דער לעצטער צייַט געלייענט אַ סאַך ביכער פון נאַטור-וויסנשאַפט, פיזיק, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען און, אַזוי ווי איך ווייס, אַז דער מענטש קען אַרבעטן מיט דער נאַטור און פאַרבעסערן די וועלט, גיב איך מיר אָפּ אַ דין וועכעשבן, ווי וויכטיק עס איז צו קעמפן, קעדיי דאָס זאָל ווערן אַ רעאַליטעט. דאָס איז פאַר מיר דער איינציקער אויפן בעעמעס ליב צו האָבן מייַנע קינדער. מייַן ליבע, זיסע פרוי, ווען איך זע זיך דערווייַטערט און אָפּגעשיידט פון דיר דורך דער מאַכט פון טיראַניע, באַמיִען זיך מייַנע אויגן, מייַן שטימע, מייַן פאַרהאַלטן זיך דיר איבערצוגעבן מייַן באַוווּנדערונג, מייַן פולשטענדיקע איבערגעגעבנקייט און זיי פאַרזיכערן דיר, אַז איך וועל דיר שטענדיק בלייַבן געטריי. און אין אַט דעם טאָג, וואָס קומט מיט זייַן פרילינג-הויך, מיט דער האָפענונג, וועלכע וועט פאַרוואַנדלען דאָס גאַנצע יאָר אין יוגנט-צייַטן פאַר דער פולער אַנטוויקלונג פונעם לעבן, ווייל איך דיר זאָגן, אַז איך ליב דיך און אַז איך האָב צוטרוי.

דייַן יונגער געליבטער

יוליוס.

יוליוס צו עטל.

24טער מיי 1953.

עטל, טייערע מיינע:

דו האסט זיכער אויך געזען די לעצטע געמיינהייט אין אט דער ווערטער־שלאכט, וואס מען פירט איצט קעגן אונדז. מען דארף באמערקן, אז ערשט לעצטנס איז דערמאנט געווארן א וויכטיקער פאקט, וואס ווייזט אפן שארפסטן אויפן, אז אונדזער פאראורטיילונג איז דערגרייכט געווארן דורך קארופציע. דער פארהאנג פון שווייגן פון דער אזוי גערופענער „פרייער” פרעסע באהאלט די דאזיקע וויכטיקע אינפארמאציע פונעם פובליקום וואס האט דאס רעכט צו קענען אלע פאקטן פונעם פראצעס. קעדיי צו באהאלטן אט די פאקטן, באנוצט דאס יוסטיץ־מיניסטעריום א פסיכאלאגישע טאקטיק, וואס זעצט פאר די מויעד־פארדרייונג פון די צייטונגען. די אפיציעלע פערזאנען אינספירירן נייע ראפארטן, וועלכע באקומען א ברייטע פארשפרייטונג אין די קרייזן, וואס זיינען מאסקים מיט אונדזער פאראורטיילונג.

דאס איז ניט נאר א פארטייאישע אינטערפרעטאציע פון די פאקטן, וועלכע איז אומפארשעמט און וויט פון יעדער לאיאלקייט. דאס איז אויך א סקאנדאליעזע אינטערפרעטאציע, ווייל אירע ארגומענטן זיינען אויסשליסלעך ליגנס. זיי ענטפערן קיינמאל ניט אף אונדזערע גוט־באגרינדעטע ארגומענטן, נאר אנשטאט זיי, רוקן זיי טאמיד ארויס זייערע ארגומענטן, וועלכע זיינען באהויפטונגען אן שום באווייזן. דער פאקט, וואס די אפיציעלע פערזאנען האבן זיך אריינגעלאזן באם דאזיקן פראצעס אין „די סאמע שטראפבארע מעטאדן”, באדראט ערנסט די באזע פון דער יוסטיץ אין אמעריקע און די פרייהייט פונעם גאנצן פאלק.

ווי ס׳זאל ניט זיין, מיין איך פעסט, אז עס וועט זיי ניט געלינגען צו רעאליזירן דעם מאנסטעריעזן קאמפלאט, ווייל ער איז באזירט אף אן אומגעהייערן שעקער, ווייל מיר זיינען פולשטענדיק אומשולדיק. די באמיונגען, וואס אלע ערלעכע מענטשן אין אלע לענדער מאכן לעטוויועס אונדז, גיבן אונדז די נייטיקע צייט, קעדיי אויפצודעקן דעם עמעס און ניט צו דערלאזן צו אן אומגעהייערער אומגערעכטיקייט. נאך מער, דער פראצעס וועט האבן וויטערדיקע פאלגן. און ווי נאר דאס פאלק וועט פארשטיין די סיבעס און די אויסווירקונגען, וועט עס אקטיוו ארבעטן פארן שאלעם און פארן עמעס, וועלכע זיינען אין סאקאנע. איך גלייב פעסט, אז די פארצווייפלטע מאסן פון דער אפאזיציע (קעגן דער רעוויזיע פון פראצעס — רעד.) זיינען ארויסגערופן דורכן באוווסטזיין איבער דער

שוואַכקייט פֿון זייער פּאָזיציע. זיי האָבן מוירע, מען זאָל זיך ניט דער־וויסן דעם עמעס און אַז זייערע מיִעסע קונצן זאָלן ניט אַנטפּלעקט ווערן פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט. די אַנטוויקלונג פֿון די געשעענישן, ביז דעם פּרוּוו צו עקספּולסירן סעדריק בעלפֿראַזש, שעף־רעדאַקטאָר פֿון „נעשאַנעל גאַרדיען“, און דאָס ניט אַרייַנלאָזן אַפֿן סמאָד פֿון מאַק־קאַרען־געזעץ אַ באַקאַנטן ענגלישן פּאַציפֿיסט, שטעלן פֿאַר אַ סעריע אַנגריפֿן קעגן די דעמאָקראַטישע פֿאָלקס־רעכט און זייַנען בעעמעס סימפּטאָמאַטיש פֿאַרן רעזשים. ווען עס איז מער ניטאָ קיין פֿרייַהייט פֿון אויסדרוק, איז מער ניטאָ קיין פֿרייַהייט פֿון געוויסן.

איך האָב צוטרוי, אַז דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק וועט ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל צו דעם קומען. עפּשער ווייס שוין עמעצער אין יוסטיץ־מיניס־טעריום דעם ענטפֿער אַף אונדזער באַקאַשע. ווי עס זאָל ניט זייַן, וועלן מיר עס וויסן דעם קומענדיקן מאָנטיק.

עס וועט זייַן פֿאַר מיר אַ גרויסער פֿאַרגעניגן צו לייענען דייַן געדיכט אין לויף פֿון הייַנטיקער וואָך, ווייַל עס איז בעעמעס פֿון גרויסער ווירקונג. ווייַזט אויס, אַז די זאַמלונג פֿון אונדזערע בריוו וועט באַלד ווערן אָפּגע־דרוקט. איך בין זיכער, אַז דאָס וועט אונדז ברענגען נייַע אָנהענגער.

מייַנע ביטעס צו באַקומען די פֿאַרעפֿנטלעכונגען פֿון קאָמיטעט (פֿאַר־טיידיקונגס־קאָמיטעט פֿאַר די ראָזענבערגס — רעד.) זייַנען, דוכט זיך, גע־בליבן אָן רעזולטאַט. קענסטו אויסנוצן דייַן ליבנסווערטן אייַנפֿלוס און בעטן מאַני, ער זאָל עס מיר צושיקן.

טייַערסטע, איך שיק דיר מייַן גאַנצע ליבע. איך ליב דיך מיטן גאַנצן האַרץ און מיט מייַן גאַנצער נשמה.

אַ לייַדנדיקער מענטש, וואָס איז אינגאַנצן מעשוגע פֿאַר דיר און וועמען דו פֿעלסט זייער שטאַרק.

יוליוס.

עטל צום אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך.

27טער מיי 1953.

טייַערער מאַני:

איך לייג בייַ אַ בריוו, וואָס יוליוס האָט מיר געשיקט אין טאָג פֿאַרן נייַעם אָפּוואַרפֿן פֿון אונדזער באַקאַשע. איך מיין, אַז דער דאָזיקער בריוו אַנאַליזירט מיט אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט די געשעענישן, וועלכע האָבן דערפֿירט צו דער קאַפּיטולאַציע פֿון העכסטן געריכט. איך האָב נאָך פֿאַרשיידענע אַנדערע בריוו פֿון אים, וועלכע איך באַהאַלט בייַ מיר, קעדיי

דער דאָזיקער בריוו זאָל גיך דורכגיין די צענזור און איר זאָלט אים טיי־
קעף באַקומען.

הײַל מאַק-קאַרטי! באַטראַכט בלויז: צוויי אומפאַרשעמטע און אומ־
פאַרזיכטיקע אַפּיקאַרסים האָט געהאַט די דרייסטקייט צו טראָגן די ליניע
פון אויפפירונג, וואָס עס האָט געהאַט אָנגעצייכנט אונדזער היים-געליב־
טער גאַוליטער, קעדיי ניט אוועקצונעמען בא צוויי באַשיידענע בירגער
דאָס רעכט, וואָס זיי האָבן אַף אַ פּראָצעס (געמיינט די רעוויזיע פון פּראָ־
צעס — רעד.). בעעמעס, דאָס איז אַן אָפענע, שענדלעכע, ציניש, פּאָלי־
טישע פאַרפאָלגונג. דאָס דאַרף אָבער ניט זײַן קיין גרונט צום פּעסימיזם.
אַ געזונטער אויסזען פאַרדעקט אָפט אַן אָרגאַניזם, וואָס האַלט שוין אין
פוילן. מען דאַרף ניט האַלטן דאָס רימען זיך, דאָס אויסשטעלן די קויכעס
פאַרן זיג גופע. פאַרקערט, נאָר ווײַזנדיק, אַז דער דאָזיקער אָנגריף איז
בלויז אַ סענטימענטאַלער, וועט מען אים שטערן צו פאַראַליזירן און אָפּ־
שטעלן די פאַרטיידיקונג.

די שלאַכט פאַרן לעבן, נאָר זי קען שלאָגן צוריק דעם טויט. מען קען
עס זאָגן אין קלאַסישע ווערטער: עס איז ניטאָ פאַר וואָס מוירע צו האָבן,
אַ כוץ פאַר דער מוירע גופע. זאָגט די 2...*, אַז אויך זיי דאַרפן גלייבן
אינעם דאָזיקן גרויסן עמעס, קעדיי אײַנצופלאַנצן אין אונדזערע קינדער
זייער מוט און אונדזערן. אויב מיר, די עלטערן, וואָגן ניט זיך צו דער־
לויבן דעם לוקסוס, צו לאָזן זיך מיטרײַסן פון די געפילן, טאָרן זיי עס
אויך ניט. נאָך אַ זאַך, אַ שווערערע, אָבער אַן אומבאַדינגט נייטיקע: זיי
דאַרפן זײַן אונדזער שטימע, אונדזער קויעך, אונדזער ליבע. קענען פעלדז
פון פליכט, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן מיט אַזויפיל שטאָלץ, וועט
די סינע, וועלכע וואָלט אַזוי שטאַרק געוואָלט לאָזן אונטערגיין צוויי אומ־
שולדיקע קינדער, זיך אָנמעכטיק צעשלאָגן.

איך בעט אײַך נאָר איין זאַך: טרייסט מײַנע קינדער. איך קען זיך
ניט העלפן. עס טוט מיר אַזוי וויי, אַזוי וויי פאַר זיי.

מײַן גאַנצע טרײַשאַפט און מײַן גאַנצן צוטרוי פאַר אײַך.

ע ט ל.

יוליוס צו עטל.

31טער מײַ 1953.

עטל, טײַערע מײַנע:

נעמענדיק די פעדער, פרעג איך זיך: וואָס זאָל מען זאָגן דער היים־
געליבטער, ווען מען שטייט פאַר דער האַרטער ווירקלעכקייט: אין אַכצן

* די 2... וואָס האָבן אויפגענומען בא זיך מיכאַעלן און ראָבין.

טעג אַרום, דעם 14טן יאָרטאָג פון אונדזער כאַסענע, וועלן מיר אומגע־בראַכט ווערן. דער פינצטערסטער מאָמענט פון אונדזער ניסאָיען דערנענ־טערט זיך. די שווערע סאָקאָנע, וועלכע באַדראָט אונדז, פאַרלאַנגט פון אונדז אויסצונוצן אַלע אונדזערע קויכעס, קעדיי אויסצומײַדן דעם נערוון־קריזיס, פּײַ די העלדישע פּאָזע. רויק און זעלבסטבאַהערשט דאַרפן מיר קוקן אין פּאָנעם אַרײַן דער סאַמע שווערסטער פון אַלע אונדזערע פּראָבלע־מען. איבעריקנס וועט אַ גרויסע טייל פון אונדזער לאַסט ווידעראַמאָל זיך לייגן אַף די פּלייצעס פון אונדזער טרײַען פרײַנט און ראַטגעבער מאַני. מיר האָבן צו אים אַ בלינדן צוטרוי.

מײַן געליבטע, איך האָב נאָך פּרובירט צו אַנאַליזירן אָפּן אָביעק־טיוועסטן אויפן די טײַמים, פּאַרוואָס די רעגירונג האַנדלט אַזוי. עס איז דאָ אַף דעם בלויז איין ענטפער: מען געהאָרכט דעם ווילן פון עטלעכע מעשוגאָים, וועלכע ווילן מאַכן פון אָט דעם פּראָצעס אַ פּאָליטישע סטראַ־שידלע. קיינמאָל וועט מען ניט מויכל זײַן דער אַמעריקאַנער רעגירונג די דאָזיקע סקאַנדאַליעזע פאַרלייקענונג פון דער יוסטיץ און דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן גזאַר קעגן צוויי אומשולדיקע.

ליבע מײַנע, איך ווייס, אַז אונדזערע קינדער און אונדזער פּאַמיליע לײַדן אַ סאַך אין איצטיקן מאָמענט און עס איז נאַטירלעך, דאָס זייער וווּיל באַשעפטיקט אונדז. אָבער איך גלייב, מיר מוזן אויפהיטן אַלע אונ־דזערע קויכעס פאַר אונדז אַליין. לויט מײַן מיינונג איז דאָס דער בעסטער אויפן, וואָס מיר האָבן, קעדיי צו פאַרהיטן די אינטערעסן פון אונדזערע קינדער. מײַן מאַלעך, אין זונטיק־נומער פון „ניו־יאָרק טײַמס" איז פאַר־עפנטלעכט אַן אויסגעצייכנטער ליטעראַטיקל וועגן אָנקומענדיקן כוידעש יוני, ווו עס ווערט דעריקער אַרויסגעהויבן די שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס רינגלט אונדז אַרום. דער דאָזיקער כוידעש איז אונדזערער, ווײַל אין יוני כוידעש זײַנען מיר געוואָרן מאַן און פרוי און האָבן געפונען די אומ־ענדלעכע פרייד פון אַ דויערלעכער און לעבנספולער ליבע. טײַערע פרוי, איידעלע פרוי, ביזן סאָף וועל איך זײַן דיר איבערגעגעבן מיט גוף און נעשאָמע. מײַן גאַנצע ליבע, אַף וועלכער איך בין נאָר פעיִק, געהערט דיר.

יוליוס.

## דער מערקווירדיקער דאָקומענט וועגן דעם „געשעפט", וואָס וואַשינגטאָן האָט פאָרגעשלאָגן די ראָזענבערגס

איינער פון די סאַמע לעצטע בריוו פון יוליוס ראָזענבערג צום אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך.

5טער יוני 1913.

טײַערער מאַני:

נאָכן אינצידענט מיטן ספּעציעלן באַזוך פונעם שעליעך פון דעם פעדעראַלן גענעראַל־פּראָקוראָר, האָב איך אײַך באַלד געשיקט אַ טעלעגראַמע און איך האָב אײַך אָנגעשריבן אַ באַריכט וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען באַם אינטערוויו. אָבער ווען איך האָב געהערט, אַז איר וועט אונדז קומען זען אַפן צווייטן טאָג, האָב איך געהאַלטן פאַר בעסער צו געבן אײַך אַלע איינצלהייטן מינדלעך.

נאָכדעם ווי איך האָב געלייענט דעם גראָבן ליגן פונעם יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט, אַז דער באַזוך פון מר. בענעט, פעדעראַלער דירעקטאָר פון דער ביוראָ איבער טפיסעס, איז געווען בלויז אַ רוטינערער איניען (אַ געוויינלעכער איניען), און אַז זיי האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז קיין „געשעפט" איז ניט אָנגעבאָטן געוואָרן, האַלט איך עס פאַר מײַן פליכט פאָרצוברענגען די פאַקטן, ווי זיי זײַנען פאָרגעקומען לעצטן דינסטיק.

ערשטנס, לאָמיך אײַך זאָגן, אַז די גײַסטיקע פּײַניקונגען, וואָס עטל און איך האָבן דורכגעמאַכט, האָבן אונדז געקאָסט אַ שטיק געזונט און האָבן אַנטפּלעקט די נאַקעטע, עקלהאַפטע ברוטאַליטעט פון פּאָליציי־שטאַט־טיראַניע.

מאָנטיק, דעם 1טן יוני, זײַנען די פעדעראַלע מאַרשאַלס, מר. קאַראַל און מר. פּאָולי, געקומען און אונדז געבראַכט דאָקומענטן, וואָס באַשטימען אונדזער הינריכטונג אויפֿן פֿערצטן יאָרטאָג פֿון אונדזער כאַסענע, אויפֿן 18טן יוני, עלף אַזייגער אין אָוונט. מײַן פֿרוי און איך דאַרפֿן, הייסט עס, אויף אַ שרעקלעכן אופֿן פֿאַראייניקט ווערן אין טויט אין דעם זעלבן טאָג, ווען מיר האָבן דורכגעלעבט אונדזער גרעסטן גליק — אין טאָג פֿון אונדזער כאַסענע.

זיי זײַנען ביידע געווען זייער העפֿלעך, נאָר זיי האָבן געהאַט אַן אויפֿגאַבע דורכצופֿירן, דערצו נאָך אַן אומאָנגענעמע אויפֿגאַבע, און איידער זיי זײַנען אַוועק, האָבן זיי מיך געפֿרעגט, צי זיי קענען עפּעס טאָן פֿאַר אונדז. איך האָב געזאָגט: יאָ, ברענגט אונדז גוטע נײַעס. זייער באַזוך איז געווען אַ רוטינער איניען.

דינסטיק עלף אַזייגער אינדערפֿרי, נאָך מײַן באַגעגעניש מיט עטלען, האָט מען מיך אַרײַנגעפֿירט אין דעם באַראַטונג־צימער, און דאָרט איז געווען מר. בענעט. האָט נאָר אינזינען: דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס איך בין געווען אַליין מיט עמעצן, און אַז דערבײַ זאָל ניט זײַן אַנוועזנד קיין באַאַמטער אָדער סינג־סינג־באַאַמטער (איך דענק, אַז דאָס איז דאָ קעגן די רעגלאַמענטן). מיר זײַנען געווען אַליין אַרום אַ שעה צײַט, בעיים דער הויפּט־אויפֿזעער, מר. קעלי, איז געזעסן אויסערן צימער, און די טיר איז געווען צוגעמאַכט.

## די רעגירונג האָט אָנגעבאָטן אַ „געשעפֿט"

מר. בענעט האָט אָנגעהויבן דעם שמועס און האָט געזאָגט:

„מר. בראַונעל, דער גענעראַל־פּראָקוראָר, האָט מיך געשיקט צו אײַך, און ער וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז אויב איר ווילט קאָאָפּערירן מיט דער רעגירונג, קענט איר דאָס טאָן דורך מיר, און איך וועל קענען מאַכן אַראַנזשירונגען פֿאַר אײַך צו קענען רײדן מיט די געהעריקע באַאַמטע. נאָך מער: אויב איר, יוליוס, וועט קענען איבערצײַגן די באַאַמטע, אַז איר האָט פֿולשטענדיק קאָאָפּערירט מיט דער רעגירונג, וועלן זיי האָבן אַ באַזע אויף צו רעקאָמענדירן באַגנאַדיקונג".

איר קענט זיך פֿאָרשטעלן, ווי אויפֿגעבראַכט איך בין געווען, אָבער איך האָב ניט געוואָלט פֿאַרלירן מײַן רויִקייט אָדער מײַן זעלבסט־קאָנטראָל, און איך האָב געזאָגט: „קודעם־כּל, זײַנען מיר אומשולדיק, אַט דאָס איז דער גאַנצער עמעס, און דעריבער ווייסן מיר ניט פֿון קיין זאַך, וואָס מען זאָל קענען טײַטשן מיטן וואָרט „קאָאָפּערירן". אַגעוו, צי האָט איר

געזאָגט אונדזער אַדוואָקאַט, אַז איר קומט צו אונדז וועגן אַט דעם איניען ?״.

ער האָט געזאָגט: „ניין, אײַער אַדוואָקאַט וועט אײַך זען מאָרגן״. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אײַך, ווײַל דאָס איז די איינציקע פּאַסיקע זאַך צו טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דאָס טאָן שפּעטער.

„איר מיינט מיר צו זאָגן, מר. בענעט״, האָב איך געזאָגט, „אַז אַ גרויסע רעגירונג ווי אונדזערע קומט צו צוויי אומבאַדײַטנדיקע מענטשן, ווי מיר, און זאָגט: „קאָאָפּערירט אָדער שטאַרבט״ ? עס איז דאָך אַ שרעק־לעכע זאַך צו טאָן, אויסצוהאַנדלען דאָס לעבן דורך „ריידן״. עס איז ניט נייטיק צו שלאָגן מיך מיט שטעקנס, אָבער אַזאַ פאָרשלאָג איז דאָך דאָס זעלבע ווי דאָס וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין מעשׂעד פונעם מיטלאַלטער. עס איז דאָך דאָס זעלבע ווי די פּײַניקונג־מאַשין (פון מיטלאַלטער). איר נוצט אַ שווערן דרוק קעגן מיר״.

ער האָט געזאָגט: „צי ווייסט איר, אַז איך בין ניט געשלאָפן נעכטן בײַנאַכט, ווען איך האָב געוווּסט, אַז איך דאַרף הײַנט זען אײַך און עטלעכן און ריידן מיט אײַך וועגן אַט דעם איניען ? איך האָב זיך שטאַרק גע־זאָרגט״.

„ווי דענקט איר, פילן מיר, זיצנדיק דאָ און וואַרטנדיק אַפן טויט העכער צוויי יאָר, ווען מיר זײַנען אומשולדיק״, האָב איך געפרעגט. „מײַן פאַמיליע האָט דורכגעמאַכט גרויסע לײַדן. מײַן שוועסטער האָט צוזאַמענ־געבראָכן; מײַן אַלטע, קראַנקע מוטער ווערט געפּײַניקט; אונדזערע קינ־דערלעך האָבן דורכגעמאַכט גרויסע עמאָציאָנעלע און גײַסטיקע לײַדן. דאַן קומט איר און רעדט צו מיר וועגן אַט דעם!

„געדענקט, מר. בענעט, מיר האָבן ליב אונדזער לאַנד. עס איז אונ־דזער היים, דאָס לאַנד פון מײַנע קינדער און פון מײַן פאַמיליע. מיר ווילן ניט, אַז דער גוטער נאָמען פון אונדזער לאַנד זאָל פאַרשעמט ווערן, און לויט גערעכטיקייט און פּאַשעטער אָנשטענדיקייט דאַרף אונדז דערלויבט ווערן צו לעבן, קעדיי צו באַווײַזן אונדזער אומשולד״.

ער האָט דאַן געזאָגט: ניין — ניט קיין נײַער מישפּעט. בלויז דורך קאָאָפּערירן וועט זײַן אַ באַזע צו פאַרלאַנגען אַ מילדערע שטראָף. „זאָגט נאָר, יוליוס — האָט ער געזאָגט — איר האָט ניט געלייקנט, אַז איר ווייסט עטוואָס וועגן אַט דעם שפּיאָנאַזש״.

„וואָדע האָב איך געלייקנט — האָב איך געענטפערט — און נאָך מער: צי האָט איר, סער, געלייענט די פּראָטאָקאָלן פונעם מישפּעט ?״.

## ער האָט דעם באַריכט פון מישפּעט קיינמאָל ניט געלייענט

ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט ניט געלייענט די פּראָטאָקאָלן פונעם מישפּעט; ער האָט פאַרגעזעצט און געזאָגט: „איר האָט געהאַט צו טאָן מיט עליזאַבעט בענטלי".

„איך האָב קיינמאָל מיט איר ניט געהאַט צו טאָן און ווען איר זאָלט האָבן געלייענט די פּראָטאָקאָלן, וואָלט איר געוווּסט, אַז אַפן איי־דעס־שטול האָט זי געזאָגט, אַז זי קען מיך ניט און האָט מיך קיינמאָל ניט באַגעגנט".

„אָבער איר האָט געהאַט געשעפטן מיט גאָלדן, ניין?"

„פאַרשטייט זיך, אַז ניין. גאָלד האָט אויך געזאָגט אַפן איידעס־שטול, אַז ער האָט מיך קיינמאָל ניט באַגעגנט, אָדער געקענט. איר האָט געדאַרפט לייענען די פּראָטאָקאָלן, קעדיי זיך צו באַקענען מיט די פאַקטן".

„אָ, איך האָב געלייענט די צײַטונג־באַריכטן וועגן דעם". (עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, וויאַזוי זיי ווערן איבערצײַגט אין זייערע איי־גענע ליגנס און ווילן זיך ניט האַלטן באַ די פּראָטאָקאָלן פונעם מישפּעט).

„הערט, יוליוס, איך בין געשיקט געוואָרן אַ הערצו. נאָר אויב איר וועט צושטימען, וועל איך ברענגען עמעצן צו זען אײַך. עמעצן, וואָס איז גרינטלעך באַקענט מיט דער אַפערע. און איר וועט אים פּרווון איבער־צײַגן, אַז איר האָט קאָאָפּערירט מיט דער רעגירונג".

„וואָס ווילט איר טאָן? — האָב איך געפרעגט — איר ווילט, ער זאָל מיך איבערצײַגן, אַז איך בין שולדיק, בעיים איך בין ניט שולדיק? איר ווילט, ער זאָל מיר אַרײַנגעבן געדאַנקען אין קאָפּ אַרײַן. איר וועט זײַן צופרידן בלויז דאַן, ווען איך וועל זאָגן די זאַכן, וואָס איר ווילט, אַז איך זאָל זאָגן. אָבער איך וועל ניט זאָגן קיין ליגן וועגן דעם איניען".

„הערט, יוליוס — האָט ער געזאָגט — גאָרדאָן דין, דער הויפּט פון דער קאָמיסיע איבער אַטאָם־ענערגיע, איז זייער אַ גוטער פרײַנט מײַ־נער און אויב ער וועט זײַן איבערצײַגט, אַז איר האָט קאָאָפּערירט פול־שטענדיק און האָט געזאָגט אַלצדינג, וואָס איר ווייסט, וועט ער זען דעם פּרעזידענט און רעקאָמענדירן באַגנאַדיקונג".

„איך ווייס גאָרנישט ניט־וועגן שפּיאָנאַזש, ווײַל איך בין אומשולדיק און איך דענק, אַז איר דאַרפט זאָגן דעם גענעראַל פּראָקוראָר, ער זאָל רע־קאָמענדירן באַגנאַדיקונג, ווײַל דאָס איז אַ גערעכטע, מענטשלעכע און פּאָסיקע זאַך צו טאָן אין אָט דעם פאַל. אונדזער לאַנד האָט אַ רעפּוטאַציע אָנצוהאַלטן אין דער וועלט און פיל פון די פרײַנט פון אונדזער לאַנד זײַ־נען אויפגעקאָכט קעגן דעם באַרבאַרישן אורטייל און קעגן דעם מאַנגל פון גערעכטיקייט אין אָט דער אַפערע".

„איך ווייס, אז עס איז געווען א סאך פובליציטעט אין דער אפערע אבער דאס האט ניט קיין נאענטע שייכעס מיטן איניען. וויכטיק איז, אז איר זאלט איבערצייגן די באמטע, אז איר האט קאאפערירט. נו, יוליוס, פארוואס האט אייער שוואגער אריינגעשלעפט אייער נאמען?"

## גרינגלאס האט געזאגט ליגן, קעדיי צו ראטעווען זיין אייגענע פעל

„איך גלייב, אז ער האט דאס געטאן, קעדיי צו ראטעווען זיין אייגענע פעל, אויך קעדיי צו פרווון פארשטעלן זיך אלס אומוויכטיק, אומשולדיק געצייג, וואס ווערט דאמינירט דורך עמעצן אנדערש, קעדיי ער זאל ניט געהאלטן ווערן אלס פאראנטווארטלעך פאר זיינע אייגענע מעשים. כוץ דעם: די רעגירונג האט געהאט געפאקט די גרינגלאסעס בא דער האנט און זיי האבן געדארפט געפינען עמעצן, קעדיי צו קענען פארקלענערן זייער אייגענע שטראף. אזוי ווי איך בין אפגעזאגט געווארן פון רעגירונגס־ארבעט פאר קלוימערשטן קאמוניזם, ווייל איך בין געווען א סינדיקאלער ארגאניזאטאר און אזוי ווי ער איז געווען א קארעוו און האט מיך נאענט געקענט און מיר האבן צווישן זיך געהאט שטורמישע קריגערייען און צווישן אונדז איז געווען א פערזענלעכע סינע, איז מיין נאמען אף א פאלשן אויפן אריינגעשלעפט געווארן.

„נאך עפעס: די אנקלאגע האט דערזען א געלעגנהייט צו שלאגן גרויסן פאליטישן קאפיטאל פונעם געשריי „קאמוניסט־שפיאן־אטאם־באמבע". מיין פרוי און איך זיינען געווען סאציאלעזאזלס (קארבאנעס פון פרעמדע זינד) און זיינען געווען די שטרויעלעד, וואס ווערן אריינגעשליידערט דורך די פאליטישע סיכסוכים, וואס האבן געפלאקערט אין דער קאלטער מילכאמע. פארוואס ניט גיין צו די גרינגלעסעס און רופן זיי צו קאאפערירן, צו דערציילן דעם עמעם וועגן אט דער אפערע?

„איר אליין, מר. בענעט, אלס הויפט פון דער טפיסע־ביורא, ווייסט, אז גרינגלאס און גאלד זיינען געווען צוזאמען אין דער טומס־טורמע ניין כאדאשים צייט. זיי האבן דיסקוטירט דעם איניען, שטודירנדיק נאטיצן פון א גרויסן העפט־בוך, איינגעשטודירט דאס איידעס־זאגן, גערעדט צו פ. ב. אי.־אגענטן, צו די פראקוראָרן און צו זייער אדוואקאט. איר ווייסט דאס, ווייל די פראטאקאלן פון דער טומס־טורמע ווען דאס ווייזן און דאך האט אייער דעפארטאמענט זיך אפגעזאגט צו געבן אונדז א געלעגנהייט ארויסצופאדערן אט די פראטאקאלן, קעדיי דאס צו באווייזן.

„איר ווייסט, אז מיט גרינגלאסן האט מען איינגעכאזערט וואס ער

זאָל איידעס־זאָגן וועגן דער אַטאָם־באָמבע־צייכענונג, סײַ אַף אויסווייניק און סײַ פון נאָטיצן. איר ווייסט, אַז די אָנקלאַגע האָט געווירקט אַף שנײַדערן (דער פּאַספּאָרט־פאָטאָגראַף, וואָס האָט שפּעטער צוגעגעבן, אַז ער האָט פאַלש איידעס־געזאָגט — רעד.) ער זאָל פאַלש שווערן.

„איר ווייסט, אַז די רעגירונג דערלויבט ניט מײַן ווײַבס פאַמיליע אַרויסצוקומען מיט ריינוואַשנדיקע באַווײַזן, וואָס ווערן צוריקגעהאַלטן פון געריכט. קורץ, מיר האָבן ניט געקראָגן קיין יוישערדיקן מישפּעט און עס איז קעגן אונדז געמאַכט געוואָרן אַ בילבל. איצט ווילט איר מיר זאָלן צוגעבן, אַז אַט דער גרויסער ליגן איז דער עמעס. דאָס קענען מיר קיינמאָל ניט טאָן.

„געוויס, מר. בענעט, מיר וועלן פולשטענדיק קאָאָפּערירן. גיט אונדז די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אין געריכט און מיר וועלן אונטער אַ שבועה אָפּן איידעס־שטול נאָכאַמאָל איבערזאָגן דעם עמעס און צו דער זעלבער צײַט וועלן מיר קענען ברענגען איידעס, וואָס זאָלן באַשטעטיקן אונדזערע דערקלערונגען. דאָס איז דער וועג אונדז צו געבן אַ יוישערדיקן מישפּעט"...

„אָ, ניין, יוליוס, קיין נײַער פּראָצעס. איר קענט זיך ראַטעווען בלויז דורך קאָאָפּערירן מיט אונדז".

„אָבער איר קענט דאָך ווירקן אַפן פּראָקוראָר ער זאָל צושטימען צו איינעם פון אונדזערע פאָרשלאָגן. דעמאָלט וועלן מיר באַווײַזן אונדזער אומשולד, אָדער אַנטשוויגן ווערן און איך בין זיכער, אַז אונדזער אומשולד וועט באַוויזן ווערן".

„ניין, דאָס האָט ניט צו טאָן מיטן איניען. איר דאַרפט קאָאָפּערירן מיט דער רעגירונג".

„וואָס איז וועגן דער שטראָף? אַפילו ווען דער אורטייל זאָל זײַן אַ באַרעכטיקטער, און מיר לייקענען דאָס אויסדריקלעך, וואָלטן מיר קיינמאָל ניט געטאָרט אַזוי באַשטראָפט ווערן. די געשיכטע פון אונדזער לאַנד ווײַזט, אַז מילכאָמע־פאַרברעכער, נאַצים און פאַשיסטן, זײַנען באַפרײַט געוואָרן; אַז פאַררעטער און שפּיאָנען האָבן ניט געקראָגן קיין טויטשטראָף, און דאָך ווערן די ראָזענבערגס צום ערשטן מאָל אַרויסגעשטעלט ווי די ערגסטע פאַרברעכער אין אונדזער געשיכטע. איר ווייסט, ווי אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד, אַז דאָס איז ניט אַזוי. אַלע פאַקטן אין דעם פּראָצעס, די גאַנצע פּראָטאָקאָלן פון מישפּעט און די אַרויפגעלייגטע שטראָף באַווײַזן, אַז דאָס איז געווען אַ צוואַנגס־מיטל. די מענטשלעכע, יוישערדיקע און ריכטיקע האַנדלונג וואָלט געווען צו שוינען אונדזערע לעבנס.

„מיר זײַנען אין אָנפירנדיק מעכטיק לאַנד מיט גרויסן פּרעסטיזש אי־

בער דער וועלט און מיר דארפן זיך רעכענען דערמיט, וואס מענטשן וועלן טראכטן וועגן דעם פאקט, וואס אונדזער רעגירונג זאגט צו צוויי מענטשן: „קאאפערירט אדער שטארבט". געדענקט, עס וואלט געווען אין די בעסטע אינטערעסן פון לאנד צו פארבייטן אונדזער טויט־אורטייל".

„אבער, יוליוס, איך גיב אייך א מעגלעכקייט צו קאאפערירן", האט ער געזאגט.

„געוויס. ריכטער קאופמאן איז באגאנגען א שרעקלעכן טאעס מיט זיין שוידערלעכן פסאק. ער האט אנגעכאפט דעם אקס פארן עק און קען אים ניט אפלאזן".

„גאנץ ריכטיק, יוליוס. ער דארף האבן אייער הילף, קעדיי צו ענדערן די שטראף און איר קענט דאס טאן דורך אויסזאגן אונדז אלץ וואס איר ווייסט".

„איך קען אים ניט ארויסשלעפן פון זיין טאעס, ווייל מיר וואלטן קיינמאל ניט באדארפט אזוי באשטראפט ווערן און מיר וואלטן ביכלאל ניט געדארפט געשטעלט ווערן צום געריכט".

„יוליוס, אלע געריכטן האבן א סאך מאל גוטגעהייסן דעם אורטייל און אלע באאמטע אין וואשינגטאן גלייבן, אז איר זייט שולדיק. יא, קימאט יעדער איינער גלייבט, אז איר זייט שולדיק".

„איר ווייסט, אז בלויז איין אפעלאציע־געריכט האט געשטיצט דעם אורטייל פונעם פריערדיקן מישפעט און דאס, וואס איז א ווענדונג פאר א „סערטיאראדי" (פאדערונג פון העכערן געריכט צו א נידעריקערן געריכט צוצושטעלן די דאקומענטן) איז צוריקגעוויזן געווארן, האט ניט צו טאן מיטן סאמע טאך פון דער אפערע. אין אלע אנדערע (דא איז דאס ווארט אומקלאר) האבן מיר ניט בלויז געקראגן קיין פארהער, נאר בלויז דאס רעכט צוצושטעלן דאקומענטן צום געריכט. דאס איז די פארעם פונעם געזעץ, ניט זיין גייסט. טאמיד איז פארגעקומען אזא איילעניש, א יאגעניש, ווייל זיי האבן מוירע, אז מיר וועלן באוויזן אונדזער אומשולד. נאך עפעס: אזעלכע מענטשן ווי ד"ר יורי, פראפעסאר איינשטיין, וויסנשאפטלער, אדוואקאטן, שרייבער, צוויופלען שטארק וועגן דעם איניען, נאכדעם ווי זיי האבן איבערגעלייענט די פראטאקאלן פונעם מישפעט. דער פויפסט, דריי טויזנט קריסטלעכע קירכן־פירער, באוווסטע ראבאנים און מיליאנען מענטשן האבן געפאדערט באגנאדיקונג".

„ניין, יוליוס. דער פויפסט האט ניט געפאדערט קיין באגנאדיקונג".

„יא, ער האט יא געפאדערט. און איך האב די ארטיקלען פון דעם „ל'אסערוואטארע ראמאנא", קעדיי דאס צו באווייזן. מיר האבן אפגעדרוקט די פראטאקאלן — די פראטאקאלן, וואס פארצייכענען דעם גאנצן

גאַנג פונעם מישפּט און מענטשן האָבן דאָס געלייענט און זיי האָבן געקראָגן ערנסטע צווייפלען אין דער גערעכטיקייט פונעם „שולדיק"־אורטייל. אָט די פּראָטאָקאָלן קען מען קריגן און זיי וועלן געלייענט ווערן. דער איינציקער אויפן וויאַזוי ריינצווואַשן אָט די פאַרדאַמענדיקע פּראָטאָקאָלן איז צו לאָזן אונדז לעבן, קעדיי מיר זאָלן קענען באַווײַזן אונדזער אומשולדיקייט".

„יוליוס, דאָס וואָס דער מישפּט איז ניט געווען יושרדיק, וואָס דער אורטייל איז צו האַרט און די גאַנצע פּובליציטעט וועגן דעם — דאָס אַלץ האָט ניט קיין שײַכעס צו דער פראַגע. דער איינציקער וועג איז, אַז איר זאָלט קאָאָפּערירן און איבערצײַגן די באַאַמטע אין וואַשינגטאָן. דאַן וועלן זיי האָבן אַ באַזע צו פאַרלאַנגען באַגנאַדיקונג".

„אָט די אַלע דרײַ יאָר, זאָגט איר, האָב איך ניט געזאָגט דעם עמעס און דאַן, אויב איך זאָל זאָגן דאָס וואָס איר ווילט, אַז איך זאָל זאָגן, וועט דאָס מיינען קאָאָפּערירן און דאַן וועט עס זײַן דער „עמעס". פאָלגנדיק דאָס גוטע געוויסן, קען איך זיך ניט אַרונטערלאָזן צו אַזאַ פּראַקטיק און איך מוז זאָגן בעפיירעש, אַז אָט דער דרוק קעגן אונדז איז גרויזאַם און אומגעוויסנהאַפט. די איינציקע אָרנטלעכע זאַך צו טאָן איז צו זאָגן מר. בראַונעלן, אַז ער זאָל רעקאָמענדירן באַגנאַדיקונג".

עס איז געווען צוועלף אַזייגער באַטאָג, ווען ער איז אַרײַנגעגאַנגען זען עטלען אַף אַ האַלבער שאָ און דאַן האָט מען מיך אַרײַנגעבראַכט אין דעם פרויען־אָפּטייל, און ער האָט פאַרגעזעצט צו פּרוּוון אונדז אײַנריידן נאָך אַ האַלבע שאָ. עטל וועט אײַך דערציילן וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מעשעך פון אָט דער שאָ.

צום סאָף פון אָט דער זיצונג איז דער וועכטער פון דער טורמע אַרײַנגעקומען אין דעם פרויען־אָפּטייל און האָט געפרעגט, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך און איך האָב אים געזאָגט, אַז מר. בראַונעל האָט געשיקט מר. בענעטן צו זאָגן אונדז, אַז אויב מיר וועלן קאָאָפּערירן מיט דער רעגירונג, וועט ער רעקאָמענדירן דעם פּרעזידענט צו באַגנאַדיקן אונדז. איר וועט דערבײַ האָבן אין זינען, אַז דער וועכטער איז ניט געווען אַנוועזנד, ווען דער אָנבאָט איז געמאַכט געוואָרן.

נאָכדעם, ווען איך בין ווידער געווען אין מײַן צעלע נאָך 1 אַזייגער נאָכמיטאָג, איז מר. בענעט געקומען און האָט מיך ווידער געפּרוּווט איבערצײַגן צו לאָזן אים ברענגען מענטשן, וואָס זײַנען באַקאַנט מיט דער אַפּערע. און „איר וועט ענטפערן אַף פראַגן וועגן דעם, וואָס איר ווייסט מיקויעך דעם איניען". דאַן האָב איך געזאָגט: מר. בענעט, אָבער דאָס וואָלט דאָך געווען דאָס זעלבע ווי מאָרד־וואַשונג (צוגרייטן עמעצנס מויעד

צו אַ באַשטימטן סאָרט דענקען). ער האָט דאַן געפרעגט, צי ער קען מיך ווידער קומען זען און איך האָב געזאָגט יאָ, אויב ער וועט ברענגען גוטע נײַעס.

עטל און איך האָבן באַשלאָסן ניט צו זען קיינעם, סײַדן ווען איר וועט אויך זײַן אַנוועזנד דערבײַ. איך האָב אײַך איבערגעגעבן עטלעכע פון די איינצלהייטן אַזוי גוט, ווי איך קען זיי געדענקען. איך האָב אײַך אויך געזאָגט מער וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אַף אונדזער לעצמער באַראַטונג".

אַנטשולדיקט מיר פאַר דעם אויפן פון מײַן שרײַבן, פאַר ניט אָנהאַלטן קאָנטינויִטעט אין מײַן שרײַבן, אָבער דאָס זײַנען די עמעסע פאַקטן. דער אינטערוויו און דער באַזוך זײַנען ניט געווען קיין איניען פון רוטין (פון געוויינלעכער פראָצעדור). דאָס איז געווען גוט אויסגעפּלאַנירט, אַ קאַלטע און אַף אַ כוצפּעדיקן אויפן, פולשטענדיק איגנאָרירנדיק די עטיק, גערעכטיקייט, אויסגערעכנטע גײַסטיקע פּײַניקונג. די פּאַשעטע, געוויינלעכע אָרנטלעכקייט און מענטשלעכקייט, האָט מען אונדז פאַקטיש געהייסן קאַפּיטולירן אָדער שטאַרבן — דאָס איז אַ שמוציקער מיסכער אין וועלכן די רעגירונג נייטיקט זיך אַף צו העלפן באַהאַלטן דעם נידערטרעכטיקן בילבל קעגן צוויי אומשולדיקע מענטשן, קעדיי צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל פון אַט דעם איניען און פון אונדזערע לעבנס. יאָ, זיי פירן אָן מיט דער רעגירונג, מיט די געריכטן און מיט דער פּרעסע. אָבער זיי הייבן זיך אָן זאָרגן וועגן פאָלק, ווײַל דאָס פאָלק שטייט העכער פון אַלץ און וועט ניט דערלאָזן אָנהאַלטן אַט די גראָבע פאַרדאַרבונג פון געזעץ.

אַט דער טעראָר איז אָנגעווענדעט געוואָרן קעגן צוויי שוצלאָזע מענטשן, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט אײַנגעבן, ווײַל מיר זײַנען גערעכט און מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויפצוגעבן אונדזערע פּרינציפּן, אונדזער פרײַהייט, אונדזער גלויבן אין דעמאָקראַטיע און פולקאָמענהייט פונעם יאָכיד. דעם פאָלק דאַרף דערציילט ווערן אַלץ וואָס ס'איז פאָרגעקומען, ווײַל עס איז פאַראַן אַ גרויסע געפאַר אין אונדזער לאַנד, אויב דער פאַשיסטישער שטאָף זאָל איצט ניט אָפּגעשטעלט ווערן.

ווי אַזוי איר זאָלט ניט קוקן אַף דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען לעצטן דינסטיק, האָבן מיר געזען וואָס פּאָליצײַישע מעטאָדן באַדײַטן און עס איז אַ שרעקלעכע זאַך דאָס צו זען. נאָכן גאַנצן טומל און גערודער אין די צײַטונגען לייקענען זיי אַף אַ שוואַכן אויפן, אַז זיי האָבן אָנגעבאָטן אַ שמוציקן מיסכער, מאַכמעס זיי זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן. די גרויסע שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דורך זייער קאָנטראָל איבער די מאַסן־מיטלען פון אינפאָרמאַציע, האַלטן זיי קעסיידער, מיט קליינע דאַ־

זעס, אין „וואַשן דעם מאַרך" („באַאַרבעטן" די מױכעס) פֿון די לייענער און צוהערער וועגן אונדזער אַפּערע. און דער ברייטער אױלעם קריגט פֿאַלשע אינפֿאָרמאַציעס. יעדע באַמיִונג מוז ווערן געמאַכט צו פֿאַרשפּרייטן דעם עמעס.

מיר מוזן לעבן, קעדיי צו באַזיגן די פּלענער פֿונעם יוסטיץ־דעפּאַר־טאַמענט צו האַרגענען אונדז, ווײַל זיי קענען אונדז ניט נוצן. איך האָב דעם גלויבן, אַז דאָס פֿאָלק וועט זיך דערוויסן די פֿאַקטן און וועט ראַ־טעווען אונדזערע לעבנס און צווינגען די געריכטן אָפּצולייגן אונדזער הינ־ריכטונג, קעדיי צו זען אַז מיר זאָלן קריגן גערעכטיקייט לויט דער אַלטער, אויסגעפּרוּווטער טראַדיציע פֿון אונדזער גרויסער אַמעריקאַנער יערושע וואָס וועט זײַן דער ענטפֿער פֿון אַמעריקע אױף אַט דעם גאַנצן איניען?

מיר זײַנען נאָך אַלץ זיכער, אַז דער גוטער נאָמען פֿון אונדזער לאַנד וועט אָנגעהאַלטן ווערן און אַז מיר וועלן בלײַבן לעבן.

מיט מײַן פֿולער ליבשאַפֿט,

יוליוס.

## רירנדיקער בריוו פֿון עטלען צו די קינדער נאָך זייער לעצטן וויזיט

17טער יוני 1953.

מײַנע זייער טײַערע טײַערינקע:

מען רופֿט עס אַז „אויסהאַלטן" און עס איז זייער שווער: וואָס שײַעך דערצו — קיין שום סאָפּעק ניט. גלײַכצײַטיק טאָרן מיר ניט זיך לאָזן פֿאַרשעמען דורך אַ כעוורע הינדעלעך (וועלכע זעצן פֿאַר זייער באַשעפּטי־קונג, ניט אונטערגעבנדיק זיך דער פּאַניק, האַגאַם עס איז דאָ עפּעס, וואָס שרעקט זיי). ניט עמעס? איך האָב שפּעטער באַדויערט, וואָס איך האָב זיך ניט דערמאָנט אינעם „בײַשפּיל פֿון די הינדעלעך", ווי איר האָט זיי אָנגערופֿן אין אײַער לעצטן בריוו, ווײַל דאָס וואָלט אײַך געטרייסט אין מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך געשיידט.

איר האָט עפּשער געקלערט, אַז אויך איך האָב ניט קיין כיישעק צו וויינען, ווען מיר האָבן זיך צעקושט באַם געזעגענען זיך אױף ווידערזען? איר האָט עפּשער געקלערט, אַז איך בין געווען צו אַלטעגלעך בעיִס אײַערע געשעענדעטע געפֿילן האָבן פֿראַלאַנגט אַן ענטפֿער, וואָס זאָל זײַן אין אָנ־קלאַנג מיט זיי.

מײַנע טײַערינקע, דאָס וואָלט מיר געווען אַזוי לײַכט, שווין צו לײַכט,

און איך האָב געמוזט בעמעס גוויוער זײַן דעם ניסאָיען נאָכצופּאָלגן אײַער בײַשפּיל און זיך לאָזן באַהערשן דורך די געפילן צוזאַמען מיט אײַך. ווי איך זאָג עס אײַך, וואָלט עס געווען צו לײַכט פּאַר מיר, אָבער דאָס וואָלט קיינעם ניט גענוצט. האָב איך דעריבער אויפגענומען די שוועריקייטן, אַנשטאָט זיי אויסצומײַדן, ווײַל איך האָב אײַך ליב מער ווי זיך אַליין און ווײַל איך ווייס, אַז איר נייטיקט זיך אין מײַן ליבע, מער ווי איך נייטיק זיך אין דער דערלײַכטערונג, וואָס קומט פון טרערן.

אַנשטאָט צו וויינען האָב איך אײַך באַרויִקט, אַף ווי ווײַט איך האָב געקענט, בעמעשעד פון די רעגעס, וואָס זײַנען אונדז געבליבן, און איך האָב אײַך צוגעזאָגט צו שרײַבן. איין זאַך וואָלט איך וועלן איר זאָלט וויסן: די קושן צווישן פּאַפּאַ און מיר עקזיסטירן, האַגאַם אין איצטיקן מאָמענט קענען מיר זיי ניט אויסטוישן.

און האַגאַם עס וואָלט געווען ליב דאָס צו קענען טאָן, איז בלויז אין דער מאָס, אַף וויפל די עלטערן זײַנען אימשטאַנד זיך איבערצוגעבן קעגנזײַטיק און איבערצוגעבן זייערע קינדער דעם נייטיקן קויעד און מוט, קעדיי גוויוער צו זײַן די פּראָבלעמען און „אויסצוהאַלטן", אויב נייטיק — בלויז אין דער דאָזיקער מאָס לעבן די מענטשן בעמעס.

איך ווייס, מײַנע ליבע, אַז אַזאַ מין אויפקלערונג קען ניט פאַרטרעטן דאָס, וואָס האָט אונדז געפעלט און דאָס, צו וואָס מיר האָפן זיך אומצוקערן און דאָס איז ביכלאַל ניט איצט דער מײַן מײַנער. איך וויל בלויז זאָגן, אַז מיר דאַרפן זיך באַמיִען צו בלײַבן רויִק און אָן פּאַניק, קעדיי מיר זאָלן אַמבעסטן זיך קענען העלפן איינע די אַנדערע דורכצומאַכן דעם דאָזיקן ניסאָיען.

איך וועל ווײַטער שרײַבן נאָכן פּאַפּאַס באַזוך פון הײַנט אינדערפרי. דערווײַל שיק איך אײַך איבער דעם דאָזיקן אויפריכטיקן בריוו.

מיט מײַן טיפסטער ליבע און אַלע מײַנע קושן

מ אַ מ אָ.

# רירנדיקער בריוו פון עטל ראָזענבערג צו אַ האָלענדישער מוטער, וואָס האָט איר מיידעלע אַ נאָמען געגעבן עטל־יוליאַ

## געשריבן צוויי וואָכן פאַר דער עקזעקוציע

דעם 6טן יוני 1953, האָט דער האָלענדישער קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקן די ראָזענבערגס, באַקומען אַ בריוו פון עטל ראָזענבערג — אַ געדיכט אין פּראָזע — צו אַ האָלענדישער מוטער אין ראָטערדאַם, וואָס האָט איר ניי־געבוירן קינד אַ נאָמען געגעבן עטל־יוליאַ און וועגן דעם מוידיע געווען עטלען. אָט איז דער טעקסט פונעם דאָזיקן געדיכט:

פאַר פרוי וואַן־האַארען:

פון סינג־סינג קיין האָלאַנד. אַ געוואַלטיקע מאַסע ליגט צווישןביידן: פון מעהאַלער, פון וואַסער, פון מענטשן; אַ האַלבע וועלט פון אומבעראַכמאַנעסדיקן האַרעווען און אַרבעטן, פון בלוט־פאַרגיסן און פאַרשקלאַפונג צעשיידט אונדז. אָבער ניט פאַראַן קיין מעהאַלער, וואָס דאָס מענטשלעכע האַרץ זאָל ניט קענען איבערשפּאַנען; ניטאָ אַזאַ שאַרפער ווייטיק, וועמען דער אויסגעשריי פון אַ ניי לעבן זאָל ניט קענען שענקען קיין נייעם מוט, נייע האָפענונג.

גוטע מוטער פון עטל־יוליאַ, איר זייט אונדז זייער טייער, אין אייער געזיכט קען מען לייענען צערטלעכקייט און שטאָלץ. אַ פּראַכט אַף אים צו קוקן און אייערע אָרעמס האַלטן אַרומגענומען אייער קינד מיט דער אַנטשלאָסענער קראַפט פון אַן עמעסער פרוי. איר זייט אַ מוטער, אַזוי ווי זי איז טאָמיד: פּאָשעט, מילד, אָן שום צירונג, אַכוץ דעם כיין פון ליבע און דערפילונג; אַ געדולדיקע, אַן אומבאַזיגבאַרע, פרוכטבאַרע ווי די פרוכטבאַרע ערד אַליין.

גוטע און גרויסמוטיקע שוועסטער, מעג איך עס מיט אייך טיילן, אָט דאָס קינד פון מיין ביטערן גוירל אָבער ניט פון מיין לייב, דאָס קינד וואָס האָט פון ליבשאַפט וועגן באַקומען אָט דעם נאָמען?

שריי, נאָר אומדערשראָקן, עטל־יוליאַ, דיינע ברידערלעך רופן דיר צו מיט געיובל אַ באָרוך־האַבאָ און שפּאַרן זיך אַרום דיר אָנצורירן דיין בלומען־פּענעמל. שריי, נאָר מוטיק, קליין, פלינק האָלענדיש מיידעלע, און וועק אויף די פאַרשלאָפענע, אַף יענער זייט אַטלאַנטישן אָקעאַן.

דער מאָרדלוסטיקער יאַם קלאַפּט פול מיט סאַקאָנעס אין אַלע ברעגן.

# די צוואָע פון עטל און יוליוס ראָזענבערג

דאָס איז דער לעצטער בריוו פון יוליוס ראָזענבערג צום פאַרטיידיקער עמאַנועל בלאָך, געשריבן דעם 18טן יוני. צו דער דאָזיקער צוואָע האָבן די ביידע מאַרטירער צוגעשריבן אין אָוונט דעם 19טן יוני, איידער זיי זײַנען אַוועק צום טויט, די עטלעכע שורעס, אַלס זייער לעצט וואָרט צו דער וועלט.

18טער יוני 1953.

טײַערער מאַני:

כ'האָב פאַרפאַסט מײַן צוואָע אַזוי, אַז ס'זאָל ניט קענען זײַן קיין שום באַוואָרעניש בענויגייע מײַן ווּנטש, אַז איר זאָלט זיך פאַרנעמען מיט אַלע אונדזערע איניאָנים און איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די קינדער, אַזוי ווי איר האָט עס געטאָן ביז איצט. עטל איז מיט מיר פולשטענדיק מאַסקים וועגן דעם און באַשטעטיקט עס אייגנהאַנטיק.

אונדזערע קינדער זײַנען דאָס שוואַרצאַפּל פון אונדזער אויג, אונדזער שטאָלץ און אונדזער סאַמע טײַערסט אייגן. ליבט זיי פון גאַנצן האַרצן און באַשיצט זיי טאָמיד, קעדיי זיי זאָלן אויסוואַקסן געזונטע און נאָרמאַלע מענטשן. כ'ווייס גוט, אַז איר וועט עס טאָן, אָבער אַלס פּאָטער, וואָס איז שטאָלץ אַף זײַנע קינדער, איב איך אויס מײַנע רעכט, ווענדנדיק זיך מיט דער דאָזיקער ביטע צו אײַך, צו אײַך, מײַן סאַמע טײַערסטער פרײַנט און איבערגעגעבענער ברודער. כ'ליב טיף מײַנע זין.

כ'בין ניט זייער געשטימט צו געזעגענען זיך, ווײַל איך גלייב, אַז גוטע ווערק לעבן אייביק, אָבער כ'קען זאָגן פאָלגנדיקס: כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געליבט דאָס לעבן ווי איצט, ווײַל כ'האָב געזען, ווי שיין ס'קען זײַן די צוקונפט. און ווײַל כ'האָב דאָס געפיל, אַז אין אַ שוואַכער מאָס האָבן מיר צו דעם בײַגעטראָגן, גלייב איך, אַז מײַנע קינדער און מיליאָנען אַנדערע וועלן האָבן דעם נוצן פון אונדזער קאָרבן.

די ווערטער פעלן מיר, ווען איך פּרוביר איבערצוגעבן די נאָבלקייט און די גרויסקייט פון מײַן לעבנס־באַגלייטערן, פון מײַן ליבער, טײַערער פרוי. אונדזער ליבע איז אַ גרויסע ליבע און אונדזער פאַראייניקונג אַ וווּנדערבאַרע פאַראייניקונג, וואָס האָט געמאַכט מײַן לעבן פול און רײַך.

מײַן אַלטע, קראַנקע מוטער איז געווען פאַר מיר אַ קוואַל פון אַ גרויסער נעבאָמע און מיר האָבן טאָמיד געפילט איינער פאַרן אַנדערן ליבע און צוגעבונדנקייט. אין אירע אָנשטרענגונגען לעטויוועס אונדז האָט זי אַרויסגעוויזן עמעסע אויפאָפּפערונג. מײַנע שוועסטער און מײַן ברודער האָבן אונדז פון אָנהייב אָן אונטערגעשטיצט, זײַנען געווען הונדערט־פּראָצענטיק באַ אונדזער זײַט און האָבן געאַרבעט לעטויוועס אונדז. איך קען בעעמעס זאָגן, אַז מײַן פאַמיליע האָט אונדז געהאָלפן אין די צײַטן פון אונדזער גרויסן ניסאָיען.

וואָס שײַעך איַיך, מאַני, באַטראַכטן מיר אײַך ניט נאָר ווי אַ מישפּאָכע־מיטגליד. איר זײַט אונדזער פרײַנט, אַן אויסערגעוויינלעכער פרײַנט. די בינדונגען פון ברידערלעכקייט און ליבע צווישן אונדז זײַנען געוואָרן אויסגעשמידט אינעם קאַמף פאַרן לעבן און פאַר אַלץ, וואָס דאָס לעבן שטעלט פאָר, און דאָס גיט אונדז גרויסע קויכעס. זײַט שטאַרק און פאַרטרעט אונדז: טײַערער, טײַערער פרײַנט, מיר ווינטשן אײַך אַ לאַנג לעבן, קעדיי פאָרצוזעצן אײַער פרוכטבאַרע אַרבעט אין געזונט און גליק, ווײַל איר זײַט אָן שום סאָפעק אַ הערלעכער מענטש, אַ טײַערער פרײַנט און אַן אויפריכטיקער פּאַרטיידיקער פונעם פאָלק. איך גרים אײַך און איך אומאַרעם אײַך פון מײַן גאַנצן האַרצן, מיט מײַן גאַנצער פרײַנטשאַפט.

לאָזט זיי קיינמאָל ניט אָנגרײַפן דעם עמעס וועגן אונדזער אומשולד.

פאַר שאָלעם, פאַר ברויט און פאַר רויזן, מיט פאַשעטער ווירדע, קוקן מיר דעם טאַליען אין פּאָנעם, מיט מוט, צוטרוי און קלאָרזעוודיקייט, ניט פאַרלירנדיק קיינמאָל דעם גלויבן.

ווי טאָמיד

**יוליוס.**

פּ. ס. אַלע מײַנע פּערזענלעכע זאַכן געפינען זיך אין דרײַ קאַרטאָן־קעסטלעך, וועלכע איר קענט אָפּנעמען באַם דירעקטאָר פון טפיסע.

מיט מײַן גאַנצער פרײַנטשאַפט

יוליוס.

---

19טער יוני.

עטל וויל, אַז מען זאָל וויסן, דאָס מיר זײַנען די ערשטע קאָרבאָנעס פון אַמעריקאַנער פאַשיזם.

עטל און יוליוס.

19טער יוני 1953.

# געזעגענונגס־בריוו פון עטל און יוליוס ראָזענבערג צו זייערע קינדער פאַר דער הינריכטונג

19טער יוני 1953.

זייער טײַערער מאַני:

דער נאָכפאָלגנדיקער בריוו דאַרף איבערגעגעבן ווערן מײַנע קינדער.

מײַנע טײַערסטע, ליבסטע, מײַנע פאַרגעטערטע קינדערלעך:

הײַנט פרי האָט מען נאָך געקענט גלייבן, אַז נאָך אַלעמען וועלן מיר נאָך קענען אַמאָל זײַן צוזאַמען. איצט, ווען דאָס איז מער ניט מעגלעך, ווינטש איך אַזוי, אַז איר זאָלט וויסן אַלץ, וואָס איך האָב געלערנט. לײדער קען איך בלויז שרײַבן עטלעכע פּאָשעטע ווערטער. וואָס שײַעך דעם רעשט, דאַרף עס אײַער לעבן אײַך אויסלערנען, אַזוי ווי מײַן לעבן האָט עס מיר אויסגעלערנט.

איך פאַרשטיי, אַז צוערשט וועט איר ביטער וויינען איבער אונדז, אָבער איר וועט ניט זײַן די איינציקע, וואָס וועלן אונדז באַוויינען. דאָס איז אונדזער טרייסט, און ער דאַרף צום סאָף אויך ווערן אײַערער.

איר דאַרפט אויך סאָפקאָלסאָף זיך איבערצײַגן, אַז דאָס לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן. זײַט געטרייסט דורכן געדאַנק, אַז אינעם דאָזיקן מאָמענט אַפילו, ווען אונדזער סאָף דערנענטערט זיך, זײַנען מיר פעסט אין דעם איבערצײַגט, מיט אַ קויעך, וואָס טריומפירט איבערן טאַליען.

אײַער לעבן דאַרף אײַך אויך אויסלערנען, אַז דאָס גוטס קען ניט אַף אַן עמעס זיך אַנטוויקלען אין דער מיט פונעם שלעכטס, אַז די פרײַהייט און אַלע זאַכן, וואָס מאַכן דאָס לעבן בעעמעס ווערט געלעבט צו זײַן דאַרפן צומאָל טײַער באַצאָלט ווערן.

געפינט אַלזאָ אַ טרייסט אינעם וויסן, אַז מיר האָבן פאַרשטאַנען אַפן טיפסטן אויפן, דאָס די ציוויליזאַציע האָט נאָך ניט דערגרייכט דעם אַנטוויקלונגס־פונקט, אַף וועלכן עס וועט מער ניט נייטיק זײַן מאַקריוו צו זײַן דאָס לעבן, קעדיי צו ראַטעווען דאָס לעבן גופע; און אַז מיר האָבן געפונען אונדזער נעכאָמע אין דער זיכערקייט, דאָס אַנדערע נאָך אונדז וועלן גיין פאָרויס.

מיר וואָלטן געוואָלט האָבן די אומגעהײַערע פרייד און באַפרידיקונג צו לעבן מיט אײַך ביזן סאָף פון אונדזערע טעג. אײַער פאָטער, וועלכער איז מיט מיר אין אָט די לעצטע שאָען, וואָס זײַנען אַזוי וויכטיק, שיקט אײַך זײַן האַרץ און די גאַנצע ליבע, וואָס עס אַנטהאַלט פאַר זײַנע געליבטע זין. געדענקט טאָמיד, אַז מיר זײַנען געווען אומשולדיק און האָבן ניט געקענט פאַרראַטן אונדזער געוויסן.

מיר דריקן אײַך צו זיך און קושן אײַך מיט אַלע אונדזערע קויכעס. מיט אונדזער גאַנצער ליבע, פּאַפּאַ און מאַמאַ

יוליוס - עטל.

פּ. ס. צו מאַני: איך בעט אויך איבערצוגעבן מײַנע קינדער, אַלס צייכן פון אונדזער אומפאַרגענגלעכער ליבע, די אַסערעס האַדיברעס, דעם רעליגיעזן מעדאַליאָן מיטן קייטל און מײַן קעדושע-רינגל.

דעם 19טן יוני, עטלעכע שאַ פאַר דער עקזעקוציע האָט עטל ראָזענבערג אָפּגעשיקט דעם ווינטערדיקן בריוו צום פאַר־טיידיקער אדוואָקאט עמאַנועל בלאָך.

טייערער מאַני:

איך שיק מיין גאַנץ האַרץ צו אַלע, וואָס האָבן מיך ליב. איך בין ניט אַליין און איך שטאַרב מיט ווירדע און מיט קאָוועד, וויסנדיק, אַז מיין מאַן און איך וועלן רעהאַביליטירט ווערן דורך דער געשיכטע. איר וועט טאָן דאָס, וואָס מען דאַרף, קעדיי אונדזערע נעמען זאָלן בלייבן קלאָרע און זאָלן ניט באַשמוצט ווערן דורך די שקאָרים. איר וועט עס טאָן אַזוי, ווי איר האָט עס גע־טאָן בײַ אונדזער לעבן מיט אַזאַ פולשטענדיקער איבער־געגעבנקייט.

איר האָט געמאַכט אַלץ, וואָס איז געווען מעגלעך. מיר זיינען די ערשטע קאָרבאָנעס פון אַמעריקאַנער פאַשיזם.

מיט מיין גאַנצער ליבע

ע ט ל

# פולער טעקסט

פון דער לעצטער באַגנאַדיקונגס־ווענדונג פון
עטל און יוליוס ראָזענבערג

צום

פרעזידענט אייזענהאַוער

מיר, יוליוס ראָזענבערג און עטל ראָזענבערג, מאַן און פרוי, זײַנען איצט פאַרשפּאַרט אין טויטן־הויז פון דער טפיסע סינג־סינג, אין דער־וואַרטונג פון דער עקזעקוציע אָף דער עלעקטרישער שטול דעם 18טן יוני, אינעם 14טן יאָרטאָג פון אונדזער כאַסענע. מיר מאַכן צו אײַך די דאָזיקע ווענדונג, קעדיי איר זאָלט זיך באַנוצן מיט אײַער העכסטער מאַכט, אויס־מײַדנדיק „אַ פאַרברעכן, וואָס איז ערגער ווי אַ מאָרד": אונדזער אומ־גערעכטן טויט.

מיר האָבן זיך שוין איין מאָל געוואָנדן צו אײַך. מיר האָבן דער־קלערט, אַז דער אורטייל, וואָס איז קעגן אונדז אַרויסגעטראָגן געוואָרן איז קעגן דעם עמעס און די זיטן פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

מיר האָבן געזאָגט דעם עמעס: מיר זײַנען אומשולדיק.

ווידעראָמאָל פּראָקלאַמירן מיר פײַערלעך אונדזער אומשולד.

אויב מיר וועלן שטאַרבן, וועט אַמעריקע זײַן שולדיק אין דער דאָזי־קער אַפּערע. אויב מיר וועלן שטאַרבן, וועט די כאַרפּע פון אונדזער טויט שענדן די איצטיקע גענעראַציע און לייגן אַ שטעמפּל אָף דער געשיכטע ביזן מאָמענט, ווען די קומענדיקע אַמעריקאַנער וועלן איבערנעמען אונ־דזער יערושע פון עמעס, פון יושער און גלײַכהייט לעגאַבע דעם געזעץ.

אונדזער פּראָצעס האָט געשאַפן נײַע יורידישע פּרעצעדענטן אין דאָזיקן לאַנד, שענדלעכע פּרעצעדענטן, אומיושערדיקע, אוממענטשלעכע און וועל־כע אָנערקענען ניט פאַרן מענטשלעכן לעבן אַפילו ניט די שוץ, פון וועלכע עס געניסט דאָס רעכט פון אייגנטום.

די העכסטע גערייכטלעכע אינסטאַנץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דער העכסטער טריבונאַל, טראָגנדיק אין זײַנע זאַלן, באַדעקטע מיט ווײַסן מאַרמאָר, האָט נאָר וואָס אונדז אָפּגעזאָגט אָפּצולייגן די עקזעקוציע און אין אָנבליק פונעם אַזוי נאָענטן טויט — אונדז פאַרמאַכט זײַנע טירן, אָפּזאָגנדיק זיך צו באַטראַכטן די איקער־פראַגן, וואָס דערגייען ביזן טאָך פון די באַשולדיקונגען און פונעם אורטייל, וואָס טרעפן אונדז. און דאָך — און דאָס איז אַ געשעעניש, וואָס האָט ניט קיין פּרעצעדענט אין דער געשיכטע פון אונדזערע טריבונאַלן, האָבן פיר ריכטער — פיר פון צווישן

די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דעם דאָזיקן טריבונאַל זיך אַרויסגעזאָגט אונדז צו לאָזן לעבן, אַמווייניקסטן אין מעשׂעד פון דער צײַט, וואָס איז נייטיק אַף אונדז צו דערמעגלעכן זיך צו באַרעכטיקן פאַר זיי ; אַזוי אַרום איז אונדז אָפּגעזאָגט געוואָרן די דאָזיקע מעגלעכקייט, פאַר וועלכער מיר האָבן זיך געשלאָגן זי צו באַקומען.

אַנשטאָט דעם, פּײַניקן אונדז אונדזערע באַשולדיקער, אומבאַטנדיק אונדז פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן טויט דאָס לעבן, פאַרן פּרײַז פון מודע זײַן זיך, אַז מיר זײַנען שולדיק. קורץ פאַר דער דאַטע פון דער עקזעקוציע — גלײַך ווי זיי וואָלטן געוואָלט שפּילן ביזן סאָף אַף דער מורדע פאַרן טויט און דער ליבע צום לעבן — איז אַ זייער הויכער שליח געקומען אונדז מאַכן דעם דאָזיקן אומרייַנעם פאָרשלאָג. מיר וואַרפן אָפּ דעם דאָזיקן שענדלעכן מיסכער און דאָס עפּעס אין מאָמענט, ווען מיר לעבן די לעצטע געציילטע טעג פון אונדזער יונג לעבן. מיר ווילן ניט אײַנגיין צו באַשמוצן אונדזערע נעמען מיט פאַלשע איידעס־זאָגן, קעדיי זיך צו ראַטעווען. הער פּרעזידענט, מאַכט ניט אומווירדיק אַמעריקע, שטעלנדיק אַלס באַדינג פאַר אונדזער רעכט צו בלײַבן לעבן, אַז מיר זאָלן אָנערקענען אַ פאַרברעכן, וואָס מיר זײַנען ניט באַגאַנגען !

איר קענט וועלן אונדז ניט גלייבן, אָבער די שאַנד פון אונדזער אורטייל האָט טיף שוין טיף אַרײַנגעדרונגען אינעם באַוווסטזײַן פון די פאַרנונפטיקע מענטשן. די ריכטער בלעק און דוגלאַס (און, אָן צווייפל, פּונקפורטער, אויך אַ מיטגליד פון העכסטן געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן) האָבן געמאַכט באַקאַנט, אַז זיי זײַנען ניט געווויגט איבערצולאָזן דער געשיכטע זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דער ריכטיקייט פון די טויט־אורטיילן, וואָס זײַנען דערגרייכט געוואָרן דורך אַ פּראָקוראָר, וועמענס האַנדלונג האָט, ווי דאָס האָט דערקלערט דאָס אַפּעלאַציע־געריכט — ניט געקענט „צו שטרענג געאורטיילט ווערן", און וועלכע איז געווען „פולשטענדיק טאַדלהאַפט" און אַף אַזוי ווײַט פול מיט שאָדן פאַר אונדז, אַז „אַ רעוויזיע פון פּראָצעס וואָלט געדאַרפט צוגעשטימט ווערן".

איר קענט ניט גלייבן אונדז, ווײַל די אַקטן פון אונדזער פּראָצעס אַנטהאַלטן אַן אורטייל, וואָס אָנערקענט אונדזער שולד. און דאָך האָבן מיר, אַפּן סמאַך פון דאָזיקן דאָקומענט גופא, פאַרטיידיקט אונדזער אומשולד. דעם דאָזיקן דאָקומענט, וועלכער אַנטהאַלט, לויט דער רעגירונג, די גאַנצע קראַפט פון איר טענה, האָבן מיר געלאָזט אָפּדרוקן אין פולן טעקסט אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן ; ער האָט איבערצײַגט אַנצאָליקע מענטשן וועגן אונדזער אומשולד און האָט דערוועקט באַ אַ נאָך גרעסערער צאָל מענער און פרויען אַ טיפן צווייפל אין דער גערעכטיקייט פון אורטייל.

די גאַנצע וועלט גלייבט ניט אין אונדזער שולד ; די דאָזיקע האַלטונג איז רעזומירט אין דער שטאַרק דורכגעטראַכטער קאָנקלוזיע פון דאָקטער האַראָלד אורעי, אונדזער גרעסטער אַטאָמישער פיזיקער, וועמענס וויסנ־שאַפטלעך ווערק שטעלט מיט זיך פאַר אַ גרויסן ביישטייער צו אונדזער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג.

„דער פאַל פון די ראָזענבערגס — האָט ער דערקלערט — איז אַ פּאַטש אין פּנים דער לאָגיק און דער גערעכטיקייט . . . ער שטיצט זיך אָפּ אָן איידעס־זאָגן, וואָס איז באַשיינפּערלעך פאַלש".

איר קענט ניט וועלן אונדז גלייבן, אָבער די עטלעכע קורצע כאָדאָ־שים, וואָס זיינען פאַריבער זינט אונדזער לעצטער אַפּעלאַציע צו אייך, האָבן באַשטעטיקט אונדזער פאָרויסזאָגונג : די צייט און די געוויסנס וועלן אין זייער אומפאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג אַרויסברענגען אונדזער אומ־שולד.

דאָקומענטן, וואָס זיינען לעצטנס אויפגעדעקט געוואָרן, באַווייזן אָפּ אָן איבערצייגנדיקן אופן — אַן אופן, וואָס וואָלט ניט געקענט זיין מער איבערצייגנדיק, ווי בלויז אין פאַל פון אַ צוריקציִען זיך מיצאַד גרינגלאַסן — דעם הויפּט־איידעס פון דער פּראָקוראַטור, וועלכער געפינט זיך אין טפיסע אונטער דער פּראָטעקציע פון דער רעגירונג און וועמענס פרוי איז אינגאַנצן פריי, אָבער אונטער דער פּערמאַנענטער דראָונג פון אַ מעגלעכער באַשולדיקונג פאַר אַ גרויסן פאַרברעכן, אין וועלכן זי האָט זיך מודה געווען — די דאָזיקע דאָקומענטן באַווייזן, אַז די גאַנצע אַפּערע, וואָס איז קעגן אונדז פאַבריצירט געוואָרן, שטיצט זיך אָפּ אַ פּיראַמידע פון ליגנס. די דאָזיקע נייע דאָקומענטן וואָלטן מינדעסטנס געדאַרפט אייך אי־בערצייגן, אַז דער סאַפּעק איבער אונדזער שולד איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז דאָס געוויסן פאַרלאַנגט מיר זאָלן בלייבן לעבן.

מיר האָבן פאַרגעשטעלט די טריבונאַלן באַווייזן וועגן גרינגלאַסעס „נייגונג צו היסטעריע, באַשטעטיקט דורך זיין פרוי גופא, וועלכע שטעלט פעסט — קענענדיק אים זינט דער עלטער פון צען יאָר — „אַז ער דער־ציילט זאַכן, אַפילו ווען זיי זיינען ניט עמעס".

מיר האָבן צוגעשטעלט דאָקומענטאַרע באַווייזן, פון וועלכע עס דרינגט אַרויס, אַז דאַוויד גרינגלאַס, אַ געפאַנגענער דורך זיינע אייגענע פאַרברעכנס, און פול מיט היסטערישער מוירע פאַר זיין לעבן און פאַרן לעבן פון זיין פרוי רוט, האָט נאָכגעפּלאַפּלט זיין אַלטע געוווינהייט פון ליגנ־זאָגן, ווערנדיק אויסגענוצט דורך זיין פרוי — אַ ביטערער מענטש, וואָס איז פּונקט אַזוי שולדיק ווי איר מאַן — קעדיי צו פאַבריצירן שטיקלעכ־ווייז אַ מאָנסטעריעזע געשיכטע, וואָס האָט אונדז דערפירט, אונדז, וועלכע

זײַנען פון זעלבן לײַב און פון זעלבן בלוט, אָפּ לאַנגן און שרעקלעכן וועג פון טויט.

מיר האָבן צוגעשטעלט דאָקומענטן וואָס באַווײַזן, אַז דאַוויד גרינגלאַס האָט אויסגעפּירט אַ גנייווע פון אוראַניום אין לאָס אַלאַמאָס, אַן אונטערנעמונג אין וועלכער מיר זײַנען, לויט אַלעמענס מיינונג, קיינמאָל ניט געווען פאַרמישט. דעם דאָזיקן פאַקט האָט ער און זײַן פרוי פאַרבאַהאַלטן פאַרן פראָצעס; אַזוי אַרום האָבן זיי געזוכט אויפצוהאַלטן די לעגענדע, אַז זיי זײַנען געווען ניט מער ווי פּעאָנען אין אונדזערע הענט, און צו פאַרבאַהאַלטן די פּערזענלעכע סיבעס, וואָס האָבן זיי געשטויסן צו שליסן אַ מיסכער מיט דער רעגירונג, ווערנדיק אירע „מיטאַרבעטער", קעדיי אונדז צו באַשולדיקן און זיך אַליין צו ראַטעווען.

און ווירקלעך: ווער קען זאָגן, וועלכעס איז דאָס ריכטיקע פאַרברעכן, וואָס גרינגלאַס איז באַגאַנגען, קעדיי דאַוויד זאָל אַננעמען דעם שווידערלעכן באַשלוס צו שיקן זײַן אייגענע שוועסטער צום טויט! וואָרעם מיר האָבן באַווײַזן, אַז ער האָט אָנערקענט, אַז ער האָט געזאָגט ליגן אין מאָמענט פון זײַן אַרעסט וועגן די „שפּיאָנאַזש"־מאַטעריאַלן, וואָס ער זאָל האָבן איבערגעגעבן גאָלדן.

זײַן אײדעס־דערקלערונג אָפּן פּראָצעס איז געוואָרן אויסגעטראַכט שפּעטער. זי איז אַרויסגעדרונגען פון זײַן כאַיעשן ווילן זיך אַליין צו ראַטעווען און צו ראַטעווען זײַן פרוי, די מוטער פון זײַנע קינדער. דאָס דרינגט אַרויס פון די נײַע באַווײַזן, וואָס מיר האָבן צוגעשטעלט, און פון וועלכע עס איז צו זען, אַז אין אָנהייב האָט ער ניט באַשולדיקט קיין איינעם ניט פון אונדז ביידן און האָט ניט געזאָגט, אַז דאָס באַהאַנדלטע פאַרברעכן איז אַ „מאָרד": די גנייווע פונעם „סאָד" פון „אַ פאַרברעכן, וואָס איז ערגער ווי די אַטאָמישע באָמבע".

מיר האָבן צוגעשטעלט אַ זאַכלעכן באַווײַז, וואָס די באַשולדיקונג האָט קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט אָפּן פּראָצעס, קעדיי צו באַווײַזן, אַז די גרינגלאַסעס און די רעגירונג האָבן צוזאַמענגעאַרבעט אָף צו פאַבריצירן אַ פאַלשן אײדעס־זאָגן, לויט וועלכן מיר האָבן געהאַט אין אונדזער וווינונג אַ טיש פון אַ גרויסן ווערט, וואָס איז ספּעציעל געווען אויסגעשטאַט, קעדיי צו מאַכן מיקראָפילמען און וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן דורך די „רוסן". דאָס דאָזיקע מעבל־שטיק געניגט צו צעקלאַפּן די אײדעס־דערקלערונג פון גרינגלאַסן. דער דאָזיקער טיש, וואָס איז גאַנץ ווײַט פון צו זײַן „ספּעציעל אויסגעשטאַט", האָבן מיר, ווי מיר האָבן עס באַווײַזן אָפּן פּראָצעס, געקויפט אין די גרויסע מאַגאַזינען „מעסיס" פאַר אַן ערעך פון 21 דאָלער.

מיר האָבן צוגעשטעלט דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן די אומגלויב־לעכע אומוואַרשיינלעכקייטן פון גרינגלעסעס איידעס־זאָגן קעגן אונדז.

בעיס מיר געפינען זיך אין אָנבליק פון טויט, האָט די רעגירונג צו־ערשט פאָרגעשלאָגן, אַז קיין איינער פון די גרינגלאָסעס זאָל ניט ווערן באַשולדיקט אינעם פאַרברעכן.

די אומפּאַרטייִשקייט פונעם „מיסכער" איז געווען קלאָר. דער פּאַר־שלאָג האָט געענדערט זײַן פאָרעם, אָבער ניט זײַן אינהאַלט: רוט, די פרוי, וועט ווערן באַפרײַט און דאַוויד, האָגאָם ער איז געווען באַצייכנט אַלס באַשולדיקטער, וועט ניט באַקומען קיין שטראָף. צום סאָף, ערשט נאָכדעם ווי אונדזער אַדוואָקאַט האָט אויסגעדריקט פאָרן טריבונאַל זײַנע פאַר־דאַכטן איבערן עקלהאַפטן האַנדל, וואָס ווערט געפירט, האָט די רעגירונג, קעדיי צו ראַטעווען איר פּרעסטיזש, פאָרגעשלאָגן, אַז דאַוויד גרינגלאָס זאָל באַקומען אַ טפיסע־שטראָף אַף אַ צײַט. דער דאָזיקער נידערטרעכטי־קער „מיסכער" איז, ווי מיר זעען, אַדורכגעפירט געוואָרן: רוט איז פרײַ, דאַוויד וועט קירצלעך באַפרײַט ווערן. מיר אָבער געפינען זיך אין טויטן־הויז.

מיר האָבן זיך געווענדעט צו די טריבונאַלן אָפּצוואַרפן דעם סקאַנ־דאַליעזן אורטייל, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך שווינדל און אויס־געפירט געוואָרן דורך ליגנס.

אונדזער רעכט צוצושטעלן באַווייזן אָפן, פאַר דער העלער שײַן, איז ניט אָפּגעהיטן געוואָרן. מען שטערט אונדז צו לאָזן אויפדעקן דעם שווינדל און דעם ליגן. מען האָט אונדז פאַרווערט אויסצונוצן אַלע מעגלעכקייטן פון לעגאַלע אַפּעלאַציעס. מען האָט אונדז געגעבן בלויז דעם אַפּאַראַט פון דער יוסטיץ אָבער ניט די עצעם גערעכטיקייט.

אונדזער טויט, וואָס איז צוגעאײַלט געוואָרן מיט דער בעקיוונדיקער פאַרבלענדונג, פון די וואָס ווילן ניט זען די מאַכינאַציע — צי וועט אַזאַ טויט ראַטעווען די אַמעריקאַנער יוסטיץ, ווען די געשיכטע וועט צוריק אויפדעקן די ספייקעס, וועלכע זײַנען ניט גענוג פאַרהוילט געוואָרן?

די קעגנוואָרט שפּיגלט אָפּ די צוקונפט. נאָך קיינמאָל, ווי ביז איצט, זײַנען די מענטשן פון אַלע נאַציעס און פון אַלע לעבנס־געביטן, ניט גע־ווען אַזוי טיף דערשיטערט דורך אונדזער נאָענטן גורל. דער אוממענטש־לעכער טויט־אורטייל קעגן אונדז האָט שוין שטאַרק אויפגעטרייסלט דעם מאַראַלישן זין פון דער וועלט.

אויב איר ווילט ניט הערן **אונדזער שטימע**, טאָ הערט די שטימע פון דער וועלט.

הערט דעם פויפּסט, וואָס האָט דרײַ מאָל גענומען דאָס וואָרט אין

נאָמען פון דער קריסטלעכער באַרמהאַרציקייט; הערט אָט דעם דאָזיקן פראַנצויזישן קאַרדינאַל, וואָס „ווינטשט ליידנשאַפטלעך", אַז אונדזערע לעבנס זאָלן געשוינט ווערן אין נאָמען „פון ראַכמאָנעס און פון פרידן". הערט דעם רוף פון 3000 פון אונדזערע פראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרן, וואָס בעטן אייך אין נאָמען פון גאָט. הערט אונדזערע ראַבאָנים פון פראַנקרייך, „אין נאָמען פון אונדזער געמיינזאַמען אידעאַל, פון גערעכטיקייט און פון גרויסמוטיקייט".

הערט די שטים פון באַרימטע מענטשן און פון פּאַשעטע מענטשן: פון איינשטיינען מיט אַ לעגענדאַרן נאָמען, ביז צו די אַרבעטנדיקע אין די לאַבאָראַטאָריעס פון מאַנטשעסטער; פון די סטודענטן, וועלכע קעמפן אין גרענאָבל, ביז די פּראָפעסאָרן פון אָקספאָרד; פון די באַרימטסטע רעזשיסאָרן פון רוים ביז די אַרטיסטן פון לאָנדאָן; פון די ליעזשער דאָקערס ביז די ביינוול־קלויבער אין אינדיע; פון די איטאַליענישע פּויערים ביז די פּראָפעסאָרן פון יִשׂראל; פון פראַנסואַ מאָריאַק, דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ליטעראַטור, ביז די זשורנאַליסטן פון מעקסיקע; פון די ראָטערדאַמער סטענאָ־דאַקטילאָס ביז די טראַנספּאָרט־אַרבעטער פון ענגלאַנד; פון די אַרבעטער פון דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע אין דעטראָיט ביז צו די פּאַריזער מעטאַל־אַרבעטער; פון מאַרטען אַנדערסען־נעקסאָ אין דענעמאַרק, ביז סיקעיראָס אין מעקסיקע; פון אַננאַ זעגערס אין דייטשלאַנד, ביז זשאָרזש דיהאַמעל אין פראַנקרייך; פון אויסטראַליע ביז אַרגענטינע; פון אורוגוויי ביז שוועדן; פון קובאַ ביז קאַנאַדע און ניי־זעלאַנד.

לייענט די טאַנגן פּעטיציעס, בריוו, פּאָסטקאַרטן, וואָס הויפן זיך אָן אויף אייער ביוראָ און וועלכע ווערן אייך געשיקט דורך אָרנטלעכע און ערלעכע מענטשן פון אונדזער לאַנד. זיי האָבן דעפּילירט פאַר אייער טיר מאַסנווייז, ווי נאָך קיינמאָל ניט. זיי האָבן ברידער און שוועסטער אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, אין מעלבורן, אין בוענאָס־איירעס, אין אָטאַוואַ, אין רוים. זיי פאָדערן בײַ אייך, ניט צו מאַכן פון אונדזערע קינדער צוויי יעסוימים. זיי בעטן אייך אין נאָמען פונעם וועלט־געוויסן פון ברידערלעכקייט, פון מענטשלעכקייט און פון פרידן אונדז צו לאָזן בײַם לעבן.

הערט די שטים פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן און פּאַשעטע מענטשן פאַרן וויל און פאַר דער רעטונג פון אַמעריקע.

הערט זיך ניט צו בלויז צו אונדזערע באַשולדיקער פון יוסטיץ מיניסטעריום, וואָס דאָס גאַנצע מאַכט פון זיי אייערע ראַטגעבער אין דורכפירן אייערע רעכט פון באַגנאַדיקונג. צי איז דען ניט זייער מיינונג דעפאָרמירט דורך זייער אינטערעס אויסצופירן דורך אונדזער טויט אַ שטרייטבאַרן אורטייל? דער פאַקט, וואָס זיי האָבן ניט דערלאָזט עס זאָלן דער־

גרייכן צו אײַך די איבערצײַגנדיקסטע אַפּעלן לעטוויוועס אונדז — צי וואַרפט ניט דער דאָזיקער פאַקט אַ סאָפּעק אַף דער ערלעכקייט פון זייערע אייצעס?

לאָמיר זיך דערמאָנען דזשאָן דע סטראַגומבורג, דעם ענגלישן גאַלעד פונעם בוך „די הייליקע דזשאָן" פון בערנאַרד שאָו. ער, וועלכער איז געווען איינער פון די בלוטדורשטיקסטע ריכטער, איינער פון די פאַרביסנסטע אַף צו פאַדערן, אַז דזשאַן זאָל פאַרברענט ווערן, איז שיר ניט מעשוגע געוואָרן פון געוויסנסביסנס און פאַרצווייפלונג, ווען ער איז צוריקגעקומען פון „רומפּולן" ספּעקטאַקל.

> „איך ווייסט ניט; איך האָט ניט געזען; עס איז לײַכט צו ריידן ווען איך ווייסט ניט; איך פאַרשיקערט זיך מיט ווערטער; איך פאַראורטיילט אײַער אייגענע נעשאָמע, ווײַל עס זעט אויס רומפּול צו גיסן אייל אַפּן ברענענדיקן גענעם פון אייגענעם צאָרן; אָבער ווען איך געפינט זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער אָפּגעטוענער זאַך, ווען איך דערזעט וואָס איך האָט אָפּגטאָן, ווען דאָס פאַרבלענדט אײַערע אויגן, ווען דאָס פאַרשטאָפּט אײַערע נאָזלעכער, ווען דאָס רײַסט אַרויס אײַער האַרץ — דאַן, דאַן — אַ גאָט, נעמט אַוועק פון מיר די דאָזיקע וויזע, אַ קריסטוס! באַפרײַט מיך פון דאָזיקן פײַער, וואָס ברענט מיך... זי האָט פון פײַער אַרויס, צו אײַך געשריגן: יעזוס! יעזוס! יעזוס! זי איז אין אײַער שויס און איך — איך בין אין גענעם אַף אייביק".

מיר בעטן אײַך הער פּרעזידענט, ציוויליזירטער שעף פון אַ ציוויליזירטער נאַציע, צו מישפּעטן אונדזער רוף מיט פאַרנונפט און מענטשלעכקייט און פאַרגעסט ניט — מיר זײַנען אַ טאַטע און אַ מאַמע.



# די לעצטע שאָען פון די צוויי העראָישע מאַרטירער

צוויי טעג זיינען די אויגן פון דער גאַנצער וועלט געווען געוואָנדן צו דער טפיסע סינג־סינג, אין דער ניו־יאָרקער פאָרשטאָט אָסינינג, צווישן וועמענס מויערן צוויי מענטשן: עטל און יוליוס, האָבן געוואַרט אַף דער אַנטשיידונג איבער זייער לעבן.

מיט אַ טאָג פריִער, ווען דער ריכטער דוגלאַס האָט נאָך אַ 12שאָעדיקן שטודיום פון די אַקטן באַשלאָסן אָפּצולייגן די עקזעקוציע, האָט זיך געקענטדורכטן, אַז דער טויט איז אַף איין טריט צוריקגעטראָטן. אָבער די רויב־כאַיעס לאָזן ניט אַזוי לייכט אַרויס זייער רויב. און אָט איז דער טויט ווידער אַריין אין דער טפיסע און זיך געזעצט אַף דער לויער. ער האָט געוואַרט אַף דער אַנטשיידונג פון דער העכסטער גערִיכטלעכער אינסטאַנץ פון די פאַר. שטאַטן, וואָס איז זיך צונויפגעקומען, דרינגענדיק צונויפגערופן — דורכן יוסטיץ־מיניסטער בראַונעל און דורך איר פרעזידענט, ווינסאָן, קעדיי צוניִשט צו מאַכן דעם באַשלוס פון דוגלאַסן.

פרייטיק, דעם 19טן יוני, פונקט 21 מינוט נאָך פינף (פאַריזער צייט) האָט דאָס געריכט זיך צוריקגעצויגן צו זיין באַראַטונג און קוים 17 מינוט שפּעטער זיינען די ריכטער שוין געווען צוריק מיטן באַשלוס צו אַנולירן די אַנטשיידונג פון דוגלאַסן. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן מיט 6 קעגן 3 שטימען.

און אין זעלביקן מאָמענט — דער פרעזידענט האָט קוים באַוויזן צו שליסן די זיצונג — ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילד געיעג, וואָס גייכער אומצוברענגען די ביידע מאַרטירער. ווי אַ בלוטדורשטיקע כאַיע וואַרפט זיך גיריק אַף איר קאָרבן, אַזוי האָט דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום מאָביליזירט זיין גאַנצן אַפּאַראַט, די גאַנצע געלויבטע אַמעריקאַנער טעכניק. טעלעפאָנען האָבן גענומען קלינגען, טעלעגראַמעס פליִען. מיט אַן אומגלויבלעכער סאַדיסטישער האַנאָע האָט מען זיך געאיילט אָנצוזאָגן די דורך דוגלאַסעס אינטערווענץ „פאַרזאַמטע צייט".

קוים אַ שאָ נאָכן באַשלוס פון געריכט האָט אייזענהאַוער שוין געלאָזט דערקלערן דורך זיין שטעל־פאַרטרעטנדיקן פרעסע־סעקרעטאַר, אַז ער וואַרפט אָפּ די באַגנאַדיקונג. די באַגנאַדיקונגס־באַקאָשע איז אים צוגעשיקט געוואָרן דורכן יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט דעם זעלבן טאָג. ווען האָט דער פרעזידענט געהאַט צייט צו לייענען דעם דאָקומענט פון איבער צען זייטן? זיין ענטפער איז, מאַשמאָעס, שוין געווען פאַרטיק פון פריִער.

די סאַדיסטישע איילעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אַפילע

ניט דערלויבט די ראָזענבערגס זיך צו געזעגענען מיט זייערע קינדער, מי־כאעל און ראָבי, וועלכע זיי האָבן צו מלעצטן מאָל געזען ־דינסטיק. אַז אַפילו זייער פאַרטיידיקער, אַדוו. בלאָך, האָט ניט געהאַט מער קיין מעג־לעכקייט צוריקצוקומען קיין ניו־יאָרק, קעדיי זיך מיט זיי צו געזעגענען.

## היפּאָקריזיע פון טאַליאָנים

אין אַ סאַדיזם, וואָס פּאַרט זיך מיט צוואַקישן ציניזם, ווערט די שאָ פון דער עקזעקוציע באַשטימט, צוערשט אַף 11 אַזייגער באַנאַכט (ד"ה 4 אַזייגער אינדערפרי פּאַריזער צייט), אַריבערגעטראָגן אַף עטלעכע שאָ פריער. דער באַפעל איז קאַטעגאָריש: די עקזעקוציע מוז פּאַרקומען פאַר 8.31 אָוונט (ניו־יאָרקער צייט). פאַרוואָס? ווייל — קומט דער צינישער ענטפער — היינט איז פרייטיק און די פאַרמישפּטע זיינען ייִדן. מיר קע־נען זיי ניט אומברענגען אום שאַבעס. מיר מוזן עס טאָן נאָך פאַר ליכט־בענטשן. און ליכט־בענטשן פאַלט אויס דעם פרייטיק אַף איין און דרייסיק מינוט נאָך אַכט.

איר הערט, מיט וועלכער אַמעריקאַנער גענויקייט און „רעספּעקט" פאַר ערליגיע דאָס ווערט באַשטימט: איין און דרייסיק מינוט (ניט דריי־סיק, ניט פינף און דרייסיק, נאָר פּונקט איין און דרייסיק...) און אונטערן פּרעטעקסט פון היפּאָקריטישער רעליגיעזיטעט ווערט באַשלאָסן צו דער־מאָרדן די מאַרטירער מיט עטלעכע שאָ פריער.

## די לעצטע באַמיִונגען

עס איז אָבער דאָ אַ מענטש, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן. ער וויל נאָך פּרובירן די לעצטע פאַרצווייפלטע באַמיִונגען. דער דאָזיקער מענטש איז דער פאַרטיידיקער פון די ראָזענבערגס, אַדוואָקאַט עמאַנועל בלאָך. ער גייט צום ווייסן הויז. ער וויל זען דעם פּרעזידענט. אָבער דער פּאָלי־ציאַנט, וואָס שטייט אַף דער וואַך באַם אַריינגאַנג, לאָזט אים ניט אַריין. ער האָט זיינע אָנווייזונגען, דער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אַ נאָמען מאַק־קאַרטי. אַ סימבאָל... בלאָך מוז אַוועק. ער לאָזט איבער אַ בריוו פון עטל ראָזענבערג. אינעם דאָזיקן בריוו דערמאָנט זי אייזענהאַוערן, אַז אַף זיין אינטערווענץ האָט דער פּרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַקיע באַפרייט אָאַטיסן. זי בעט אים צו פאַרשוינען איר לעבן און דאָס לעבן פון איר מאַן.

אייזענהאַוער לייענט דעם בריוו. ער וואַרפט אָפּ, זיך ניט פאַר־טראַכטנדיק אַפילו אַף קיין רעגע, די לעצטע באַקאָשע.

אומזיסט לויפט בלאָך פון איין ריכטער צום אַנדערן מיט דער פאַר־צווייפלטער ביטע אָפּצולייגן די עקזעקוציע; אומזיסט בעט אַדוו. מאַרשאַל באַם ריכטער קויפמאַן אָפּצולייגן די עקזעקוציע כאָטש אַף אַ פּאָר שאָ, קעדיי ער זאָל קענען צוגרייטן אַ נייע ווענדונג, געשטיצט אַף אַ נייעם געזעץ. אומזיסט. אייזענהאַוער, די ריכטער, דער יוסטיץ־מיניסטער, זיי איילן זיך. זיי דאַרפן וואָס גיכער דאָס בלוט פון די ראָזענבערגס, זייערע פאַר־סאַרפעטע קערפּערס, און דעריקער: פאַר שאַבעס. ניט פאַרשפּעטיקן, כאָ־לילע עס צו טאָן פאַר ליכט־בענטשן...

## „דאָס זײַנען כאַיעס" — שרײַט אויס אַדוואָקאַט בלאָך

ווען דער אַדוו. בלאָך דערוויסט זיך, אַז די עקזעקוציע דאַרף פאָרקומען נאָך פאַרן זון־פאַרגאַנג, ברענגט ער צום אויסדרוק זײַן גאַנצן צאָרן אין פאָלגנדיקער דערקלערונג פאַר דער פרעסע:

„די האַנדלונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אינעם ראָזיקן פּראָצעס אַנטפּלעקט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די לײַט וואָס רעגירן אונדז, זײַנען גרעסערע באַרבאַרן ווי די נאַציס, ווען די לעצטע זײַנען געווען בײַ דער מאַכט אין דײַטשלאַנד.

„איך בין פעסט איבערצײַגט, אַז אײַזנהאַוערס האַנדלונג באַווײַזט, דאָס מיר לעבן אונטער אַ מיליטערישער דיקטאַטור, פאַרקליידט אין ציווילע מאַלבושים.

„איך ווייס ניט מיט וואָס פאַר אַ כאַיעס איך האָב צו טאָן, אָבער איך בין איבערצײַגט, אַז דאָס זײַנען כאַיעס".

„דאָס איז מײַן פּערזענלעכע איבערצײַגונג, און איך וויל, אַז די גאַנצע וועלט זאָל עס וויסן. איך האַלט, אַז איך דריק אויס די מיינונג פון אַלע ערנטלעכע מענטשן אין גאָר דער ברייטער וועלט".

## אין סינג־סינג

ווען האָבן עטל און יוליוס זיך דערוווסט, אַז זיי האָבן נאָך בלויז אַ פּאָר שאָ צו לעבן? זיי האָבן געהאַט אינדערפרי אַ זעונג פון אַנדערטהאַלבן שאָ, ווי שטענדיק, אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן דורך אַ דיקן דראָט־ווענטל און קראַטעס. זיי האָבן גע־ווּסט, אַז אין אָט דעם מאָמענט באַשליסט דאָס העכסטע געריכט איבער זייער גורל.

מען האָט זיי צוריקגעפירט אין די צעלן צום עסן. אין קאָרידאָר פון דער צעלע איז דאָ אַ ראַדיאָ־הילכער. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט עפּעס אַ טאַנץ־מאָטיוו. פּלוצלונג האָט די מוזיק אויפגעהערט צו שפּילן און די טרוקענע שטים פונעם ראַדיאָ־ספּיקער האָט גלײַכגילטיק אַרײַנגעוואָרפן: „דאָס העכסטע געריכט האָט אַנולירט דעם באַשלוס פון ריכטער דוגלאַס, אָפּצולייגן די עקזעקוציע פון די ראָזענבערגס".

און אַ ביסל שפּעטער האָט די זעלבע שטים אַרײַנגעשריִען, אַז אײַזנהאַוער האָט אָפּגעוואָרפן די באַגנאַדיקונג.

יוליוס האָט איצט געווּסט. אָבער ווי זאָגן זײַנע וועכטער: „ער האָט ניט אַרויס־געוויזן קיין שום עמאָציע".

עטל האָט עפּשער זיך דערוווּסט אַ ביסל שפּעטער· די וועכטערן גרייטאַן, וואָס האָט פאַרלאָזט די טפיסע אין די נאָכמיטאָג־שאָען, האָט עס ווייניקסטנס אַזוי געזאָגט צו די זשורנאַליסטן, וועלכע זײַנען זי באַפאַלן בײַם טפיסע־טויער, ווי אַ מאַכנע זלידנע פליגן. זיי, די זשורנאַליסטן האָבן שוין יאָ געוווּסט און האָבן זיך שוין געקליבן אין רעדלעך פאַר דער טפיסע מיט די פאָטאָ־אַפּאַראַטן אין די הענט, קעדיי כאַלילע ניט פאַרזאַמען „אָפּצופּיקטשורען" דעם טאַליען בײַ זײַן אָנקומען אין סינג־סינג. זייערע פאַרלעגער וואָלטן עס זיי קיינמאָל ניט מויכל געווען.

— זי ווייס נאָך ניט — האָט די וועכטערן געענטפערט אויף די צודרינגלעכע פראַגן — זי האָפט נאָך טאָמיד.

— און וואָס זאָגט זי? — פרעגט מען ווײַטער.

— זי זאָגט טאָמיד דאָס זעלבע: „מיר זײַנען אומשולדיק". זי רעדט וועגן אירע קינדער. ווי יעדע מאַמע...

## עטל און יוליוס זעען זיך צום לעצטן מאָל

עטל און יוליוס ווייסן שוין איצט· מען האָט עס זיי אָפיציעל מיטגעטיילט. זיי נעמען אויף די ידיִעה וועגן דער באַלדיקער עקזעקוציע מיט דער זעלבער זעלבסט־באַ־

הערשונג און מיטן זעלבן מוט, מיט וועלכן זיי האָבן איבערגעטראָגן די יאָרן אין שטענדיקן שאָטן פון טויט. מיט דער זעלבסט־באַהערשונג און דעם מוט, וואָס קומט פון אַ ריינעם געוויסן און אַ נאָבל האַרץ.

יוליוסעס ברודער, דאַוויד, האָט זיך שוין מיט אים געזעגנט. ער פאַרלאָזט די טפיסע. ער קען קוים זיך אַרויסרײַסן פון דעם קרײַז נײַגעריקע אומפאַרשעמטע זשורנאַליסטן, וועלכע באַפאַלן אים פון אַלע זײַטן.

יוליוס און עטל זײַנען איצט אַליין. זיי בעטן אַ דערלויבעניש זיך צו זען צום לעצטן מאָל. צום לעצטן מאָל — דאָס ווערט באַוויליקט, אָבער אויך נאָר הינטער דער דיקער דראָט־וואַנט, וואָס דערלויבט קוים צו זען איינער דעם אַנדערן, וואָס לאָזט ניט צו די קלענסטע באַרירונג, דעם קלענסטן האַנט־דרוק.

קיינער ווייס ניט וועגן וואָס עטל און יוליוס האָבן גערעדט אַט באַם לעצטן צוזאַמענזײַן. קיינער וועט עס קיינמאָל ניט וויסן. מען קען עס נאָר אַנען און דאָס האַרץ פּרעסט זיך צונויף און די אויגן ווערן פײַכט, ווען מען טראַכט וועגן דעם...

## דער שאַנטאַזש

אין דער זעלבער שאָ זיצט די רויב־כאַיע באַם טעלעפאָן און גיט באַפעלן און דער דירעקטאָר פון סינג־סינג פאַרלירט ניט קיין צײַט. ער ווייס, וואָס ער האָט צו טאָן, דער דירעקטאָר. ביסלעכווײַז באַקומט דאָס שטילע שטעטל אָסינינג אַ מיליטער־רישן אויסזען. שטעכל־דראָט און באַריערעס ווערן אויפגעשטעלט אַרום דער טפיסע. רויטע מויערן. די זשורנאַליסטן זײַנען פאַרבעטן. דער טאַליען וואָרט שוין פון אינספּעציעלע אָפּאַליציי־פּטיילונגען באַזעצן די וועגן. העליקאָפּטערן קרײַזן איבער די דערפערי אָן אין אַ האָטעל. די דאָקטוירים דאַרפן יעדע רגע אָנקומען. איין זאַך פעלט אים. צוליב דער אײַלעניש וועט טפיסע־קיך ניט באַוויזן צוצוגרייטן דעם לעצטן מאָל־צײַט, אַזוי ווי דאָס איז פאָרגעשריבן. דאָס סקריאָבעט אַ ביסל אָפּן „פּראָפעסיאָנעלן געוויסן" פון טפיסע־דירעקטאָר.

דאָס זעלבע „פּראָפעסיאָנעלע געוויסן" שטערט אים ניט צו פאַראָרדענען, אַז אַלס ערשטער זאָל פאַרבעטן ווערן יוליוס, אַז עטל — די פרוי, — זאָל איבערלעבן אַט די שרעקלעכע אַגאָניע פון איר מאַן. ער מוז דערפילן זײַן פליכט ביז צו דער ענדע דער דירעקטאָר. איז דעריבער טיילט ער מיט ביידע פאַרמישפּטע, אַז די טפיסע בלײַבט ביזן סאָף פאַרבונדן דורך אַ דירעקטער טעלעפאָנישער לייטונג מיטן יוסטיץ־מיניסטעריום און אַז עס איז גענוג אַ וואָרט פון זיי, דאָס „זיי ווילן זיך מודע זײַן", קעדיי די עקזעקוציע זאָל ווערן אָפּגערופן און זיי זאָלן בלײַבן לעבן.

אָבער ניט נאָר דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום, אַ טעלעגראַמע פון א.פ.פ. פון וואַשינגטאָן מעלדעט, אַז פּרעזיזעדנט אײַזענהאַוער גופע וועט די גאַנצע צײַט „זיך האַלטן גרייט אין זײַן ביוראָ", פאַרן פאַל, אויב די ראָזענבערגס ווילן „ענדערן זייער האַלטונג".

עס וואַרט דער יוסטיץ־מיניסטער, עס וואַרט דער פּרעזידענט. עס וואַרט אויך אין זײַן, פון פאָליציי־אַגענטן באַוואַכטן, ביוראָ דער ריכטער קאָופמאַן, אַזוי ווי עס האָט געוואַרט אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס, טאָמער וועט איינער פון כאַנעס זין כאָטש מאַכן דעם אָנשטעל זיך צו בוקן פאַרן געץ...

## די לעצטע מינוטן

האַלב זעקס (אַמעריקאַנער צײַט) ברענגט מען יוליוסן און עטלען יעדן צוריק אין זייערע צעלן. מען „גרייט" זיי צו.

דער פריזירער ראַזירט אָפּ יוליוסן די וואָנצעס און אַ טייל האָר פון קאָפּ און פון לינקן פוס, קעדיי די עלעקטרישע קאָטאָדן זאָלן בעסער צוקומען צו דער הויט. מען שערט אָפּ עטלען אירע געדיכטע, שוואַרצע האָר.

די לעצטע זון־שטראַלן באַלויכטן די ברעגעס פון הודסאָן־טײַך, דעם פּעלדז אַף וועלכן עס שטייט די טפּיסע. די מאַרטירער ווייסן — צוזאַמען מיטן לעצטן שטראַל, וועט זיך אויסלעשן זייער לעבן.

די זשורנאַליסטן, דרײַ מאַן פון 28 אַנוועזנדיקע, וועלן קענען אַנוועזנד זײַן בײַ דער עקזעקוציע. די דאָקטוירים, דער טאַליען — אַלע זײַנען דאָ...

## די קאַמער פון עלעקטרישן טויט

אַ גרויסער, ליידיקער זאַל. פון איין זײַט פיר בענק, פון דער אַנדערער זײַט דער עלעקטרישער שטול, פון וועלכן עס שלעפּן זיך דראָטן און קאַבלען. רעכטס פון שטול אַ שטאָלענע טיר, ליַנקס אַ מין בודקע מיט אַ פאַרמאַכטער טיר. דאָרט שטייט דער טאַליען.

אַף די בענק זיצן פיר באַאַמטע, דרײַ זשורנאַליסטן, צוויי דאָקטוירים.

אין דרויסן הייבט די זון אָן פּאַמעלעך צו זינקען. דער גאַנצער מיזרעו שטייט אין פלאַמען. עס איז 7 אַזייגער אינאָוונט. איבער אייראָפּע ליגט נאַכט. אין פּאַריז איז איינס אַזייגער.

## דער טויט פון יוליוסן

פון קאָרידאָר הינטער דער שטאָלענער טיר הערט זיך אַ רעציטאַטיוו — אַן אַלטער ייִדישער ניגון.

די טיר עפנט זיך. אַלס ערשטער גייט אַרײַן דער טפיסע־ראָוו, איירווינג קאָסלאָו, וועלכער לייענט הויך מיטן טראַדיציאָנעלן ניגון אַ קאַפּיטל טילים. ער בלײַבט שטיין און לאָזט דורך יוליוס ראָזענבערג.

יוליוס איז אָנגעטאָן אין אַ ווײַס העמד און ברוינע הויזן. ער גייט מיט פעסטע טריט, פּאַמעלעך, גראַד ווי אַ סטרונע און אַ רויִק פּאָנעם. זײַנע ליפּן זײַנען געשלאָסן. זײַנע אויגן בליקן אין דער ווײַט.

מען וואָרט. ער האָט בלויז איין וואָרט צו זאָגן און שוין וועט מען אים ווידער אַרויספירן פון אָט דעם זאַל, צוריק צום לעבן, צום עקזיסטירן. עס וואַרטן די באַאַמטע, עס וואַרטן אין וואַשינגטאָן אײַזענהאַוער און בראַונעל. עס וואַרט אין ניו־יאָרק קאַופמאַן.

אָבער יוליוס זאָגט ניט קיין וואָרט. ער זיצט אַפן שטול. מען בינדט אים צו די הענט און פיס צום שטול, מען לייגט אַרויף אַף זײַן פּאָנעם די לעדערנע מאַסקע, אַף זײַן קאָפּ דעם מעטאַלענעם העלם. מען צעשנײַדט די הויזן אַפן לינקן פוס, כדיי צו באַפעסטיקן די קאַטאָדן.

ער שווײַגט, קיין וואָרט קומט ניט פון זײַנע ליפּן.

עס איז פיר מינוט נאָך אַכט. דער טאַליען דריקט אַראָפּ דעם שאַלטער. אַ פײַף גייט דורכן רוים. ראָזענבערגס קערפּער דערלאַנגט אַ שפרונג פאָרויס. זײַנע אָדערן ווערן אָנגעשוואָלן, זײַן ברוסט וועלבט זיך אַרויס, ווי זי וואָלט געוואָלט פּלאַצן. זײַנע פויסטן בײַלן זיך. ער פאַלט צוריק אַראָפּ.

נאָך אַ לאַדונג שטראָם. ווידער ווערט ער געוואָרפן נאָך פאָרנט. נאָך אַ לאַדונג. יוליוס פאַלט צוזאַמען.

די ביידע דאָקטוירים קומען צו. איינער זאָגט: — איך דערקלער, אַז אָט דער מאַן איז טויט. עס איז 6 מינוט, 45 סעקונדעס נאָך 8 (נאָך איינס באַנאַכט פּאַריזער צײַט). די פּײַניקונג האָט געדויערט 2 מינוט און 45 סעקונדעס.

דער קערפּער ווערט אַראָפּגענומען פון שטול און אַוועקגעפירט.

# דער טויט פֿון עטל

עס גייען אַדורך פֿינף מינוטן. ווידער הערט מען דעם ניגן פֿון ראָוו. די טיר עפֿנט זיך. הינטערן ראָוו קומט אַרײַן עטל.

זי טראָגט אַ גרין קלייד. זי זעט אויס גאָר יונג. די האָר אָפּגעשניטן. אויך זי גייט פֿאַמעלעך, מיט פֿעסטע טריט, דעם קאָפּ געבויגן, מיט אַ רויִקן בליק.

הינטער איר גייען די קראַנקן־שוועסטער פֿון דער פּרויען־טפּיסע און די טעלעפֿאַניסטקע.

מען וואַרט. זי האָט נאָר אַ וואָרט צו זאָגן און שוין פֿירט מען זי אַרויס פֿון אַט דער טויטן־קאַמער. עס וואַרטן אין וואַשינגטאָן אײַזענהאַוער און בראַונעל. עס וואַרט אין ניו־יאָרק דער ריכטער קאַופֿמאַן.

אָבער עטל זאָגט ניט קיין וואָרט. אירע ליפּן בלײַבן פֿעסט פֿאַרשלאָסן.

זי גייט צום עלעקטרישן שטול. אָבער איידער זי זעצט זיך, בלײַבט זי אַ סעקונדע שטיין און שטרעקט אויס די האַנט צו געזעגענען זיך מיט דער קראַנקן־שוועסטער. די אַנדערע נעמט זי אָן בײַ דער האַנט און עטל נעמט זי אַרום און צעקושט זיך מיט איר.

רויִק זעצט זיך עטל אָפּן טויטן־שטול. מען טוט איר אָן דעם העלם, די מאַסקע, די רימענס, איין רימען נאָך מער אָפּן ברוסט. זי קען נאָך בלײַבן לעבן, ווען זי וויל. איין זשעסט. אָבער קיין טאָן קומט ניט פֿון אירע ליפּן.

עס איז עלף מינוט נאָך אַכט (נאָך איינס אַזייגער אין פּאַריז). דער טאַליען דריקט אַראָפּ דעם שאַלטער.

אַ פֿײַף. אַ גרוי־בלוילעכער רויך שטײַגט אויף פֿון אונטער דער קאַסקע אָף עטלס קאָפּ. אירע פֿויסטן בײַלן זיך. איר גוף ווערט געשלײַדערט נאָך פֿאָרנט.

איין לאַדונג. אַ צווייטע. אַ דריטע.

די דאָקטוירים באַטראַכטן זי. זיי פֿליסטערן אַ פּאָר ווערטער צו דעם טפּיסע־דירעקטאָר. ער גיט אַ צייכן. די וועכטער בינדן ווידער צו די רימענס. דער טאַליען דריקט ווידער אָפּן הייבער. צוויי נײַע לאַדונגען.

די דאָקטוירים גייען ווידער צו. ערשט איצט זאָגט איינער: — איך דערקלער אַט די פֿרוי פֿאַר טויט.

די פּײַניקונג האָט געדויערט פֿינף מינוט!

עס איז זעכצן מינוט נאָך איינס בײַנאַכט אין פּאַריז.

:: :: ::

ניין, מען קען ניט מער שרײַבן. און מען קען ניט מער לייענען. אָבער עס מוז געשריבן ווערן.

און איר, ווער איר זאָלט ניט זײַן, מאַן אָדער פֿרוי, איר מוזט עס לייענען. איר מוזט עס לייענען פֿון אָנהייב ביזן סאָף און אַרײַננעמען אין אײַער זיקאָרן.

אַז ניט אויסלעשן זאָל זיך אײַער גליאיקער צאָרן און האַס צו די, וואָס זײַנען באַגאַנגען דעם דאָזיקן פֿאַרברעכן!

אַז ניט אויסלעשן זאָל זיך בײַ אײַך דער ליכטיקער אָנדענק פֿון די מאַרטירער און אײַך טאָמיד רופֿן צו טאָט פֿאַר יושער, שאָלעם און מענטשלעכקייט!